STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01992

DER OREM FUN LIBSHAFT

Moses Schulstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין

דער אָרעם פון ליבשאַפט

הילע און צייכענונגען פון ב ע ן

אַ דאַנק אַלע אינסטיטוציעס און יחידים
וועלכע האָבן מיט זייער ביישטייער דער־
מעגלעכט דאָס דערשיינען פון דאָזיקן בוך

M. SZULSZTEIN

Der orem fun libchaft

LE BRAS D'AMOUR
(Poèmes)

© Copyright by M. Szulsztein
Printed in France
IM.PO., 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

משה שולשטיין

דער אָרעם פון ליבשאפט

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט
פּאַריז 1977

פון זיך צו זיך

★

מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים נעפּל דעם גרויען
פאַרבאָרגן, פאַרהילט און פאַרהוילן צו זיין,
כ׳זאָל סוד און כוונה דיר קענען פאַרטרויען,
פאַרשטעלטע מיט דיר ווי מיט פּעסער דער וויין.
מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים נעפּל דעם גרויען.

מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים קוואַל ביי דעם קלאָרן
ווי לויטער און דורכזיכטיק־ליכטיק צו זיין,
ווו זען זאָל מען מיך אין מיין מילדקייט און צאָרן,
מיט מינדעסטן פּרט וואָס איז מיין און אויך דיין.
מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים קוואַל ביי דעם קלאָרן.

מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים שטיין ביי דעם האַרטן
ווי דויערדיק, שווייגיק און גבורהדיק זיין,
וואָס לעבט אויך אַריבער דעם טויט דעם דערוואַרטן;
זיין שטאַרקייט און שטילקייט אין דיר נעם אַריין.
מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים שטיין ביי דעם האַרטן.

מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים בליץ און ביים דונער
ווי לייכטנדיק־בלענדיק און הילכיק צו זיין
און בוק זיך צו זיי מיטן פאָרכט פון אמונה —
צום אייביקן זיווג פון קלאַנג און פון שיין.
מיין ליד, זאָלסט זיך לערנען ביים בליץ און ביים דונער.

צווישן ביכער

אַזויפיל ווערטער האָט איר און איר זאָגט מיר גאָרנישט,
דאָך הער איך אייך, מיר דאַכט, איר שעפּטשעט רק צו מיר,
פון דלד־אמות אייערע — די פּאַליצעס און ברעטער,
ווו כ׳זע אייך שטיין מעת־לעתן־לאַנג, אַן אייביקייט אַזוי,
סיי אָפענע, נישט־צוגעשלאָסענע און סיי פאַרשטעלטע,
פאַרמאַכטע שטענדיק הינטער גלאָז און טיר,
און עפּעס, דוכט, איר שושקעט זיך און שושקעט מיט די בלעטער,
און ווען עס איז אינגאַנצן שטיל איך הער אייך, הער,
און גרויס ווערט אַלץ וואָס ערשט געווען איז קליין און נישטיק.
כאָטש מיט לשונות אייערע איר מורמלט אַלערלייאיק,
איז אייער היכל נישט פאַר מיר קיין בבל-טורעם אַ צעמישטער
און צו פאַרשטייַן אייך איז פאַר מיר נישט שווער.
אַ טייל פון אייך שוין געל און האַרבסטיק וויאַנעך,
ווי מענטשן וואָס פאַרזינקען שוין אין טיפן עלטער,
און דאָך מיט אייך איז שטענדיק אין מיין צימער פריש און מאַיִק,
און יונגשאַפט אייביקע איז אייביק צווישן אייך פאַראַנען,
און צווישן דער חברותא אייערער דער יונגער
מיר דאַכט, אַז ייִנגער ווער איך אויך אַליין.
ווי גוט איז מיר צו זיין אין אייער קרייז,
ווי מיט משפחה־לייט צו זיין אַרומגערינגלט,
זיך וואַרעמען אין פלאַם פון אייער גייסט,
און זיין פון אייער אייביק ליכט באַשיינט,
און אויסהערן כ׳בין גרייט אייך לאַנג ווי גוטע־ברידער
און כ׳קען אפילו הערן, הערן אייך אַ גאַנצע נאַכט
און זיך פאַר אייך פאַרטרויען ווי פאַר אַלטע גוטע פריינט
און פילן אַז איך בין נישט קיינמאָל צווישן אייך אַליין.

און ווען איך דרימל־איין אַמאָל ביים טיש אַ מידער,
מיר דאַכט, אַז איבער מיר איר ציטערט און איר וואַכט
און איר באַשיצט מיך ווי מלאכים גוטע מיט די פֿליגל —
די בלעטער אייערע, די שאָרכנדיקע, ליב און צאַרט,
ווי ס׳פֿלעגט מיין מאַמע וואַכן איבער מיר ביים וויגל.

האַרץ מיינס...

אוי, האַרץ מיינס, ווי אַזוי זאָל איך דיר דאַנקען
וואָס האָסט מיין ליד אין דיינע פעדעמלעך פאַרוועבט;
וואָס האָסט עס, ווי אַ טאַרבע מיט די טייערסטע געשאַנקען,
דורך אַלע שטורעמס דורכגעטראָגן, דורכגעשלעפּט.

עס שטראָמט מיין בלוט דורך דיר און אַלע מיינע קלאַנגען.
ווי ס׳שלאָגט דער דופּק, שלאָגן זיי אין דיר.
מיין ציטערדיקע ציטרע, ווו מיין ליד איז אויפגעגאַנגען
פון דיינע סטרונעס — אָדערן, פון דיין וויבריר.

ווען שעקספּיר וואָלט דיך פון מיין גוף אַרויסגעשניטן
(ווי ס׳האָט געדאַרפט דאָס טאָן פאַר אים דער ייד),
קען זיין, פאַרגיסן ס׳בלוט מיינס וואָלט עס נישט פאַרמיטן,
נאָר ס׳וואָלט דאָס מעסער נישט פאַרשטומט אין דיר מיין ליד.

און אפשר...

און אפשר וואָלט בעסער פאַר מיר שוין געווען
אין אַן אַנדערער תקופה געבוירן צו ווערן,
ווען מ׳האָט נאָך געשריבן מיט אַ געגנדזענע פען
און חכמה געווען איז פון איר וואָס צו הערן;

ווען אַ יחסן אַ גרויסער געווען איז דאָס פערד,
ווייל מיט אים בלויז, דעם סוס, מ׳איז אַ וועלט אויסגעפאָרן;
ווען עס האָט אויף דועלן געקלונגען די שווערד —
נאָר אָט דאָס וואָלט איך נייטיק באַדאַרפט אויף כפרות;

ווען עס פלעגן פאָרפעלקער נישט זאָגן זיך „דו״,
דאָך אירצנדיק זיך האָט מען קינדער געבוירן;
ווען מען האָט נאָך געלאָזט די לבנה צורו,
מ׳האָט ליבע ביי איר בלויז און טריישאַפט געשווירן.

איך וואָלט מיינע לידער אין שטיינער פאַרקריצט,
איך וואָלט נישט געוווּסט פון קיין גאָפל־און־מעסער —
געבוירן צו ווערן פאַרצייטנס, נישט איצט,
קען זיין דאָס וואָלט גריילעך געווען פאַר מיר בעסער.

באַהיט מיך, גאָט...

באַהיט מיך, גאָט,
פון זיין גענאַרט,
און מער נאָך, מער פון דעם
אַז איך זאָל אַנדערע גענאַרן.
באַהיט מיך, גאָט.

באַהיט מיך, גאָט,
פון זיין באַשטראָפט,
און מער נאָך, מער פון דעם
אַז איך זאָל אַנדערע באַשטראָפן.
באַהיט מיך, גאָט.

באַהיט מיך, גאָט,
פון זיין פאַרשפּאַרט,
און מער נאָך, מער פון דעם
אַז איך זאָל אַנדערע פאַרשפּאַרן.
באַהיט מיך, גאָט.

באַהיט מיך, גאָט,
פון זיין פאַרשעמט,
און מער נאָך, מער פון דעם
אַז איך זאָל אַנדערע פאַרשעמען.
באַהיט מיך, גאָט.

יידישע ביכער

די ביכער יידישע אין מיינע פּאַליצעס צעשטעלטע,
וואָס טייל מיט זיקנה־קנייטשן שוין, מיט בלעטער שוין פאַרגעלטע.

מיר דאַכט זיך ווי זיי וואָלטן רק ביי מיר זיך היינט געבעטן:
אָ, לאָז אונדז נישט — און גראָד מיט נישט באַרירן אונדז — צעטרעטן.

מיט ווערטער אין די בלעטער, וואָס מיליאָנען מיר פאַרמאָגן,
אָ, לאָז אונדז איצטער אונדזער גאַנצע ביטערניש דיר זאָגן.

איין בוך, ווי אַ שליח־ציבור, רוקט אַרויס דעם רוקן:
ווער וועט נאָך נעמען אונדז אין האַנט, אויף אונדז מיט ליבשאַפט קוקן?

ווער, אויב נישט דו, וועט אונדז אַמאָל אַ בלעטל איבערמישן,
אַראָפּנעמען דעם שטויב פון אונדז, די שפּור פון צער פאַרווישן?

איך זע, זיי שטרעקן זיך צו מיר פון פּאַליצעס און פאַכן.
ווי ליפּן אין אַ תפילה, טאָוולען עפענען זיך און פאַרמאַכן:

אָ, לאָז נאָך דורכגיין ווי אַ חסד איבער אונדז דיין ראיה
נאָך איידער ס׳פאַלט אויף אונדז אַראָפּ דער אָפּשיין פון דער שקיעה.

איך זינג...

איך זינג, איך זינג,
ווייל איך אָטעם,
איך אָטעם,
ווייל איך זינג.
מיר דאַכט זיך אַז איך ווער קליין,
קלענער, קלענער, דער קלענסטער,
און גרעסער, גרעסער מיין שאָטן,
ער פאַרהילט מיך,
ער נעמט מיך אַריין,
איך זיך אַריין,
און איך זינק,
איך זינק אין אים אַריין
און אין אָוונט,
וואָס פאַלט שוין אַראָפּ אויף מיין פענצטער.
מיין געזאַנג, מיין געזאַנג,
עס קען נישט אַוועק פון מיר
כל־זמן, כל־זמן
איך קען נישט אַוועק פון אים,
ווי איך אַליין,
איך קען נישט אַוועק פון מיר,
כל־זמן, כל־זמן
איך אַליין,
איך הער מיין שטים.
מיין געזאַנג, מיין געזאַנג,
עס קען נישט אַוועק פון מיר,

אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג
ווי איך קען נישט אַוועק
פון מיין געזאַנג.
וואָס אַמאָל ווערט קלענער, קלענער,
דער קרייז פון מיינע הערער,
ס'ווערט לערער, לערער,
און שווערער.
זיי גייען אַוועק פון מיר,
אָט די,
וואָס האָבן מיך געהערט,
און זיי לאָזן איבער מיין געזאַנג
אין שטילקייט און אין שטויב,
אָדער נעמען עס מיט מיט זיך
אַהין, אַהין,
פון וואַנען קיין ווידערקלאַנג
האָט זיך קיינמאָל, קיינמאָל,
צו מיר נישט אומגעקערט.
קלינג־אויף,
מיין געזאַנג, מיין געזאַנג,
מיטן גאַנצן כוח
גיב אַ קלונג!
אַז איך זינג —
דאָס מיינט אַז איך לעב.
אַז איך לעב,
דאָס מיינט,
אַז איך זינג.

צום בוים אין האַרבסט

פון בוים פאַלן אויס אַלע בלעטער,
פון קאָפּ פאַלן אויס אַלע האָר.
דאָ העלפט נישט קיין גואל, קיין רעטער.
ס׳איז האַרבסט פאַר אונדז ביידן. דאָס גאָר!

דער בוים איז פון יאוש דערשלאָגן,
די צווייגן אין עצבות פאַרבראָכט.
כ׳דאַרף אפשר אַ טרייסט־וואָרט אים זאָגן:
מער שרעקט מיך מיין האַרבסט אין די נעכט.

מיך האָבן געלערנט חכמים:
זע ערגערס ביי יענעם און לעב,
זאָל שטענדיק דאָס זיין דיין נחמה,
און כוח און ליכט פון איר שעפּ.

דאָס וואָרט פון חז״ל — האַלט זיך אָן אים.
ווערסט שטיין נאָך אין פרילינג צעבליט —
אַ חתן, פון פייגל־בדחנים
באַזונגען מיט שבחים אין ליד.

ס׳קומט ווידער דיין פרילינג, איך קען אים.
בלויז איך האָב איין פרילינג געהאַט.
דאַרף איך זיך פאַרקוקן אויף יענעם
וואָס קיינמאָל געגרינט האָט זיין בלאַט?

ווען ס'פֿאַלט אַ בוים אין וואַלד...

אַן אומעט און אַ ווייטיק מיך באַפֿאַלט
ווען כ'זע ווי ס'גיט אַ פֿאַל אַ בוים אין וואַלד.

ער האָט זיך ווערן מער שוין נישט געקענט
אַנטקעגן זעג און האַק און מענטשן־הענט.

ווי אין אַ שטאָם, די האַק אין מיר פֿאַרשטעקט,
ווען כ'זע, אויף דרערד דער בוים ליגט אויסגעשטרעקט.

ווי אין דער קאָרע, כ'פֿיל די האַק פֿאַרקלעמט,
ווען ס'ליגט דער בוים געפֿאַלן און פֿאַרשעמט.

ווי דורכגעזיפּט וואָלט אים אַ האָגל בליי,
אַ פֿאַל געטאָן איז ער מיט אַ געשריי.

ער שטרעקט די צווייגן נאָך, פֿאַרצווייפֿלט רופֿט,
און גיט אַ בראָך און שוידער דורך דער לופֿט.

חוץ מיר הערט קיינער נישט זיין רחמים־שטים,
און ווען ער פֿאַלט, מיר דאַכט איך פֿאַל מיט אים.

מיין מאַמע ביי דער באַליע וועש

אַ פאַרהילטע אין אַ וואָלקן פּאַרע,
אין פרימאָרגן שטייט מיין מאַמע איינגעבויגן
פאַר דער פולער הייסער באַליע גרעט
און מיט הענט צעאָדערטע און בלייך
רק זי וואַשט און רייבט און שווענקט.
רק זי רייבט און רייבט און דרענגט.
אינעם וואָלקן ווערט פאַרווישט איר מראה
און איר גוף אין אים גייט איין, גייט איין.
ווי צוויי שיפעלעך — דער מאַמעס אויגן,
אָנגעזאַפּט מיט ביטערקייט און פּיין,
אין דער באַליע שווימען אום ווי אין אַ טייך.
פונעם וואָלקן ווער נאָך זעט אַרויס, ווער זעט
ס׳פּנים אירס, צעקאַרבט פון שווערע דאגות?
אָבער איך, איך הער אַלץ ווי זי רייבט און שווענקט.
איך, אַ ייִנגעלע, וואָס ווייס איך דען? —
כ׳שפּיל זיך מיט די שיינע זייפן־בלאָזן.
כ׳זע, ס׳האָט יעדער זייפן־בלאָז אַ פענצטערל אַ בלויס.
ווי־נאָר ס׳וועט זיך עפענען כ׳וועל תיכף,
ווי אַ פייגעלע פון אויפגעמאַכטן שטייגל,
דורכן בלויען פענצטערל אַרויס
צו די פעלדער, לאָנקעס, פלאַנצן, גראָזן.
זעט דאָס צו דער טאַטע מאַכט ער: הער,
משהלע, די מאַמע האָרעוועט גאַנץ שווער,
אָבער דיר אין זינען ליגן שפּילעמייקעס.
אוי, געדענק, וועסט האָבן אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ.
האָסט צו לערנען פאַר אַ גאַנצער וואָך,
איינצוחזרן די סדרה מיטן טראָפּ.

נו, און ווו איז רש״י, תוספות און נאָך און נאָך?
ווערט מיר אויפן האַרץ פון טאַטנס רייד נישט גרינגער.
פון דער מאַמעס שווער-פאַרזאָרגטן פנים
אין דער פאַרעדיקער באַליע, זע איך, פאַלט אַריין
אין די מולינעס אַ טראָפּן שוויס,
אָדער אפשר גאָר אַ טרער פון אויג.
ס׳וועט לכבוד שבת אָנטאָן מיר די מאַמע
אַ פּאָר מייטקעס און אַ פריש געמאַנגלט העמדל,
וואָס געריבן האָט זי מיט די פינגער
און געשוואָנקט מיט זיי, צעגעסענע פון לויג.
בריען וועט מיין לייב מיין מאַמעס טרער,
און מיט זייפן־בלאָזן שפּילן וועל איך זיך נישט מער.

מיין מאַמע באַקט ברויט

מיין מאַמע באַקט היינט ברויט — די שטוב איז כולו פרייד!
דער אויוון פייערט העליש רויט — פאַר פרייד.
זיין עפּענונג — אַן אָפּן מויל געלעכטער פול מיט פרייד.
די פלאַמען טאַנצן מיט התלהבות און מיט ברען — פאַר פרייד.
אין אָנגעגליטן אויוון קנאַקט דאָס האָלץ — פאַר פרייד.
די שפּענער אויך, ווי לערנייִנגלעך, העלפן צו מיט פרייד.
די מאַמע גלעט און צערטלט יעדעס ברויט — פאַר פרייד.
און מיט די הענט זי קאַטשעט זיי אַהין, אַהער — פאַר פרייד,
און ווי מיט באַלעמס וואָלט זי זיך געשפּילט מיט זיי — פאַר פרייד,
און ווי זי וואָלט געהוידעט קינדער, איינגעוויגט מיט פרייד.
ווי ליכטיק ס׳איז דער מאַמעס פּנים און עס שיינט — פאַר פרייד!
דער מאַמעס שאָטן אויף דער וואַנט איז גרויס — פאַר פרייד.
איר שאָטן אויך אפילו טאַנצט פאַר נחת און פאַר פרייד,
ווען ס׳באַקט די מאַמע און די שטוב איז כולו פרייד!

מען לופטערט ספרים

מען לופטערט ספרים היינט אין אונדזער געסל, אונדזער פּאָדוועזש.
בלויז איין מאָל, ערב פּסח, גיט מען זיי צו שמעקן פרישע לופט.
זיי ווערן איין מאָל בלויז אין יאָר מיט לינדע ווינטעלעך געהאָדעוועט.
איין מאָל אין יאָר בלויז... אוי, מען זאָל נישט זיין דערמיט געפּרוווט.

משניותן, גמרות פּאַכען, ווי מיט פליגל, מיט די דפּן,
און פּאַטשן זיך גוטברודעריש און קלעפּלען אין דער זייט.
מיר דאַכט, זיי פליען פּלוצים אָפּ — אַ טשאַטע מעוועס צו אַ האַפן,
אַהין דאָרט ווו זיי האָבן שפּייז דערשמעקט פון ערגעץ ווייט.

עס גייט אַרויס אַ שטויב פון ספרים, וואָס האָט לאַנג זיך אָנגעקליבן,
און יעדער ספר קריגט אַ צאַרטן גלעט פון מאַמעס פלעדערוויש.
ס׳איז אין אַ צאינה־וראינה נאָך אַ טרער דער באָבעשיס געבליבן
און ס׳איז פאַרבליבן אין אַ בלאַט אַ קנייטש, אַ סימן פאַרן איבערמיש.

עס מישט דער ווינט די בלעטער. אפשר זוכט ער דאָרט אין זיי אַ פּסוק,
צי אפשר וויל ער זיך דערמאָנען, לויט פאַריאָרן, ווו ער האַלט.
דער מאַמעס זיפץ פון טייטש־חומש אַרויס כ׳הער ביטער און פאַרדראָסיק.
עס לייכט אַ שטראַלעכל — אַ האָר פון זיידנס באָרד פון אַ גמרא־שפּאַלט.

אוי, פּאַכענדיקע, פלאַטערדיקע בלעטער, ווי כ׳בין אייך אַזוי מקנא!
איך וואָלט מיר אָנגעטאָן די פליגל אייערע פון שאַרכנדיקן זייד;
אַ מלאך וויל איך ווערן און מיט זיי אַוועקפליען פון דאַנען,
אַוועק, אַוועק וווהין עס זאָל נישט זיין, אַבי נאָר ערגעץ ווייט.

ל״ג - בעומר

ס׳איז היינט ל״ג־בעומר אויף דער וועלט.
די לאַנקעס — גרינער סאַמעט.
תלמידים זיינע אויפן פעלד
פירט פנחסל מלמד.

ער זעט זיי אויפן גראָז ביים וועג
מיט הילצערנעם כלי־זיין.
צי פילט עץ, חברה־לייט, ווי ס׳שמעקט
גאָטס וועלטל — אַ מחיה!

אַ ווינטעלע דורך צווייג און סכך
אין רבינס נאָז — אַ תענוג!
ווי ס׳וואָלט דער קוימענקערער סטאַך
אַ קוימען אויסגערייניקט.

נו, נישט געוואָיוועט — קוועלט ער, שיינט —
וואָס קיקט עץ דאָרט צום שיקסל? —
ווער האָט פאַר אים דען מורא היינט! —
מען כאַפּט זיך גלייך צום ביקסל.

ס׳איז חי געלעבט! דאָס חדר אויס,
אויס חומש, קאַנטשיק, טייטל.
און עסנוואַרג מען נעמט אַרויס
פון טאָרבע און פון בייטל.

פון ריחות שלאָפט דער רבי איין,
און זעמל, ברויט און בייגל
די חברה רייבט אויף אַלע ציין
און ציען צו די פייגל.

אין רבינס באָרד מען וואַרפט און שמיצט
אַלץ: אייערשאָל און ברעקלעך.
צום שיקסל מעג מען קוקן איצט,
כאָטש ס'רויטלען זיך די בעקלעך.

די פייגל פיקן פון דער באָרד.
זיי נאָר נישט איבערשרעקן...
דער רבי שלאָפט, קיין פּיפּס, קיין וואָרט,
אים נאָר נישט איבערוועקן...

ס'איז ווויל אייך, זינגענדיקע געסט,
ס'איז בעסער ווי אין שטייגל.
און ס'האָבן זיך געמאַכט אַ נעסט
פון רבינס באָרד די פייגל.

שניימענטש

דער שניימענטש וואָס איך האָב אַמאָל געמאַכט
מיט מיינע ייִנגל־הענט אין מיינע ייִנגל־יאָרן,
איז לאַנג צעגאַנגען שוין, נאָר יעדע נאַכט
איך זע אים אַלץ נאָך שטיין — אין מיין זכרון.

ווי דעמאָלט הײַנט באַווײַזט ער זיך פאַר מיר,
ווען כ׳האָב צו מיר אין חלום אים גערופן;
ווען אים געפורעמט האָט מיין האַנט־באַריר,
פון ווײַסקייט און התפעלות בגילופין.

ווי דעמאָלט שטייט ער אין זיין ווײַסן פעלץ,
אין זײַנע פאַלעס אײַנגעהילט, פאַרבאַבלט.
די זון פון תמוז האָט אים נישט צעשמעלצט
און קיין געוויסער נישט פאַרווישט, קיין מבול.

ער שטייט אַלץ אין מיין דלד־אמות־וועלט
און כ׳פורעם אים מיט מיינע הענט געניטע
און מיט מיין אָטעם בלאָז איך אויף אים קעלט,
עס זאָל קיין מדבר־היץ נישט האָבן אויף אים שליטה.

און הײַנט, ווען ס׳ווערט שוין אויך מיין קאָפּ פאַרשנייט
און איך אַליין שטיי אײַנגעהילט, געבויגן,
איך זאָג: אַ דאַנק דיר, שניימענטש, פאַר דער פרייד
וואָס איצטער שייַנט זי נאָך אין מיינע אויגן.

דער שניימענטש וואָס איך האָב אַמאָל געמאַכט
מיט מיינע ייִנגל־הענט אין מיינע ייִנגל־יאָרן,
איז לאַנג צעגאַנגען שוין, נאָר יעדע נאַכט
איך זע אים אַלץ נאָך שטיין — אין מיין זכרון.


Benn

מיין פעטער מרדכי

געזיכטער פון מיין היים, זיי קומען ביי מיר מאָנען:
אוי, נעם אונדז פון פאַרגעסעניש אַרויס.
דער פעטער מרדכי שפּילט אויף דער האַרמאָניע
און ווי אַ קינד ער צערטלט זי אין שויס.

זי הענגט פון אים אַראָפּ מיט פּאַסן צוגעבונדן,
ווי זי געווען וואָלט פון זיין גוף אַ טייל,
די פינגער זיינע פליען, ווערן באַלד פאַרשוווּנדן,
ווי ס׳וואָלטן שוואַלבן שוועבן, קרייזן אין געאייל.

פאַרנאַכט, דער פעטער מרדכי זיצט אויף שטיינער־טרעפּלעך
און ס׳איז מיט קלאַנגען פול זיין טונקלער שויס.
איך וויל אַזוי אַ דריק־טאָן אויף די צויבער־קנעפּלעך,
דער פעטער אָבער זאָגט מיר, ווען כ׳וועל ווערן גרויס.

דער פעטער מרדכי שפּילט, אַט שטילער און אַט העכער,
די טענער לויפן־אָן און לויפן באַלד אַוועק.
האַלב רונדיק בייגט זיך די האַרמאָניע ווי אַ פעכער,
באַלד רונדיקער און ברייטער ווי אַ פּאַווע־עק.

נאָך איצט, ווען כ׳גיי פאַרביי אַ ביסטראָ וווּ עס זיצן
די דאָרפסלייט ביי אַ ביר און ביי אַ בעלאָט־קאָן,
מיין פעטערס טענער מיר אין האַרצן זיך פאַרקריצן
ווען כ׳הער פון דאָרט אַ היימישן אַקאָרדעאָן.

ביז ווייטיק ווערן מיר מיין פּעטערס טענער נענטער.
צו דריקן אויף די קנעפּלעך בין איך לאַנג שוין גרויס,
נאָר ווי די פֿייגל פֿון אַ נעסט אַן אָפּגעבערענטער
צעפֿליִגן זענען אַלע קלאַנגען פֿון זיין שויס.

לעוועגס, 1977

אין דרויסן פאַר מיין פענצטער...

אין דרויסן פאַר מיין פענצטער זינגענדיקע פייגל שוועבן,
ווי פאַרן חדר־פענצטער אין מיין קינדהייט כ׳הער זיי ווידער.
זינגט, זינגט, כ׳האָב שמיץ געקריגן צוליב אייך אַמאָל פון רבין,
ווייל כ׳פלעג אייך הערן און נישט וויסן ווו איך האַלט אין סידור.

צערונען זענען פלוצים אַלע אותיות און צעגאַנגען,
איך זוך אומזיסט אין זיי דאָס וואָרט, דעם פסוק, ווי אַ בלינדער,
נאָר ס׳האָבן, פייגעלעך, געטרייסט מיך אייערע געזאַנגען
און מיר געמאַכט מיין מורא לייכטער און מיין ווייטיק לינדער.

פאַר אייך האָב איך די שמיץ געקריגן און פאַר אייך געליטן,
מעגט איר באַשענקען איצטער מיך מיט אייערע געזאַנגען,
ס׳האָט אייער זינגען מיט די שמיץ אין מיר זיך איינגעשניטן
און ביידע זענען זיך אַמאָל אין מיר צונויפגעגאַנגען.

דעם רבין האָב איך זיינע שמיץ שוין לאַנג, שוין לאַנג פאַרגעבן,
אויב ער מיר נישט מיין זינד — איז לייג איך זיך מאַר אים אַנידער,
און ווי די פרענגעס אויף מיין לייב פון קאַנטשיק פונעם רבין,
דער שאַרפער טיפער ווייטיק היינט גייט־אויף אין מיינע לידער.

אַ פענצטער אין שטאָט

מילכּה׳ן

ס׳האָט די שטאָט אַזויפיל פענצטער
און גאַרדינען פול מיט סוד.
פון אַזויפיל פרעמדע פענצטער
איינס בלויז האָב איך אין דער שטאָט.

ווען עס צינדן אָן זיך פענצטער
צינדט זיך אַנדערש אָן בלויז איינס.
צווישן אַלע פרעמדע פענצטער
ווייס איך, ס׳איז דאָס פענצטער דיינס.

אויף אַ פענצטער שטייט אַ שטייגל,
אויף אַ צווייטן — בלומענטעפּ,
דיינס איז אין אַ נעץ פון שטראַלן,
ס׳איז מיין האַרץ אין איר פאַרוועבט.

ס׳האָט די שטאָט אַזויפיל פענצטער,
האָט זיך איינס מיר פאַרגעדענקט, —
האָסט געקוקט דורך יענעם פענצטער,
מיר דורך אים דיין בליק געשענקט.

כ׳זע עס נאָך אַזויפיל יאָרן,
אונטער קרומען אָפּדאַך הויך,
ס׳שיינט אַרויס אַ ליכט פון פענצטער —
און דו אויך.

דו האָסט אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

דו האָסט אַראָפּגעלאָזט די אויגן —
ווייל קענסט נישט אויסהאַלטן מיין בליק? —
און איבער זיי דיין ברעמען־בויגן —
ווי מזל־פּאָדקעוועס פון גליק.

ווי צאַרטע פּאָרהענגלעך פון צניעות,
די אויגן־דעקלעך האָסט פאַרשפּרייט,
און ס׳הענגען־נאָך פון זיי די וויִעס,
ווי פראַנדזן טונקעלע פון זייד.

זיי זענען דעקלעך פון אַן אוצר,
וואָס האָסט באַהאַלטן ערגעץ־ווו.
צי האָסטו עמעצן פאַרטרויט זיך?
ווייסט עמעצער דעם סוד חוץ דו?

די אויגן־דעקלעך — נעסטן הענגען,
זיי שיצן שוואַלבן קעגן נאַכט,
באַלד וועלן זיי דעם פרילינג ברענגען. — —
דו האָסט די אויגן אויפגעמאַכט.

קוק נישט אַריין אין מיין כתב-יד...

איך בעט דיך, קוק נישט, טייערע, אַריין אין מיין כתב־יד,
אין מיין פאַרשריבענעם, געשטראָכענעם, געמעקטן בלאַט
פון אותיות — צעווימלטן מישמאַש־געפּלאָנטער,
וואָס אין אַ נעץ פאַרקניפּטער און צעריסענער דערמאָנט ער,
צי גאָר אַ ווילדן שויבער האָר, געדיכטן ווי ביי שמשון,
און וואָס קיין קעמל האָט זיך לאַנג נישט צוגערירט צו אים שוין.
ס'וועט אין מיין כתב דיין בליק ווי אין אַ זומפּ פאַרזינקען,
ער וועט אין אים ווי אין אַ קעסלגרוב זיך טרינקען.
עס וועלן כאַפּן דיך די קאָטשערעס און לאָפּעטעס, ווי שפּאָנעס,
צעבלוטיקן, צעקרעלן דיינע פינגער — אַ רחמנות!
איך בעט דיך, קוק מיר נישט אַריין אין מיין כתב־יד,
דו וועסט פאַרלירן זיך און רעטונג דאַרפן תיכף־ומיד.
עס וועלן דיך די אותיות ווי פּאָקשיווע צעשטעכן,
ווי דערנער מיינע שורות — דיינע הענט צעברעכן.
ווי הינטער שטעכלדראָט וועסט זיין אין זיי געפאַנגען —
אין מיינע ערשט־פאַרשריבענע, געשטראָכענע געזאַנגען.

אָפּשייד

איך האָב זיך פֿון וואַגאָן אַרויסגעבויגן
דורך אָפּגערוקטער, אויפֿגעפּראַלטער שויב.
דיין טיכל האָט געפּאַכעט, ווי געפֿלויגן
פֿון ווייטן וואַלט צו מיר אַ ווייסע טויב.

ניין, נישט צו מיר — פֿון מיר אַוועקגעפֿלויגן,
ס'ווערט קלענער אַלץ דאָס טייבעלע געגאַרטס,
ביז ס'האָט פֿאַרלאָשן זיך אין מיינע אויגן,
און ווי דיין טיכל, פֿלאַטערט איצט מיין האַרץ.

ווי גוט עס איז אין וועג אַריין זיך לאָזן...

ווי גוט ס׳איז מיט אַ טשעמאָדאַן אַ שווערן
אַוועק פון שטוב, די טירן פעסט פאַרמאַכן,
איז גוט אויך צו דער היים זיך אומצוקערן,
דערקענען אַלע אַלטע, נאָענטע זאַכן.

עס האָט גערופן מיך דער גרין פון גראָזן,
דער וואַלד האָט ווי אַן אורח מיך פאַרבעטן,
נאָר ווי ס׳איז גוט אין וועג אַריין זיך לאָזן,
איז גוט אויפסניי די אַלטע שוועל באַטרעטן.

מיט רחמים אָנגעטרונקען די וואָזאָנעס,
פאַרטיילט מיט יושר נאָפּטאָלין די מאָלן,
געפּרוווט זיך אין אַ חפץ נאָך דערמאָנען,
ס׳איז אַלץ שוין גרייט, פאַרמאַכט מיט פּאַס און שנאָלן.

ס׳קען גראָז — אַ נעץ פון פרייד — דאָס האַרץ פאַרשפּינען,
אים ווי אַ לאָגל אָנטרינקען דער ים קען,
נאָר פרייד קען אויך זיין אין צוריק געפינען
און דריקן, ווי אַ האַנט, די נאָענטע קליאַמקע.

אויפסניי אין שלאָס די אַלטע שליסלען טרעפן.
ס׳איז פּראָסט און וווּנדערלעך — נישט צום דערקלערן.
ס׳גיט ווידער זיך מיין טיר פאַר מיר אַן עפן —
ווי גוט ס׳איז אין דער היים זיך אומצוקערן.

אַזאַ בענקשאַפט...

אַזאַ בענקשאַפט צו מקומות וווּ מײַן פֿוס האָט נאָר געטראָטן,
צו די ווענט און צו די וועגן וווּ געפֿלאַטערט האָט מײַן שאָטן.

כ׳וואָלט אַוועק, עק וועלט געלאָזט זיך, צו געפֿינען יענעם פֿלאַטער,
וווּ אין שנייען און אין זאַמדן ליגט דער זיגל פֿון מײַן פֿיאַטע.

ס׳ליגט דער ספֿר פֿון מײַן עבֿר אויפֿגעמישט און אויפֿגעבלעטערט.
שורות — שטעגן, באַרגאַרויפֿן, וווּ איך האָב אַמאָל געקלעטערט.

כ׳האָב געקלעטערט, כאָטש צום באַרגשפּיץ בין איך קיינמאָל נישט דערגאַנגען,
כ׳האָב אומזיסט געוואָלט אין תּמימות צו דער שטערן־שײַן דערלאַנגען.

נאָכן טעלערל פֿון הימל כ׳האָב געצויגן זיך, געריסן,
ווען אין טעלער אויף מײַן טיש האָט פֿאַרפֿעלט פֿאַר מיר דער ביסן.

אַזאַ בענקשאַפֿט, אַזאַ בענקשאַפֿט אויך צו יענעם פּוסטן טעלער.
כ׳זע אים איצט ווי אַ לבֿנה שײַנען ליכטיקער, נאָך העלער.

אַזאַ בענקשאַפֿט צו די ביימער וווּ איך פֿלעג אַמאָל זיך דראַפּען,
צו די פֿייגל, שמעטערלינגען, וואָס איך האָב געוואָלט זיי כאַפּן.

כ׳האָב אויף זיי נישט קיין פֿאַראיבל וואָס זיי זענען מיר אַנטרונען,
פֿון מײַן האַנט אַרויסגעדרייט זיך, פֿריִיד און פֿרײַ כ׳האָב זיי פֿאַרגונען.

אַזאַ בענקשאַפֿט צו די חיות, צו די כּלבֿים, קעץ און הענער,
וואָס כ׳האָב נאָכגעמאַכט די קולות און פֿון זיי נאָך בעסער, שענער...

כ׳בעט נאָך איצט ביי זיי מחילה אויב אַ פעלשונג כ׳בין באַגאַנגען
און זיי זאָלן נישט קיין טענה צום בית־דין אויף מיר דערלאַנגען.

אַזאַ בענקשאַפט צו די טייכן, צו די וועלדער, צו די גראָזן.
כ׳האָב אין זיי אַ שפּור געלאָזן, זיי אין מיר — אַ שפּור געלאָזן.

אַזאַ בענקשאַפט ווו דער גורל האָט מיין יונגן טויט פאַרמיטן,
אַזאַ בענקשאַפט צו דער בענקשאַפט, ווו געבענקט כ׳האָב און געליטן;

ווי אויף רויט־צעגליטן אייזן האָט מיין הייסע טרער געזאָטן. —
אַזאַ בענקשאַפט צו מקומות ווו מיין פוס האָט נאָר געטראָטן.

לעוועגס, 1977

דער אָרעם פון ליבשאַפט

אין אַ שטאָלענעם רינג פון געווער
כ׳שטיי און קען מער פון אים נישט אַרויס,
אַ געווער הינטער מיר און פאַר מיר
וואַכט און קוקט נאָך מיין יעטוועדן ריר.
אָנגעשטעלט פון דער לופע דאָס אויג
אויף מיין מינדעסטן ציטער און בויג,
אַ כלי־זיין ווו כ׳ווענד זיך און קער,
אַ כלי־זיין ווו כ׳קער זיך און ווענד,
צו מיין חלום געשטרעקט און געווענדט.
כ׳קען פון שטאָלענעם רינג נישט אַרויס,
נאָר מיין אָרעם פון אים שטרעק איך אויס,
כ׳שטרעק צו מענטשן מיין אָרעם פון ליבשאַפט
קעגן אָרעם פון ביקס און פון שווערד,
פון דער פייל, פון גראַנאַט, פון פיסטויל,
קעגן אָרעם פון מעסער און סם,
קעגן אָרעם פון שפיז און פון פלאַם,
פון שטילעט, פון דער שפיז, פון דער קויל,
פון דער האַק, פון קינזשאַל, פונעם שטיין.
אין דעם פייער־ראָד שטיי איך פאַרקרייזט,
אין דעם פייער־ראָד שטיי איך פאַררינגלט,
דורכן פייער — פאַרלופעט, פאַרצינגלט —
קען נישט קומען קיין הילף, נישט קיין טרייסט.
אויב אין שטאָלענעם רינג מוז איך זיין,
אַט אַזוי שוין אַן אייביקייט זיין,
און פאַרצוימט פון דער שווערד און פון בליי

און פאַרלוירן אין עצבֿות און טריבשאַפֿט,
צווישן אָרעמס געשטרעקטע אַ ים,
מיט דער ביקס, מיטן חלף, דעם שטיין,
מיט דער קויל, מיטן צינדער און פֿלאַם —
וועל איך אויסשטרעקן אַלץ נאָך דורך זיי
ביז צום אין־סוף מיין אָרעם פֿון ליבשאַפֿט.



צעשאַטענע קערנער


Benn

אַן אַקער זיצט אין ווינטערדיקן פעלד

אין שוואַרצן ווינטער־פעלד אַן אַקער זיצט — אַן אומעט אין אַן אומעט.
ווי אין אַ לחמא ברויט זיך איינגעביסן מיט אַ שאַרפן צאָן.
זיך אָנגעהאַרעוועט האָט ער אַ גאַנצן פרילינג און אַ זומער.
איצט רוט ער אָפּ. עס איז הפסקה-צייט פאַר אים און מאַרט־סעזאָן.

אַ קראָ פליט־אָן אויף אים, זי מיינט אַז ער געהערט צו אירע פאַדלעס.
זי פאָכעט, קרייזט אַרום דעם אַקער און זי טראָגט לסוף זיך אָפּ.
עס זיצט דער אַקער ווי אַ יורד, נאָר עס שיינט אויף אים די גדלות
פאַר זיין עבודה. קיינמאָל, קיינמאָל פאַלט ער נישט ביי זיך אַראָפּ.

עס דאַכט, ער זיצט הכנעהדיק, דאָך שטאָלץ, ווי אויף אַ טראָן פאַרהויבן.
עס קומען אים באַזוכן געסט, ווי צו אַ שררה אין זיין הויז —
אַ קערנדל צו זוכן אין די שמאָלע בייטן קומען טויבן.
פאַרשווענדערינס! איין קערנדל גיט הונדערטער פון זיך אַרויס.

ווער מיינט דאָס אַז דער אַקער זיצט אַזוי פאַרעצבותט און פאַרטרויערט? —
דאָס זיצט ער ווי אַן עוף אויף אייער מיט די פעדערן דעם פאַק.
נישט לאַנג, און ער וועט ווידער איבערקייען פרישע שטיקער רויערד.
נישט נמאס ווערט אים אָט דאָס מאכל און איז שטענדיק אים געשמאַק.

דיוואָן־לע־בען, נאָוועמבער, 1976

דער טויט פון אַ קלאָון

געשטאָרבן איז דער קלאָון. מ׳האָט אים געבראַכט צו קבורה
מיט נישט־געפאַרבטער נאָז, נישט־אויסגעשמירטער צורה.

געקומען זענען אים באַגלייטן אַלע קלאָונען —
און דווקא ווי אין צירק — מיט אויסגעשמירטן פּנים,

און מיט געפאַרבטע נעז, מגושמדיקע, גרויסע,
און רויט, ווי ביי שיכורים נאָך אַ היפּשע כוסע.

נאָר ער וועט מיט לצנות מער שוין נישט באַגליקן
און מער וועט ער נישט קינדער מיט התפּעלות קוויקן.

מער וועלן זיך נישט קינדער פּאָר געלעכטער קאַטשען
און זייער קלאָון באַדאַנקען, מיט די הענטלעך פּאַטשן.

עס שטייען די מלווים אין די נאַרן־מיצלעך,
ווי אָפּצוטאָן דעם טויט להכעיסדיקע שפּיצלעך,

און ווי פון טויט זיי וואָלטן חוזקן און לאַכן,
און פון בית־עולם דאָ אַ צירק־אַרענע מאַכן.

פאַרוואַנדלונג

אין טיפקייטן שטיינערנע בלאָקן,
אַ שיכט שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שיכט,
געטריי האַלטן־אונטער זיך שטאָקן,
אַ ליכט קומט אַרויס פון אַ ליכט.

עס האָבן, ווי הענט, זיך פאַרלאַנגען
צו צווייטע פאַרלאַנגען געשטרעקט,
דער קלאַנג פון די שיינע געזאַנגען
האָט אַנדערע קלאַנגען געוועקט.

אויף אַלץ ליגט פון פריער דער זיגל,
ס׳קומט וואָר פון אַן אַנדערער וואָר,
און אוצרות ווי מויערער — ציגל,
גיט איבער אַ דור צו אַ דור.

פון אַלץ וואָס אַמאָל איז פאַרגאַנגען
אַ שפּור איז אין שפּעטער אַריין.
אַ ווידערקלאַנג הערט מען פון קלאַנגען,
אַ ווידערשיין קומט פון אַ שיין.

אַ חלום מיט אַ פערד

צו חלום איז געקומען מיר די נאַכט אַ פערד,
געמאָנט פון מיר אים תיכף אויסצוהערן.
אין חלום, ווי באַקאַנט, קען אַלצדינג זיין פאַרקערט.
דאָ קען מען קיינעם נישט אַריינקומען פאַרווערן.

„כ׳האָב, מענטשעלעך, צו אייך אַ טענה, מאַכט דאָס פערד.
אַרויסדרייען פון מיר פרוביר און זיי אַ בריה.
איר ניצט אונדז אין מלחמות, ווי די ביקס און שווערד.
אויף אייער לשון הייסט דאָס דאַרטן: קאַוואַלעריע.

איר ווילט זיך שלאָגן, מענטשעלעך, ס׳איז אייער זאַך.
איר ווילט זיך ממיתן, זאָל אייך דאָס ווויל געפעלן.
נאָר וואָס האָט איר צו אונדז פאַרשטיי איך נישט קיין סך.
וואָס דאַרפן מיר פאַר אייך אָוועקלייגן די פעלן?

איך טראָג אין שלאַכטפעלד אייך, צי כ׳וויל צי נישט.
עס טובלט זיך אין בלוט און מאַרך די שפּיז, די שאַשקע.
און מענטש־און פערד־געדערעם זענען אויסגעמישט,
ווי אין אַן אויסגעמישטער שעצקע, אין אַ קאַשקע.

דאָס קרעכצן און דאָס הירזשען אויסגעמישט איך הער.
און פלוצים פאַלט פון מיר אַראָפּ אויף דר׳ערד מיין רייטער.
ס׳ווערט לייכטער מיר, נאָר אויפן האַרצן אַזוי שווער.
אַליין אין פייער אָן אַ רייטער לויף איך ווייטער.

איך לויף און ווי אַ בלינדער מענטש אין גרוב איך פֿאַל,
און פֿערד און מענטש — אַ גאַנצער באַרג — אויף מיר נאָך פֿאַלן.
וואָס לאָזט איר אונדז נישט זיין ווי ס׳הייסט ביי אייך... גייטראַל,
אַ גרעזל צופּן און אַ דרימל כאַפּן אין די שטאַלן...״

נישטאָ ביים חלום קיין מזוזה, נישט קיין שלאָס.
פֿאַר מענטש און טייוול אָפֿן איז די טיר — פֿאַר יעדן.
אַ פֿערד קומט אויסגיסן זיין ביטערן פֿאַרדראָס,
און כ׳שטוין, אַז מיט אַ מענטשיש לשון זאָל ער רעדן.

פֿון שלאָף זיך אויפֿגעכאַפּט און גיך אַרויס פֿון בעט,
צום חלום ווייז איך נישט דאָס מאָל מיין ביטול־שמייכל.
איך גיי פֿאַרשרייבן וואָס דער סוס האָט ערשט גערעדט
און ווערדליק פֿאַר אַ פֿערד, שוין גאַרנישט קרום, אָן שכל.

די טענה פון אַ הונט

האַו, האַוו, האַוו... —
איך הער אים דורך מיין חלום בילן.
האַו, האַוו, האַוו... —
מיין קישן לעכערט ער אַדורך,
אַזוי אַז אויפהער, קען זיך גאַרנישט שטילן
און ווערט נישט אויף קיין רגע שטום.
ער זאָגט, ער בילט דאָס אין זיין נאָמען,
ווי אויך אין נאָמען פונעם גאַנצן הינטנטום.
האַו, האַוו, האַוו... —
אַזוי כסדר כ׳הער אים גאַנצע שעהען.
זיין טענה איז: ווי קומט איר אונדז פאַרגלייכן
צו רוצחים, צו תלינים און רשעים,
וואָס האָבן אייער בלוט פאַרגאָסן גאַנצע טייכן,
וואָס נאָך נישט איינגעזאַפּט די ערד האָט זייער שטראָם.
מען הערט אָפט מאָל אייך זאָגן ווען זיי, ימח שמם:
מען דאַרף דערשיסן זיי, די מערדער, ווי די הינט.
דאָס איז פּראָסט־פּשוט און בפירוש דאָך לגבי אונדז
אַן אומכבוד, אַן עוולה און אַ זינד!
וואָס זאָגסטו, פרעגט ער, האַ, און האַו, און האַוו?
איך, וואָס איך בין געטריי דעם מענטשן ממש ווי אַ שקלאַף,
און קריג איך נאָך פון אים אַ גלעט, אַ צערטל,
אַ ביין, אַ שטיקל צוקער, צי אַ ליבלעך ווערטל,
בין איך דאָך גרייט זיך גלייך פאַר אים אַוועקצוברענגען.
צי האָט מען שוין געזען, אַ הונט
זאָל מענטשן קוילען, שטיקן, ברענען, הענגען?

ווי ס׳איז באַקאַנט דיר, זענען אויך ביי אונדז דאָ ראַסן,
גאָר ס׳איז נישטאָ ביי אונדז קיין אויבערהינט און אונטערהינט,
ווו ס׳זאָל דער העכערער דעם כלומרשט נידעריקן האַסן.
צי האָט מען שוין געזען, אַ הונט
זאָל אָנשיקן אויף מענטשן קרענק, מגפות,
און זייער האָב־און־גוטס אַוועקלאָזן אין שרפות,
אַ הונט זאָל מענטשן לעבעדיק באַגראָבן,
ווי די רשעים און די רוצחים האָבן
געטאָן צו אייך?
מען זאָל פאַרגלייכן מיך צו זיי! —
ווי דאָס באַליידיקט מיך און טוט מיר וויי.
ביי מיר מחילה בעטן דאַרפסטו גלייך,
ווי כשר איך פאַרדין עס.
געפין אַן אַנדערן, אַ בעסערן פאַרגלייך צו זיי.
דו מייסטער פון פאַרגלייכן!
(דאָס זאָג איך לויט מיין הינטישער באַשיידענער מבינות)
אַנישט וועל איך דאָס גאַנצע שרייבעריי דיינס ווייכן.
דו וועסט אינגאַנצן נישט דעם לויב פאַרדינען
אַז אין פאַרגלייכן ביסטו ממש רייך
און אַז צו דיר קען קיינער אין פאַרגלייכן זיך נישט גלייכן... —
האַו, האַוו... — דאָ ווערט ער שוין אין כעס, ברוטאַל און ציניש
און ראַפּטעם און אין מיטן חלום האַקט ער אָפּ. — — — —
איך זיץ און זיץ און ברעך מיר אַלץ דעם קאָפּ
און צו די רוצחים זוך איך, זוך אַן אַנדערן פאַרגלייך,
און, ליידער, איך געפין נישט.

מיין בקשה צום באַשעפער

היום קצר והמלאכה מרובה.
ווי ווייל ס׳איז אַלט דער פּסוק פון די פּרקי־אָבות
איז ער נאָך וואָרהאַפטיק עד־היום, ערנסט, אָן קאַטאָוועס.
די צייט איז קורץ און אַרבעט אויף מיין קאָפּ ביז העט אַריבער.
צי וואָלט דען דאָס, באַשעפער, שאַטן דיר געקענט
ווען דו וואָלסט מיר דערלייגט נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר?
וואָס פאַר אַ ראָלע קען בכלל ביי דיר דאָס שפּילן גאָר?
און ערשט ווי שיין עס וואָלט געווען דער חסד פון דיין זייט!
ווילסט וויסן אפשר וואָס איך דאַרף אַזויפיל צייט?
איך האָב צו שאַפן נאָך אַ וועלט, די אַרבעט ממש ברענט.
כ׳זאָל זיין פון אייזן וועל איך דען דאָס אַלץ באַווייזן?
כ׳וואָלט נישט די צייט צעטרענצלט און אויף גאָרנישט זי פאַרשווענדט.
דו האָסט דאָך מיך אַליין געבענטשט, באַשעפער, זאָגן לייטן,
מיט אַ ניצוץ פון דיין געטלעכן טאַלענט.
נו, בעט איך דיך, זאָלסט אים נישט צונעמען ביי מיר באַצייטנס.
צו אָפּט, צו אָפּט קומט אויס מיר הערן זאָגן
דעם וויל־באַקאַנטן „ד׳ נתן ד׳ לקח״.
דו האָסט געגעבן, איך פאַרלייקן נישט, נאָר וואָס איז שייך נעמען —
איז וואָס דאָס איילעניש? צו וואָס דאָס יאָגן?
דאָס פרעג איך, דיין משורר משה בן בנימין,
וואָס אין דיין רייסטער קענסטו זען דאָרט מיין און אויך זיין נאָמען —
מיין טאַטע, וואָס פלעגט ציען קוים חיונה פון אַ שפּענצער צי אַ שובע...
היום קצר והמלאכה מרובה.
אוי ווי, און דאָ האָב איך צו שאַפן נאָך אַזויפיל זאַכן
(צי גוט צי שלעכט דאָס איז אַ גאָט־זאַך, ווי דו ווייסט אַליין מסתמא).
נאָר אויב נישט איך, איז ווער־זשע וועט פאַר מיר דאָס אַלצדינג מאַכן?

ס׳וואָלט אָסור גאָרנישט דיר געשאַט, באַשעפער,
ווען דו וואָלסט מיר נאָך צוגעלייגט אַ ביסל שיינע יאָרן.
זיי פעלן דען דיר אויס? דו האָסט דאָך זיי, באַשעפער, גאָר בשפע.
דו דאַרפסט נאָר געבן דיינע שופלאָדן און שאַפעס אַ צעעפן
פון דיינע אָנגעשטאָפּטע מאַגאַזינען
פאַרפולט מיט אייביקייט, קיין עין־הרע.
ווייסט וואָס, קענסט פרעגן וועגן מיר ביי מומחים און מבינים
צי ס׳קלאַפּט נישט גוט מיין ליד און צי, חלילה, ס׳הינקט מיין סטראָפע,
און איך פאַרהאָף, וועסט מיר נישט אָפּזאָגן מיין צולאָג יאָרן, מיין הוספה...

ווּ נעמסטוּ, רבונו דעלמא?

ווּ נעמסטוּ רבונו דעלמא,
פֿאַר אַלע, פֿאַר אַלע בני־אָדם,
וואָס פֿרוכפּערן זיך אין מיליאָנען,
פֿאַר יעדן באַזונדער, פֿאַר אַלעמען,
זײַן אייגענע צורה, זײַן פּנים?
פֿאַר יעדן זײַן שטים און זײַן שמייכל,
פֿאַר יעדן זײַן וויינען, זײַן לאַכן,
פֿאַר יעדן זײַן בליק און גרימאַסע,
פֿאַר יעדן זײַן מזל, זײַן שטערן,
פֿאַר יעדן זײַן סימן, זײַן צייכן,
אַז קיינער מיט קיינעם, חלילה,
זאָל קיינמאָל פֿאַרביטן נישט ווערן.

ווּ האָסטוּ זיי ערגעץ־ווּ ליגן
אויף פֿאָליצעס דײַנע און פֿאַכן,
ווי מוסטערן אין די מיליאַסן,
געסדרט: די שטימען, די בליקן,
די שמייכלען, די שטריכן, סימנים,
אויף צוקלויבן, צופּאַסן יעדן
זײַן מראה, זײַן צורה, זײַן פּנים?

ווּ נעמסטוּ, רבונו דעלמא,
ווּ נעמסטוּ דעם נס און דעם וווּנדער
פֿאַר יעדן בן־אָדם באַזונדער?

מ׳האָט געגראָבן די ערד...

מ׳האָט געגראָבן, געגראָבן אַ ברינעם,
ביז וואַסער פון דער ערד איז אַרויס,
און אַ גרוב אויך — צו לייגן אין אים
אַ יסוד — ביז אַרויס איז אַ הויז.

מ׳האָט געבויערט די ערד און געבויערט
ביז פון איר האָט אַ שפריץ געטאָן נאַפט,
געשפריצט מיט ענערגיע מיט רויער,
פאַר מענטש און מאַשינען — מיט קראַפט.

מ׳האָט געאַקערט די ערד און געגראָבן,
איז אַרויס אַ געוויקס און אַ פלאַנץ.
צו עסן ווען מענטשן שוין האָבן,
און עס גייט נישט פאַר עסן קיין טאַנץ.

מ׳האָט געגראָבן אַ גרוב צווישן גראָז,
אין דער טיף, צו דער מאָס, צו דער גרויס;
מ׳האָט אַן אָרון אַרונטערגעלאָזן.
פון דער ערד איז דאָ גאָרנישט אַרויס.

דער פויער און דער מלאך-המוות

פֿאַרנאַכט. דאָס פֿעלד אין רו.
עס נידערט קיל די ראָסע.
אַ מידער זעצט זיך צו
אַ פּויער מיט זיין קאָסע.

ער שפּיגלט זיך אין איר,
איז פֿול פֿאַר איר מיט שבחים,
זי איז זיין יום־טובֿ־ציר,
זיין יום־טובֿ אינדערוואָכן.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט —
ס'איז וואָר, צי אַ קאָטאָוועס ? —
אויך מיט אַ קאָסע שפּאַנט
אַרום דער מלאך־המוות.

געהערט, אַז ווײ צו איר,
צו וואָס ער דאַרף די קאָסע,
אים ברענגט זי נישט, ווי מיר,
חיונה און פּרנסה.

איך מיט מיין קאָסע שנייד
אין פֿעלד די רייפֿע תבֿואה,
דער טיש מיט ברויט געגרייט
ווערט פֿון מיין יעדער תנועה.

ער מיט זיין קאָסע גייט
און ס׳לעבן אונדז פאַרשניידט ער,
פאַרשניידט אונדז יעדע פרייד
און ווייטער שניידט ער, ווייטער.

פאַרשניידט דעם גבר, דעם דעמב,
דעם רשע און גערעכטן.
זיין קאָסע ווערט נישט טעמפּ,
היינט שניידט זי נישט פון נעכטן...

אַז ווי, ווו נאָר ער גייט
בלייבט איבער צער און טרויער.
מיין קאָסע בלענדט מיט פרייד.
איך פויער שנייד קאַפויער.

אַ מענטש מיט אַ זאַק

אַ מענטש מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אין וועג.
וואָס טראָגט ער אין אים? אַ פאַרבאָרגן פאַרמעג?

אַן אוצר, פאַרקאָפּעט ביז איצט אין דער ערד?
צי גאָר אַ ירושה וואָס אים נישט געהערט?

איך גיי לעבן אים און נישט שייך צי כ'מעג.
אַ מענטש מיט אַ מענטש ווערט דאָך נענטער אין וועג.

עס שטערט אים מיין גיין... ס'איז דער זאַק פול מיט זינד!
צי אפשר מיט שפייז פאַר זיין אָרעם געזינד?

אַ זאַק מיט קאַרטאָפל? דער זאַק איז צו ווייך.
אַ קאַץ מיט אַ הונט צום דערטרינקען אין טייך?

צוויי מיילער אומזיסטע — איז היידאַ און באַץ!
ווער מיטלייד האָט היינט מיט אַ הונט און אַ קאַץ?

ווען שטראַלן פון רענטגען געוועזן וואָלט מיין בליק...
ער שרעקט זיך פאַר מיר און איך צי זיך צוריק.

און דאָ פאַלט מיר איין אַזאַ ווילדער געדאַנק,
וואָס איינפאַלן האָט ער געדאַרפט מיר שוין לאַנג:

ער פירט אין דעם זאַק אַ צעשניטענע פרוי
באַגראָבן, פאַרווישן די שפּורן אַזוי.

געגוג שוין צו טרעפן — אַ מעסער, אַ האַק!
און תיכף אַדורכשניידן ווען איך דעם זאַק.

און ווי פון אַן אָפּענעם פּאַס אַן אַ שפּונט
אַנטלויפן פון אים וועט אַ קאַץ מיט אַ הונט.

צעקלינגען זיך גאָלדשטיקלעך וועלן אויף דר׳ערד —
די רייכע ירושה וואָס אים נישט געהערט.

אַרויסשיטן וועלן זיך גרויפּן און רייז.
עס וועט שוין דאָס הויזגעזינד בלייבן אָן שפּייז.

פון זאַק אַרויס וועלן קאַרטאָפל אַוועק
און קאָלערן זיך ווו די וועלט האָט אַן עק.

אַ האַנט פון דער פרוי וועט אַרויס פונעם זאַק
און ווייזן: דאָס איז ע ר! און גיט אים זיין פּסק!

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ מענטש מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אין וועג.
מיין פּען שטעכט אים דורך און נישט שייך צו כ׳מעג.

דיוואָן־לע־בען, נאָוועמבער, 1976

דער געטלעכער קוש

און גאָט האָט געגעבן אַ קוש משהן און ער איז געשטאָרבן.
(לויט דער יידישער מסורה)

גאָט מיינער, זאָלסט מיר נישט געבן קיין קוש,
ווי דו האָסט שוין געגעבן אַ קוש אַן אַנדערן משה.
ווייל כ'האָב מורא און איך פיל עס בחוש
אַז אויך מיר וועט דאָס נישט אָפּגיין גלאַט,
ווי דעמאָלט ווען דו האָסט דיין געליבטן קנעכט געקושט,
און מיט דיין קוש האָסטו תיכף־ומיד
פון פנים פון דער ערד זיין פּנים פאַרווישט און פאַרטושט.
דאָס האָסטו געטאָן צו אים ווען ער איז שוין געווען מיט יאָרן זאַט.
אָבער ווען ער איז אַן עופעלע געווען אין פּרעהס פּאַלאַץ אויבנאָן
האָסטו אויך נישט דעמאָלט קיין חסד אים געטאָן:
האָסט זיין הענטעלע צום פייער אַ צי־געגעבן, אויסגעשטרעקט,
און ער, וואָס ווייסט אַ קינד, אַ פּיצלס קוים,
האָט ער ס'פייער געכאַפּט ווי אַ זיסקייט צו געבן אַ לעק —
און זיך אָפּגעבריט די צונג,
אויפן גאַנצן לעבן שוין געבליבן אַ כבד־פּה.
און צי ווייסטו, מיין גאָט, וואָס עס הייסט אַ מנהיג צו זיין
און נישט זיין קיין אָראַטאָר מיט פאַרנעם און מיט שווונג,
און צו שטיין פאַר אַן עולם און זאָגן: בע־מע...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו יענער צייט
ווען משה איז געווען שוין מיט יאָרן זאַט
און שוין רייף געווען, ווי אַ זאַנג פאַרן סערפּ, פאַר דיין טובה־קוש.
איך בעט דיך, קוש נישט נאָך אַ מאָל אַן אַנדערן משה,
ווייל, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, איך פיל עס בחוש
אַז עס וועט נישט טויגן
אַז דו וועסט מיר קושנדיק פאַרמאַכן די אויגן.
שוין גלייכער, שוין בעסער דו זאָלסט מיר געבן:
אַ לייג, אַ פּראַסק, אַ טערעבענץ,
אַ קניפּ, אַ כמאַל, אַ סטוסאַק צי אַ פּליק —
אַלץ וואָס דו ווילסט, סיי דאָס און סיי יענץ,
מעגסט אַלץ מיר געבן,
נאָר נישט קיין קוש, איך בעט דיך, נאָר נישט קיין קוש,
נאָך וועלכן מען קען שוין נישט קושן צוריק
און פאַר וועלכן דו נעמסט אַזאַ טייערן פּרייז: ד א ָ ס ל ע ב ן...

געזאַנג צווישן מויערן

ציגל

ווי וונדערלעך איין ציגל האַלט־אונטער דעם צווייטן,
דער צווייטער דעם דריטן, דער דריטער דעם פערטן,
זיי זענען באַהאַפטן אַזוי מכמה צייטן,
און צווישן זיי האָב איך מיין מקום דעם באַשערטן.

עס האָט מיט דער קעלניע געצערטלט זיי דער מולירער,
געטראָגן ביז דער זון מיט שווייס און האָרעוואַניע,
עס האָט מיט ליבשאַפט זיי די וואַפּנע צוגעטוליעט,
און ס׳האָט זיי אַ באַנדאַזש פאַרהילט — די רושטאָוואַניע.

עס האַלטן זיך אונטער די ציגל אין מיליאָסן,
די שטאָט אָבער האָט זיך פון איינעם אָנגעהויבן,
פון איינעם געוואָרן זענען הייזער און גאַסן,
און מיין היים איז אין זיי און די נישע פאַר טויבן.

איך וועק זיך אויף אַמאָל ביינאַכט אין אַנגסט און אימה:
עס פאַלט אַרויס איין ציגל פון אַ וואַנט, פון מיטן,
אַ האַנט אַרויסגעצויגן האָט אים אַ געהיימע,
און ווי, עס וועט זיך באַלד די גאַנצע שטאָט צעשיטן!

די בריקן אין פּאַריז

ווי שיין די בריקן זענען אין פּאַריז ביינאַכט
ווען איבער זיי דער איפל־טורעם ווי אַ שומר וואַכט,
היט אָפּ דאָס רייכע צירונג פון דער לאָמפּן־שיין,
וואָס פאַלט, געכפּלט, אין די וואַסערן אַריין.
ווי שיין די בריקן זענען אין פּאַריז ביינאַכט.
נאָר באַלד פאַרשווינדט פון זיי די וווּנדער־פּראַכט
ווי נאָר איך קוק אַרונטער אונטער זיי:
אַ מענטש אין זיין פאַרפּלאָנטער און פאַרדריי,
אויף שטיין־געלעגער, אויף דער הוילער ערד,
דעם נחת־רוח רויבט מיר צו, פאַרשטערט.
וואָס גייט אים אָן די שיינקייט, דעם בר־נש,
אַז אונטן זשלאָקען קען ער פון דער פלאַש
און ס׳מאַלצייט אין אַ בלעכל איז פאַרגרייט
און ס׳טישטעך זיינס — אַ צייטונג אויסגעשפּרייט,
וואָס טישטעך איז און ליילעך פאַראַמאָל.
ס׳איז פול ס׳פּאַפּיר מיט פּעטראָל, בלוט און שטאָל,
מיט אַטאָם־שרעק — אַ ווייסטער יאָמערטאָל.
און די לבנה אים צוקאָפּנס — קישן? אַרעאָל?... —
צי האָט זיך אפשר בלויז מיר אויסגעדאַכט
אַז שיין די בריקן זענען אין פּאַריז ביינאַכט...



פרויען אין קאַפעען

וואָס טוען די פרויען אַליין אין קאַפעען,
וואָס שעהען־לאַנג זיצן ביי טישלעך פאַרשפאַרט?
זיי קוקן צו קיינעם נישט, דוכט, נאָר זיי זעען,
ווי וואָלטן אויף עמעצן לאַנג שוין געוואַרט.

אויף וועמען? ס׳איז אפשר זיי גאָרנישט קיין חילוק.
קען זיין אויפן שכן, אויף מיר צי אויף דיר.
זיי טראָגן אַן אומרו אין בליק וואָס איז ווילדיק
און וואַכיק צום עפענען זיך פון דער טיר.

זיי וואַרטן געדולדיק און זיצן און שווייגן,
מיט שלעסער פון סודות פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט,
זיי זיצן פאַרטוליעט ווי סאָוועס אויף צווייגן,
מיט בלעטער פאַרשטעלט און פאַרהילטע מיט נאַכט.

די אויגן מיט קויל זענען אונטערגעשטראָכן,
פאַררויטלט — פון פאַרב, נישט פון בושה — ס׳געזיכט.
די וויִעס צעפליגלטע קלאַפן און פאָכען
און וואַרפן צו יעדן מיט שאָטן און ליכט.

דאָס גלאָז אויפן טישל איז לאַנג שוין פאַרגעסן,
אין טעלערל וואַרט בלויז דאָס טרינקגעלט, דאָס מינץ,
ווי זיי אין דעם לאַנגווייל — אַליין זיך דערעסן —
אָ, זאָל ער שוין קומען — קלאָשאַר אָדער פּרינץ!

אָ, זאָל ער באַווייזן זיך, דער, אָדער יענער! —
און וואַרטנדיק כ׳זע ווי זיי הערן אויף זיין,
זיי וואַקסן צונויף מיט דער וואַנט, ווערן קלענער,
און זינקען אין זיך אַליין, דוכט מיר, אַריין.

אַן אַלטע פּיאַנע שטייט פאַרלאָזט אין דרויסן

אין אַלטע חפצים, ווי אין מענטשן, איז פאַראַן אַזויפיל צער,
ס׳קען קיין שום זאַך די אַלטקייט נישט פאַרמיידן.
אַן אַלטע פּיאַנע פון אַ יחוס־שטאַם אַ גרויסן,
וואָס דורות גאַנצע האָט זי אין סאַלאָנען אָפּגעדינט,
שטייט איצטער איבעריק אין גאַס, ביים ראַנד פון טראָטואַר.
עס האָט געמוזט מיט האַרצווייטיק דאָס הויזגעזינד
מיט איר, דער שברי־כלי, שוין זיך שיידן
און זי אויף גאַס באַראָט אַרויסשטעלן אין דרויסן.
שטייט זי שוין אַזוי דריי טעג און נעכט
און וואַרט, עס זאָל דער מיסטוואָגן פאַר איר זיך מיען,
זיך אָפּשטעלן פאַר איר און טאָן איר רעכט —
זי אויפלאָדן און זי אַוועקפירן אין שאול תחתיה,
אין איר געפאַלנקייט, ירידה און פאַרשעם.
דריי נעכט און טעג שוין ווי זי שטייט אַזוי
מיט די צעטרייבערטע, צעפליקטע אינגעווייד,
וואָס בלויז דער ווינט גיט גאָך אין זיי אַ ברום.
חוץ דעם אַ קאַץ לויפט דורך, פאַרפּלאָנטערט זיך אין זיי,
פאַרטשעפּעט זיך אין זיי ווי אין אַ נעץ, אַ קלעם,
און מיט די פּיסעלעך אויף די קלאַווישן אירע
קלאַפּט־אויס משונהדיקע, כריפּענדיקע קלאַנגען,
ווי ס׳וואָלטן ווינט און קאַץ אין יאָמער זיך פאַרגאַנגען
און אויסגעשפּילט ביינאַכט פאַר איר אַ רעקוויעם.
און ווייטער שטייט די אַלטע פּיאַנע טויב און שטום
און די קלאַווישן אירע ווייסע שטשירעט זי ווי ציינער
פון אַ געפאַלן פערד, אַ פאַדלע, אַ פגירה,
וואָס וואַרט מען זאָל איר אָפּשינדן די אָפּגעדינטע ביינער.

די אַלטע פּיאַנע וועט זיך אויפֿן מיסטוואָגן דערוואַרטן.
אָהאָ, אַ קאַצן־שפּרונג צו אים איז פֿון סאַלאָן.
אָט פֿילט זי, די ידים פֿון דעם מיסט־יונג נעמען זי שוין אָן,
אַנשטאָט באַריר ביים שפּילן ביי דעם צאַרטן פֿון מאָצאַרטן,
און קולות גראָבע בלויז באַלד הערן וועט זי קענען
אַנשטאָט די טענער די פֿאַרבענקטע פֿון שאָפּענען.

לעווענס, 1977

אין צוג

דריי ווייבער, אלמנות, אין צוג, אין קופּע,
דורך זייערע האָר נעמט דער גרוי זיך שוין זיפּן.
זיי האָבן אין באַן ערשט באַקענט זיך, ווי כ׳זע,
און ס׳מאָלן אָן אויפהער שוין זייערע ליפּן.

די איינזאַמקייט האָט זיי דערנענטערט אין צוג
און שיטן אויס רייד ווי פון פאַרטעכער קערן.
עס לויפט־דורך אין פענצטער די לאַנדשאַפט, איך קוק,
איך קער אָפּ דעם קאָפּ, כ׳זאָל נישט דאַרפן זיי הערן.

אַ נעץ איבער מיר איז פון קולות פאַרשפּרייט
און ענגער פאַרקניפּט מיך, דעם איינציקן שווייגער.
און פּלוצים פאַרטשעפּען ס׳געהער מיינס די רייד,
די נעץ איז צעפּליקט, עס פאַרכאַפּט מיך דער נייגער.

מיין בליק פון דער שויב האָב איך גלייך אָפּגעווענדט.
איך הער זיי דערמאָנען, אין עבר פאַרטראָגן,
די צייט ווען זיי האָבן די מענער באַקענט,
און וואָס פאַר אַ קליידער זיי האָבן געטראָגן.

דערמאָנט זיך גלייך איינע ווי זי האָט איר מאַן
באַקענט אין אַ זונטיק אין דאָרף נאָך דער מעסע,
אַ גוטער געווען און געטרייער, איר זשאַן,
קיין לויפער, געיאָגט זיך נישט נאָך קיין מעטרעסע.

די צווייטע באַקענט האָט איר מאַן אויף אַ באַל,
געשוועבט האָט זי לייכט אין אַ קלייד אין אַ טיולנס,
זי זעט דאָס אַלץ איצטער ווי דורך אַ וואַל,
געווען אין אַ יום־טוב, אין פערצנטן יולי.

די דריטע — אין מעטרא. אַראָפּ פון די טרעפּ
נאָך דעם ווי די אַרבעט אין אָוונט פאַרענדיקט.
אַן ענגשאַפט, אַ גוף צו אַ גוף האָט געקלעפּט,
דאָ צוגעקלעפּט האָט ער צו איר זיך אויף שטענדיק.

די מעטראָ איר חלומט זיך נאָך אין די נעכט:
לויפט־אַן פון טונעל מיט די לאָמפּן צוויי — וואָלפיש;
אָט גליטשט זיך און דרייט, ווי אַ שלייען, אַ העכט,
איר מזל און גליק, אָט דער אייזן־און שטאָל־פיש...

דריי ווייבער געמישט האָבן בלאַט נאָך אַ בלאַט
פון זייערע מענער, וואָס לעבן אין חלום:
וואָס האָבן זיי פיינט און וואָס גערן געהאַט,
און וועלכע עס האָבן געשמעקט זיי מאכלים.

דריי קעפּ זיך באַוועגן אַהין און אַהער,
פאַרוויגט האָט דער צוג און דער עבר פון יעדער,
איך האַלט איין דעם אָטעם, איך בין בלויז געהער,
איך הער נישט אפילו דעם קלאַפּ פון די רעדער.

דער צוג פאַרן אָנקום פאַמעלעכער גייט,
ס׳נעמט יעדער אַראָפּ דעם באַגאַזש בחפזון.
די דריי זע איך גליקזעליק שמייכלען פון פרייד,
נאָר מיר פאַרן אָפּשייד אַ טרער ווילט זיך לאָזן.

לעוועגס, 1977

מאַנעקען־פּיס

יעדעס מאָל ווען איך קום נאָר צו פאָרן אין בריסל
ציט עס אַלץ מיך אַהין, צי כ׳וויל יאָ צי כ׳וויל נישט,
ביי דעם מאַנעקען־פּיס מוז איך בלייבן אַ ביסל,
זען דאָס קינד — די סטאַטוע — וואָס שטייט דאָרט און פּישט.

כ׳קען סטאַטועס, באַרימט אין דער וועלט אין דער גאַנצער,
ווער מיט האַלטן אַ פענדזל, צי אַ פען איז באַקאַנט,
ווער מיט האַלטן כלי־זיין, אַ שפּיז, צי אַ פּאַנצער,
בלויז אַ קלייניקייט ס׳ייִנגעלע האַלט אין דער האַנט.

יעדע שטאָט האָט איר קענצייכן, סימן און סימבאָל,
אירע העלדן און מייסטערס אויף פּלעצער צעשטעלט,
איינער שטייט מיט אַ קרייץ, מיט אַ שווערד, מיט אַ צימבל,
נאָר דאָס קינד — מיט אַ גאָרנישט, מיין ליכטיקער העלד!

ביי אַ וואַנט שטייט ער ווונדערלעך־שיין, מאַיעסטעטיש,
איבער דעכער זיין בויגן, זיין גילדענע בריק.
נאָר דו גיב נישט קיין קרום מיט דער נאָז: נישט עסטעטיש...
און ווי ער נישט פאַרשטעלט זיך, פאַרשטעל נישט דיין בליק.

ערגעץ שטייט אויף אַ פּאָדיום אַ פרוי מיט אַ פאַקל
און אַ מאַן מיט גאולה זיין האַנט שטרעקט אונדז אויס...
נאָר דאָס קינד בלויז מיט פשטות עס שטייט בסך־הכל
און זיין גרויסקייט דורך פשטות פון האַנט שטראַלט אַרויס.

ווען יסורים פון מענטש וועלן אויפהערן שרייען,
ווען זיך אויסלעשן וועט פון גיהנום דער פלאַם,
ווען מקוים וועט ווערן דער טרוים פון ישעיהן
וועט דאָס ייִנגעלע פירן דעם לייב מיטן לאַם.

אַ יום־טוב אויפן פּלאַץ

ס׳איז היינט אַ יום־טוב, אַ פאַרווײַלונגס־אָוונט אויפן פּלאַץ.
עס ווימלען הוידעס, שיס־ביידלעך און קאַרוסעלעס,
ווי שפּילצייג אויסגעשטעלטע אויף אַ טאַץ
אין אַ צעשיינטער, אַ באַלויכטענער וויטרינע,
און ווי אַ שווינדלענדיקע, אַ צעשפּילטע קאַרוסעלע,
קרייזט אום אַליין דער גאַנצער יום־טובדיקער פּלאַץ.
אָ, וועמען וועט מען היינט דאָ נישט געפינען?
אַרויסגעשאָטן האָט זיך פון די הייזער קינד־און־קייט,
צעזעצט אויף דער טעראַסע פון דער היימישער ביסטראָ —
אַ כוואַליע וואָס אַרויסגעריסן האָט זיך פונעם ים,
צום ברעג אַרויס — אַ שפּייענדיקע צונג,
פאַרפלייצט דעם טראָטואַר מיט שוימענדיקן ביר,
מיט קאָקאָ־קאָלאָ, לימאָנאַד — מיט קאַלט־מחיהדיקן טרונק.
ביי בייכיקע און שווערע קופּלעס זיצן דאָ
די בייכיקע און שווערע קאַרטיע־לייט,
געמיטלעך, אויפגעלייגט זיצט יעדעס הויזגעזינד,
משפּחות, מיט די ווייבער, קינדער, קעץ און הינט.
עס שיינען די פאַרכמאַרעטע, פאַרחושכטע געזיכטער
פון זען היינט אויפן פּלאַץ אַזויפיל טומלדיקע שפּילן,
ווו מענער מיט רויט-פלאַמיקע פּרצופים
פאַרוועטן זיך אין אויפהייבן געוויכטער,
וואָס יעדן הייבט מען אויף מיט לייכטקייט ווי אַ קופּל.
סאָלדאַטן שיסן אין דעם צילברעט ביי די ביידלעך,
פאַרקוועטשן מיט אַן אויג צום גוטן צילן
און מיטן צווייטן ווינקען צו די שטייענדיקע מיידלעך
און ווילן פאַר די בעסטע שיסער זיך פאַר זיי באַווייזן.

אויף קאַרוסעלעס קינדער קרייזן אום די וועלט,
ווער אויף אַ חזיר, אויף אַ פערד, ווער אויף אַן אייזל,
ווער אויף אַ העלפאַנט, אויף אַ טאַנק, צי אַ ראַקעטע,
פאַר יעדן לויט זיין גוסט און זיין השגה.
און קליינע אויטאָס אויף אַ רונדן דיל פון אייזן
(וואָס איינער וויל דעם אַנדערן צעקלאַפּן און צעפּלעטן),
מיט ליאַרעמדיקע מיידן און מיט יונגען ווילד זיך טראָגן
און אויף קאַטאַוועס שטויסן זיך און בוצקען זיך צונויף
(וואָס מיט די גופים וואָלטן זיי צונויפגעקלאַפּט זיך גערנער).
און אויבן, אויף אַ שווינדלענדיקער הוידלקע אַרויף, אַרויף,
צעטראָגן פליט אַ מויד און פלאַטערט מיט געלעכטער און געשריי
און קוויטשעט אַ צעיאַכמערטע און אַ צעקאָכטע שטאַרק,
און העכער אַ מאַטראָס אַ טונקל־בלויער יאָגט זיך נאָך איר,
ווי אַ צעלאָזטער, אַ צעבריקעטער בוהיי,
מיט סטענגעס צוויי וואָס הענגען־נאָך פון היטל אים, ווי הערנער.
דער ווינט האָט אויפגעבלאָזן ביי דער מויד דאָס קלייד,
ווי ביי אַ הון די פעדערן אין שטעטלדיקן מאַרק
ווען ס'פלעגט די באַלעבאָסטע וועלן זען צי ס'עוף איז פעט.
פאַרהויבן איז דאָס קלייד און דער מאַטראָס אין דעם דערזעט
אַ פאַלשירעם אַן אויפגעמאַכטן בלענדנדיקן־ווייסן,
אין זיינע שנורן וואָלט ער גערן זיך פאַרדרייט,
פאַרפּלאָנטערט אין זיין יעדן מינדסטן קנייטש און פאַלד,
די סטענגעס פון מאַטראָס ווי הערנער שטויסן זיך און רייסן
צום פאַלשירעם דעם ציכטיקן און העלן
און ער אַליין ער זינקט אין אים אַריין און פאַלט און פאַלט. — — —
און שיכור דרייט זיך, קרייזט אַרום דער יום־טובדיקער פּלאַץ
ווי אַ צעשפּילטע, שווינדלענדיקע קאַרוסעלע.

פנימער

פנימער, פנימער, פנימער, פנימער.
כ׳האָב נאָר־וואָס געזען זיי און כ׳וועל זיי נישט זען מער.
זיי שווימען אין מעטראָ פאַרביי, אין די שויבן,
כ׳האָב קוים ערשט צו זיי מיינע אויגן פאַרהויבן,
אַ בליק מיט אַ בליק זיך פאַרקניפּט און פאַרבונדן
און גלייך זיך צעריסן, צעדריוולט, פאַרשוואונדן,
אָן אויג פון מיין אויג איז אַנטרונען־צערונען,
אומזיסט עס געזוכט, מער אין ערגעץ געפונען.
כ׳זע פנימער חמרים אין שטאָט אַלערלייאיק,
טייל האַרבסטיק־פאַרוועלקטע, טייל בליענדיק־מאַיִק,
דור הולך דור בא אויף די פנימער בייט זיך
און ס׳קייטלט זיך זיקנה מיט יונגשאַפט, צעשיידט זיך.
טייל מיידלש־מלאכימדיק־צאַרטע, געמאָלטע,
טייל מאַנצביליש־האַרטע, שוין טעג נישט געגאָלטע,
און שטעכיק, ווי פעלדער געשוירענע אָקערשט,
טייל מידע, די אַרבעט פאַרענדיקט, דעם טאָג ערשט,
טייל אויפגעלייגט-לייכטע, אָן דאגות אַ ברעקל,
טייל טראָגן מיר שיינקייט אַקעגן, טייל עקל,
טייל ראָזע און גלאַטע; געראונצלט־געקאָרבטע,
מיט גאָלדענע האָר און מיט לילאַ געפאַרבטע.
איך זע זיי אין באַנען, אויף בענק, אין קופּעען,
איך זע זיי, אויך זיי קוקן־אָן מיך און זעען.
כ׳פּרוביר פאַרגעדענקען אַ שטריך, האַלט זיך אָן אים,
און שמייכלען איך פּרוּוו צו אַ פּנים לפנים,
געפּלוידערט פאַר לאַנגוויל, צוזאַמען געזעסן,
נאָר כ׳קען נישט די נעמען פון זיי, די אַדרעסן.

געפֿאָרן אינאײנעם דורך שטרעקעס און װעגן,
בשכנות בײנאַכט אויף געלעגערס געלעגן.
מען האָט זיך געטראָפֿן, געזען, זיך באַגעגנט,
און העפלעך, פֿאַר יוצא זײַן, מ׳האָט זיך געזעגנט.
װי אין אַ האָטעל, װוּ איך װעל באַלד פֿאַרפֿאָרן,
זײ זענען אַרײַן און אַרויס פֿון זכרון,
און כ׳װעל זײ אין לעבן נישט זען און דערקענען מער —
אויף שטענדיק פֿאַרמעקטע, פֿאַרשװוּמענע פּנימער.

##ביים קבר פון היינריך היינע

נישט איין מאָל זוך איך אין בית־עולם פון מאָנמאַרטער
דיין קבר צווישן שטיינער, שימל, מאָך און גראָז,
און איך קלאַפּ־אָן דאָרט אין דיין אָרון־דעק דער האַרטער,
ווי אין אַ טיר פון אַ געהיימען, אַלטן שלאָס.

די ווענט פון טעפּיכער דראַפּירט און ס׳בלענדן ליכטער
און שומרים אין ליווריייעס בעטן מיך אַריין...
וואָלסט היינט געלעגן אויף דיין גרוב־מאַטראַץ, מיין דיכטער,
וואָלט איך געקומען דיך מבקר חולה זיין.

נאָר אפשר בעסער איז פאַר דיר, מיין דיכטער היינע,
וואָס דו האָסט דאָ אין דעם יאָרהונדערט נישט געלעבט;
עס וואָלטן פון דיין גרוב־מאַטראַץ די לאַנדסלייט דיינע
צום אמתדיקן קבר דיך אַרויסגעשלעפּט.

געטראָגן וואָלסטו אין פּאַריז די געלע לאַטע,
ווו אַנשטאָט גראָז האָט דער מונדיר געגרינט,
עס וואָלט דיר נישט געדינט דיין יחוס־בריוו: געשמדטער,
און פאַר אַן אַוסווייז נישט דיין טויף־צעטל געדינט.

ווי וואָלט עס דען געקענט דיין מזל־צעטל ווערן?
ווי וואָלט עס ווי אַ לאָרבער־בלעטל דיך באַצירט? —
מיט יצחק קאַצענעלסאָן און ישראל שטערן
אין פּי־וואַגאָנען וואָלט מען דיך אַוועקגעפירט...

כ׳קום אָנקלאַפּן אין קבר דיינעם אַ פֿאַרבענקטער,
ווי צו דעם טויער פֿון מיין יוגנט כ׳קום אַהין —
איך, איינער פֿון דיין פֿאָטערלאַנד אַן אָפּגעזעגנקטער,
ווי דיינע לידער אויף די שייטערס פֿון בערלין.

צום „בוך דער לידער" כ׳האָב פֿאַרטאָג זיך אויפגעהויבן,
די אותיות גאָטישע מיך שטעכן שפּיציק־שאַרף,
ווי די גערמאַנישע סאָלדאַטסקע פּיקלהויבן,
נאָר דיינע קלינגען מילדע ווי אַ צאַרטע האַרף.

און ווי דיין לירע וואָס איך זע באַצירט מיט בלומען
אין דענקמאָל דיינעם מיט פֿאַרערונג אויסגעקריצט.
זי זאָל אַריינקלינגען אין מיר כ׳בין דאָ געקומען,
אויפּסניי ווי אין מיין יוגנט זאָל זי קלינגען איצט.

דיין לירע קלינגט אַריין אין ווייטע צוקונפֿט־יאָרן,
דיין טויט פֿון דיינע לאַנדסלייט לענגער לעבט,
דרייפֿאַכיק האָסטו זיי פֿאַרשאָלטן אין דיין צאָרן
און האָסט די קללות אין תכריכים זיי געוועבט...

געציטערט האָב איך, ס׳קומט צו דיר דער פֿרייס, דער יונקער,
אַ, נישט מיט בלומען קומט ער, נאָר מיט דינאַמיט,
און ער וועט אויפֿרייסן דיין קבר ווי אַ בונקער,
ווי לעכער ווו איך האָב פֿאַר זיי זיך אויסגעהיט.

אַ נס, ער איז געבליבן, און איך קום אַהער זען
ווי ס׳האָט דער טויט מיט גנאָד געשוינט דיך און באַשיצט,
און כ׳קום ווי פּסוקים הייליקע דאָ לייענען דיינע פֿערזן
וואָס זענען אין דעם בלייכן מאַרמאָר איינגעקריצט:

צי וועט זיין רוֹארט זיין אין דרום אונטער פּאַלמען ?
צי ס׳וועט ביים ריין און אונטער לינדנביימער זיין ? —
ס׳געביין דיינס רוט אויף אַ פראַנצויזישן בית־עלמין,
דאָ, ביי דער סען, און נישט ביי דעם נישט־ריינעם ריין...

באַגערסט, פון הימל זאַלן, דאָרט און דאָ, די שטערן,
ווי טרויער־ליכט, נר־תמידס, לייכטן איבער דיר. —
און ביימער וואַכן פאַר די שורות ווי פאַרטיערן
וואָס היטן פון דיין הים דער אייביקער די טיר.

עס בליען אין בית־עולם ווידער די פלאַטאַנען,
צום ווּפלטן שוין מאָל, יאָר־אויס יאָר־איין.
עס איז אַ צייט פאַראַן פאַר בליען און פאַר וויאַנען,
ווי ס׳איז געווען, ווי ס׳איז, און ווי ס׳וועט ווייטער זיין.

כ׳פאַרלאָז די אַלטע שטיינער מיט פאַרמעקטע נעמען,
ווו צווישן גרינע מאַכן דיינער שטענדיק בליט,
און ווי אַ בינטל אומעטיקע כריזאַנטעמען
אין לייג אַנידער אויף דיין דענקמאָל־שטיין מיין ליד.



רי עמיל רישאַר

נישט ווייט פון פריילעכן, צערוישטן מאָנפּאַרנאַס
איך פאָר אַדורך ביינאַכט די אומעטיקסטע גאַס,
די סאַמע אומעטיקע, פינצטערע פון שטאָט,
דאָ אַ בית־עולם דורכגעשניטן ווערט פון ראָד,
נאָר זעלטן דאָ דער גייער שלייכט זיך דורך דערפאַר
אויף רי עמיל רישאַר.

אַ מענטש גייט דורך, ווו האָט ער דאָ אַריין צו גיין?
קיין שוועל, קיין טיר, נאָר בלויז צוויי בלינדע ווענט פון שטיין,
צוויי גרויע ציגל־ווענט דער גאַנצער גאַס לענגאויס,
נישטאָ קיין פענצטער דאָ, קיין טויער פון אַ הויז,
און בלויז בית־עולם־פּאַרקנס צוויי — צוויי שטיקער צער —
אויף רי עמיל רישאַר.

קוים זעט מען איבער יענער זייט בית־עולם־ווענט
אַ שאַרפן שפּיץ, אַ צלם פון אַ מאָנומענט,
ווי רעשטלעך שטאַרצן זיי פון מאַסטן פון אַ שיף
וואָס איינגעזונקען האָט זי לאַנג שוין אין דער טיף
ווען ס׳האָט דער שטורעם זי פאַרכאַפּט אַמאָל, זיין גזר,
אויף רי עמיל רישאַר.

דאָ וווינט נישט קיינער, חוץ אויף יענער זייט פון פלויט
זיין מאַיעסטעט, דער אייביקער לאָקאַטאָר — טויט.
עס ווערט נישט דאָ געהאַנדלט, נישט פאַרקויפט, געבאָרגט,
מיט אַלעם זענען די אויף יענער זייט באַזאָרגט,
זיי דאַרפן נישט קיין שפּייז, קיין קאַפעהויז, קיין באַר,
אויף רי עמיל רישאַר.

די שאַרפֿע שפּיצן הייבן זיך אַרויס פֿון יעדער זייט,
ווי ס׳וואָלטן צדדים צוויי באַפֿאַלן זיך געגרייט,
נאָר קיינער וועט נישט קיינעם טאָן קיין שלעכטס
און פֿון פֿאַרוווּנדעטע נישט הערן וועסט קיין קרעכץ,
עס היט דאָ אָפּ דעם פֿרידן גאָט אַליין, דער האַר,
אויף רי עמיל רישאַר.

דאָ טוישט מען נישט קיין געלט, דאָ דאַרף מען נישט קיין באַנק,
מען דאַרף נישט קיין אַפּטייק, ס׳איז קיינער דאָ נישט קראַנק,
דאָ באַקט מען נישט קיין ברויט, דאָ מאָלט מען נישט קיין מעל,
דאָ ווינקען נישט קיין נעאָן־ליכט פֿון אַ האָטעל,
בלויז אייביקער האָטעל אויף ביידע זייטן טראָטואַר —
אויף רי עמיל רישאַר.

דיביימער שטייען דאָ ווי וועגווייזער פֿון טויט,
דערמאָנען מיר ס׳איז דאָ אַ יענע זייט פֿון פּלויט.
העי, שאָפֿער! אייל זיך, גיך פֿון דאַנען זיך פֿאַרנעם,
די צווייגן ווילן מיך אַריינכאַפּן אין זייער קלעם.
אוי, נעם מיך גיך אַרויס פֿון אומעט און קאָשמאַר —
אויף רי עמיל רישאַר.

מיסיע גיאַטין

אין איינעם אַן אַמאָל־אַמאָל אַ וויטן שוין איז דאָס געווען,
אין אַ פֿאַרלוירן געסל, אין אַ זייטיקס, אין קאַרטיע לאַטען.
אין געסל, אין אַ הייזל, אויך פֿאַרלוירן און פֿאַרשטופּט,
געזעסן איז ער יום־ולילה אָפּגעשלאָסן אין זיין שטוב
און רק אַריינגעטראַכט, געלערנט האָט ער, מיסיע גיאַטין,
און רק שטודירט, געמייסטרעוועט זיין נייע טויט־מאַשין,
ווי פֿריער, ווען ער האָט שטודירט דאָקטאָריע, מעדיצין,
דעם מענטשנס אברים, און איצט — די טיילן פֿון זיין טויט־מאַשין.
געקוועטשט די באַנק, געקנעלט אין ביכער ביזן מאָרגנרויט,
דאָס לעבן צו פֿאַרלייכטערן געפֿאָרשט, און איצט — דעם טויט...
אַלטמאָדיש איז די תליה און גזלניש־ווילד די האַק —
איז שאָפֿט ער עפּעס נייס און מענטשלעכס פֿאַר דעם האַרבסטן פּסק.
די קאָסע פֿונעם מלאך־המוות איז שוין טעמפּ פֿון לאַנג,
באַשאַפֿט ער פֿאַרן וויל פֿון מענטש אַ טויט — אַ שלאָפֿגעטראַנק...
עס פֿליט דאָס מעסער ווי אַ בליץ, עס פֿאַלט אַ קאָפּ ווי נישט געזען,
כהרף־עין גיט אַ פֿאַל, געווען אַ קאָפּ און נישט געווען.
אַזוי מעת־לעתן־לאַנג זיך אָפּגעשלאָסן צווישן ווענט,
פֿאַרנומען ביי זיין שליחות פֿאַר די שליחים פֿון קאָנווענט.
און איצט, ווען ס'איז שוין שלימותדיק און פֿאַרטיק זיין מאַשין,
זי אויספּרובירן זיך געפֿעדערט האָט ער, מיסיע גיאַטין.
העי, ציטערט קרוינען און צוזאַמען מיט די קייסערלעכע קעפּ! —
און צום פּרובירן זיין מאַשין ער הייסט זיך ברענגען גלייך אַ שעפּס.
מ'האָט שעפּסן אים אַריינגעפֿירט אַ גאַנצע טשערעדע און שאָף,
האָט ער געשניטן און געהאַקט און ביז ער האָט געזען: כי טוב.
זי ברענגט דעם טויט מיט רחמים, זיין מאַשין, און גיך און גוט,
נישט מער, פֿון ווייסן פֿאַרטעך דאַרף ער אָפּוואַשן אַ ביסל בלוט.

עס דאַרף די רעוואָלוציע קעפּ, ווי שטיינער דאַרף אַ פונדאַמענט,
איז ער פאַר זיין מאַשין געקומען פירסום מאַכן אין קאָנוועגט:
אַט קום איך, מיינע הערן, אייך צו שענקען אַ פּרעזענט,
אי ניצלעך און אי באַרעמהאַרציק, ווי עס פּאַסט פאַרן קאָנוועגט.
איר לייגט אַוועק דעם קאָפּ און פילט נישט וואָס מיט אייך געשעט
און איר באַווייזט אפילו נישט צו זאָגן אייער לעצט געבעט.
עס הערן אויס און לאַכן די שליחים פון קאָנוועגט,
נאָר ווינען וועט מען שפּעטער, מיט די פעסט־פאַרקניפּטע הענט.

*

וואָס הערט מען קולות אויפן פּלאַץ דאָרט פון האָטעל דע וויל,
ווי ס׳וואָלט אַ לייב מיט טויזנט קעפּ אַרויסגעלאָזט דאָרט אַ געבריל?
דאָס איילט פון אַלע גאַסן דער המון און שטראָמט אַהין,
דאָרט בייצוווינען די פּרעמיערע היינט פון מיסיע גיִאָטין.
דער ערשטער קאָפּ וועט פאַלן באַלד... און ס׳שטופּט זיך דער המון.
— איר זעט?! דעם דאָקטערס טויט־מאַשין האָט זיך באַוויזן שוין! —
אַט שטייט זי ווי אַן אָקס וואָס אויף דער צירק־אַרענע ערשט
אַרויסגעלאָזט, און מיט די הערנער דראָט ער, הערשט.
ס׳איז קאָפּ אויף קאָפּ. אַזויפיל קעפּ צו זען ווי ס׳וועט איין קאָפּ
פון מיסיע גיִאָטינס מאַשין באַלד טאָן אַ פאַל אַראָפּ.
— אוי, בירגער, לאָזט מיך — בעט אַן אַלטער מאַן און שרייט פאַר צען —
איך האָב אַ שוואַכע ראיה און איך וועל, חלילה, גאָרנישט זען!...
— העי, בירגערין, פאַרשטעלט מיר נישט! טוט אויס דעם פלוימען־טאָפּ,
כ׳בין נישט געקומען זען דאָ אייער הוט, נאָר יענעמס קאָפּ!
— און איר, וואָס איר זענט אָנגעפּרעסן, אַזאַ ברייט, אַ גרעב!
מיט אייער פלייצקעלע אַליין פאַרשטעלט איר גלייך אַ פופצן קעפּ!
און דאָ מאַכט איינער אַ געוואַלט אַז מ׳האָט צעבראָכן אים זיין בריל,
און ווי, ער וועט שוין גאָרנישט זען... און פּלוצים הערט מען שרייען: — שטיל!
דער דאָקטער גייט! דער דאָקטער!! — הילכט עס אַ כאָראַל געשריי —
אַט איז ער, יום־טובדיק פאַרפּוצט, ווי צו אַ יובליי,

פון עולם לאָזט שוין קיינער נישט פון אים קיין אויג אַראָפּ.
— איר וועט באַלד זען ווי גרינטלעך היילט דער דאָקטער אויס אַ קאָפּ!...
צופרידן שטייט ער, זיין מאַשין איז אויסגעצייכנט גוט,
ער וועט בלויז פון זיין מלבוש דאַרפן אָפּוואַשן אַ ביסל בלוט.
און פּלוצים אַ געברום פון עולם: שוין? ס'איז שוין געשען?!
אין ווען? עס האָט דאָך קיינער נישט באַוויזן דאָס צו זען!...
אויף אַלעמענס געזיכטער ליגט אַן אומעט און אַ צער —
וואָס מ'האָט בחינם זיך געשטופּט, זיך אויסגעשטעלט צו נאַר...
געפאַלענע ביי זיך, אַנטוישט אַ ווײַלע, בלייבט מען שטיל,
און ביסלעכוויז דעם פּלאַץ פאַרלאָזט מען פון האָטעל דע וויל.
אַ שרעקוואָרט בלויז דער נאָמען בלייבט פון מיסיע גיאָטין,
כאָטש ס'האָפּסלען טויבן אויפן פּלאַץ און ביימער זעגען גרין.
זיין נאָמען זיך אַריינגעשניטן האָט, ווי ס'מעסער, אין דער צייט.
ביז היינט נאָך שטייט זיין טויט־מאַשין און לעבן איר זיין שאָטן שטייט.

דער פֿאַרכישופֿטער באָראָק

וואָס איז מיטן בוים?

וואָס איז דען דער מער מיטן בוים אינעם וואַלד?
עס קערן פון אים אַלעביימער זיך אָפּ,
אפילו די שכנים די נאָענטסטע, בעסטע,
אויך דרייען אַוועק פון אים זייערע קעפּ,
ווי וואָלטן געווען מיט אים ברוגז און קאַלט.
עס שענקט אים נישט קיינער קיין נייג מיטן קאָפּ,
צומאָל פון אַ בלעטל קיין שאָרך נישט, קיין שעפּטש.
די פייגל פאַרלאָזט האָבן זייערע נעסטן,
זיי ווייסן דעם סוד און געהיימען באַשייד:
דאָס האָט מען אַ מענטש אויף דעם בוים אויפגעהאנגען.
וואָלט בעסער דער בוים מיטן מענטש אויסגעגאַנגען,
שוין בעסער פאַרזונקען וואָלט ער אין דער ערד,
און וואָלט כאָטש לפחות די צווייג אָפּגעדאַרט,
איר צוויט וואָלט אַ שטורעם אויף אייביק פאַרצערט,
פון צווייג, וואָס פאַרוויקלט עס האָט ערשט נישט לאַנג
דער שטריק פון דער תליה — אַ גיפטיקע שלאַנג.

נישטאָ מער יענער דאַך...

נישטאָ מער דער באַשירעמדיקער דאַך
און יענע געסלעך פינצטערע בעלווילער.
אויסגעזונגען וואָלט איך אים אַ שבח,
אויסגעדאַוונט וואָלט איך זיי אַ תפילה.

געקומען זענען מענטשן דאָרט מיט דינאַמיט
און יענע אַלטע ווענט און יאָרן אויפגעריסן.
נאָר מיין זכרון איז נישט מסכים אַלץ דערמיט,
נאָר מיין זכרון וויל פון דעם נישט וויסן.

אין חשכות גייט מיר עמעץ נאָך און שפּאַנט,
אַ שאָטן וואָס באַגלייט מיך אַלץ נאָך שטענדיק,
און פּלוצים לייגט אַרויף אויף מיר אַ האַנט.
זיין חתימה: סוף. און אַלץ איז באַלד געענדיקט.

איך רייס זיך אויס און לויף און לויף נאָך איצט,
די געסעלעך ווי ווינדלען מיך פאַרוויקלען.
ווו זענען זיי, וואָס האָבן מיך באַשיצט?
כ׳געפין דיך מער נישט, ליבסטער מקום־מקלט.

צוויי שאָטנס און די חשכות — איין געקנויל.
ס׳מיינט גורל יעדער טראָט און יעדע תנועה — טראַגיק.
ס׳קען יאָ און נישט מיך אָניאָגן די קויל
אין מיין געלויף אַהין־אַהער, זיגזאַגיק.

צעפּלויגן זענען ווענט און טרעפּ פון יענעם הויז,
ווו שטיל האָב איך געשלייכט זיך אין די זאָקן.
אַנטלאָפן איז די לאַנדשאַפט און די מויז,
צו מאַכן פּלאַץ פאַר נייע הייזער־בלאָקן.

אין רחבות יעדעס פענצטער בלאַנקט און קלאָרט,
נאָר ס׳איז פון מיר קיין מינדסטע שפּור פאַרבליבן.
אומזיסט וועסטו מיין שאָטן זוכן דאָרט —
ס׳האָט אַ בולדאָזער איין מאָל אים צעריבן.

1974

אויף אַמאָליקע שטעגן

עס קענען מיך דערמאָנונגען אַוועקשלעפּן אַ נע-ונדן
צו בלאָנקען אין די אַלטע געסלעך, אין די אַלטע שליאַדן,
וווּ כ׳בין, ווי אין מצרים, אין די ווענט געווען פֿאַרקנאָטן,
און וווּ ביינאַכט געלויערט האָט אויף מיר דער גרינער שטן,
מיט קנעפּ אויף אים פֿון בלאַסן צין — גזלניש־קאַלטע אויגן,
מיט שלענג־באַזיימטן קאָלנער און מיט העלם אַראָפּגעצויגן —
אַ שאָל באַהאַלט אַ ווילדגעוויקס — אַ צורה רוי און העסלעך,
מונדירן — גרינע קרעץ אויף אייך, אָ געסלעך אומפֿאַרגעסלעך.
איך גיי פֿאַרביי די ווענט וווּ כ׳בין געווען אין זיי פֿאַרקנאָטן,
אין ווינקלען וווּ עס ווייסט נישט פֿון מיר קיינער, חוץ מיין שאָטן.
איך וואַקס אַריין אין שטיינער און איך זינק אַריין אין תהומען,
פֿאַרגעסן דאַרף איך ז י ך און נישט געדענקען מער מיין נאָמען.
איך דאַרף נישט זען מער מיין געזיכט און אינעם שפּיגל כ׳מייד עס.
בלויז דו, מיין שאָטן, ביסט געווען אין יענע נעכט מיין עדות,
מיט מיר געשוויגן שעהען־לאַנג און מיך נישט אויסגעגעבן
מיט מינדסטן פֿלאַטער ווי אַ צייכן פֿון מיין זיין, מיין לעבן.
איך גיי פֿאַרביי אין געסעלעך, איך קוק אַריין אין טירן,
פֿון וואַנען כ׳זע דורך שפּאַרעס אין באַגינען מענטשן פֿירן
מיט קלומיקעס, מיט פּעקלעך און מיט קינדער ביי די זייטן,
ווי חיהלעך געכאַפּטע וואָס די יעגער זיי באַגלייטן.
אין וועגענער, ווי פֿאַרנדיקע שטייגן, אויפֿגעזעצטע.
די ערשטע שטערן לעשן זיך. פֿאַר זיי, קען זיין, די לעצטע.
איז מיין זכרון, ווי מיט מאָך, פֿאַרוואַקסן מיט מעת־לעתן,
אַז איך זאָל יענעם טרויער־גאַנג באַגינען שוין פֿאַרגעסן?
איך לאָז זיך עולה רגל זיין צו יענעם הויז דעם אַלטן
ווי צו אַן אוהל וווּ קדושה ליגט אין אים באַהאַלטן.
איך הער די קלעפּ אין טירן אין די טונקעלע פֿאַרטאָגן
און כ׳וועל זיי הערן שוין ווי לאַנג דאָס האַרץ אין מיר וועט שלאָגן.

צו מיין ליד

שוין לאַנג ווי דו געקענט האָסט זיין אַנטשוויגן,
שוין לאַנג געקענט האָט זיין מיין אַש צעפלויגן.
מיין גורלדיקער, אומעטיקער ניגון,
דער ווינט בלויז וואָלט דיך ערגעץ־ווו פאַרצויגן.

דו וואָלסט געוואַנדלט ערגעץ אָן אַ תיקון
און וואָלסט מיך אויסגעקוקט אין אַלע ערטער.
צי ווייסטו נישט, מ׳האָט דיך געוואָלט דערשטיקן
מיט מיר, דו זאָלסט נישט זיין מער קיין געהערטער?

איך הער זיך איין צום שאַרפן ווינט אין דרויסן,
אַן אָפּגעהאַקטן כ׳הער אין אים דיך קלאָגן,
אַרומגעבלאָנקעט וואָלסט מיט אים פאַרשטויסן,
אין חלל וואָלט ער דיך אַרומגעטראָגן.

דו וואָלסט אַרומגעזוכט מיך אַ פאַרבענקטער,
געוויינט נאָך מיר אין שפּאַרעס און אין שפּאַלטן, —
מיין אומעטיקער ניגון, מיין געשענקטער,
ווי טייער דאַרף איך שעצן דיך און האַלטן.

לעוועגס, 1977

דערמאָנונג נאָכן זען די תהילים-בילדער פון בען

דער לייכטער מיט חלבנע טראָפּנס פאַרגאָסן,
ווי טרערן פון שלוכצן געשטיקטע, געוואָרגן.
ער ליגט אין אַ טונקעלן קעלער פאַרשלאָסן.
ווער ווייסט ווען ס׳איז טאָג, ווען פאַרנאַכט, ווען פרימאָרגן?

עס הויערן איבער אים סטעליעס און טירן
און אונטער אים — לייוונטן האָריזאָנטאַלע.
פאַרגראָבן, ער טוט־אָן אין כישוף־קאָלירן
דעם תהילים של מטה, דעם תהילים של מעלה.

די ערד אַרום אים איז פאַרקלעמט און פאַרוווּנדעט
פון בוכענוואַלד, ראַוועוסבריק, דראַנסי און שטוטהאָף.
נאָר דוד איז דאָ אין זיין וועלט אָפּגעזונדערט,
צו זיין אים אין קעלער אי מוזע, אי שותף.

אַריין דאָ אין צויבערלאַנד פון זיין פּאַליטרע,
וואָס קענסט עס אין ערגעץ נישט זען אויף דער מאַפּע.
נאָר שטילער זיי, האַרפע, און שטילער זיי, ציטרע —
אין דרויסן נאָך קען זיי דערהערן געשטאַפּאָ.

לאָז בעסער שוין שפּילן זיין פּענדזל, זיין גריפל —
פאַר זייערע טענער נישטאָ קיין סכנות.
די לייוונטן — כוואַליעס, דער קעלער — אַ שיפל,
וואָס טראָגט זיך אין דמיון אַוועק — אין אוקינוס.

עס וואַקסן אַרויס פון די לייוונטן צייכנס,
עס וואַקסן אויס ליניעס, פיגורן, געשטאַלטן.
זיי ציען זיך, ווילן צום דרויסן דערגרייכן,
זיי ווילן נישט זיין דאָ אין קעלער באַהאַלטן.

זיי פלאַטערן, שוועבן, מיט פסוקים באַפליגלט,
באַשיינט פון די פענדזלען פון שעפער, ווי שטראַלן.
זיי ווילן נישט זיין דאָ פאַרשפאַרט און פאַרציגלט,
זיי בענקען צו גילדענע ראַמען און זאַלן.

אָט וועלן זיי ווענט און עטאַזשן צעקלאַפּן,
אַרויס ווו עס איז דער אַנטפלעק זיי פאַרבאָטן.
סכנה! — מען וועט זיי אין דרויסן באַלד כאַפּן
און אָפּפירן גלייך הינטער שלעסער און דראָטן,

און אָנטאָן זיי דודס זעקס־עקיקע לאַטע.
נאָר דוד זיי פירט, די פאַרשטעקט־אומלעגאַלע,
פון קעלער אַרויס — פונעם תהילים של מטה,
אין זיכערע וועלטן פון תהילים של מעלה.

דריי ברידער זענען זיי געווען...

צום טויט פון מלך ראַוויטש

דריי ברידער זענען זיי געווען,
האָבן זיי מיט גאָרנישט געהאַנדלט.
בלויז גלות־אויס און גלות־איין
געוואָגלט און געוואַנדלט.

משה, דער עלטסטער פון די דריי,
איז גיך צו זיין מעטע געקומען.
צעשיידט זיך יונג מיט זיך, מיט וועלט,
זענען צוויי געבליבן פון מזומן.

דאָס בלוט פאַרטרוקנט אויף זיין וונד,
די פאַרב אויף זיין פּאַלעטע,
זיין מאָלברעט רויט, פון בלוט און פאַרב,
דערגרייכט זיין לעצטע מעטע.

אַליין און ווילִיק איז משה אַוועק
צום ערגעץ פון ערגעצן געקומען,
זיין בלוט אין בלוט איז פון די צוויי
מיט שטענדיקן אומרו געשוווּמען,

ביז דאָרט, ווו מקבל־פּנים געווען
ס'האָט משהן די פּמליא. — — —
מיט וואַנדער־שטויב און ווינט איז הערץ
אַוועק אין מעלבורן, אויסטראַליע.

אַוועק איז דער מיזיניק הערץ,
דער יינגסטער פון דעם דריילינג,
געזעגנט רעדים, וואַרשע און גיך
געכאַפּט אַ העמד, אַ דערציילונג.

זיין יידיש כתב דורך ימען געשלעפּט —
געשלעפּט אונדזער קאָנטראַבאַנדע,
זיין פען ווי אַ פלאַנץ אַריינגעשטעקט
אין דער ערד, זיין בויד פון וואַנדער.

די אַלטע בויד אין דער נייער ערד,
אין דער נייער ערד — זיין אמונה.
אויף איר האָט ער געפונען רו,
און אייביקע רו געפונען.

ווי משה האָט לעבן נישט געוואָלט,
אַזוי נישט געוואָלט האָט ער שטאַרבן.
ער דאַרף נאָך פאַרענדיקן זיין שניט,
צונויפנעמען אַלע גאַרבן.

געבליבן נישט פאַרענדיקט זיין שניט,
די קאָסע צעבראָכן אין שטיינער.
דריי ברידער זענען זיי געווען,
איז איינער געבליבן, איינער.

דער איינער הערט ווי דעם חלף שלייפט
דער בלוטיקער נאַצי־אַריער.
מען דאַרף זיך פּאַקן באַצייטנס אין וועג,
געטראַכט האָט מיט אומרו זכריה.*

---

* דער אמתער פאַרנאָמען פון מלך ראַוויטש.

אַוועק דאַרפֿן אַלע פֿון פּוילן־לאַנד
מיט וועגן, באַנען, אַקרענטן,
פֿון דאָרט זיך צעשיטן דאָס יידן־פֿאָלק
איבער לענדער און קאָנטינענטן...

ווען ער וואָלט מיטנעמען געקענט
זיי אַלע... אַליין, צי מעג ער
רואיק אַוועקלייגן זיין קאָפּ
אויף אַ רואיקן געלעגער?

געווען אין דער וועלט, געלאָזט אומעטום
אַ שפּור פֿון זיין ליד און זיין לעבן.
איצט דאַרף ער פֿאָרן נאָך צו לעצט
אַהין וווּ גאָט וועט געבן.

פֿאַרלאָזן שוין די ווענט פֿון „פֿאַראיין“,
זיין היים, די קאַנצעלאַריע.
און מיט אַ קלומיק בענקשאַפֿט — זיין האַרץ,
אין וועג אַריין לאָזט זיך זכריה,

ווו ערגעץ נאָר אַ מקלט קען זיין,
ווו זיין פֿאַר זיין אומרו אַ פּלאַץ קען.
עס לויפֿט דער צוג און ס׳לויפֿן אים נאָך
די שאָטנס פֿון דער טלאָמאַצקע.

ס׳קלאַפּט דער צוג: אוי, נעם אונדז מיט,
דו, אונדזער שליח־ציבור! —
און אָנכאַפּן ווילן דעם לעצטן וואַגאָן:
ראַוויטש, ווו לאָזטו אונדז איבער?

זיי מיר געזעגנט, וואַרשע מיין שטאָט,
געזעגנט זייט, לעש, נאָוואָליפּיע.
אַ פאָלק וועט בלייבן דאָ פאַרמאַכט
אין הונגער, אין טיפוס — צום זשיפּיען.

ער זעט אין מאָנטרעאָל ביינאַכט
זיי שטרעקן־אויס הענט דורך צוימען.
מיט זיי געדאַרפט אפשר בלייבן דאָרט,
מיט זיי הינטער דראָט אין די תהומען.

וואָס זענען זיי נישט מיט אים אַוועק,
אויף שיפן מיט אים נישט געוואַנדערט ?
אין מאָנטרעאָל זיין פרייד און צער
האָבן אויף תמיד געלאַנדעט.

וואָס ברענגט ער אין זיין טשעמאָדאַן ?
די טרער, ביים אָפּפאָר געלאָזן,
נאַקעטע לידער אויף הפקר און ווינט,
זיין מורה־דרך — שפּינאָזען.

איצט דאַרף ער אויסווישן די טרער,
דעם שטויב פון וועג — וואָס גיכער.
ווי גוט ס'איז אים צו זיין אין קרייז
פון ביכער, ביכער, ביכער.

ס'איז זייער שומר צו זיין אים ליב,
אויך ליב דער שטויב פון ביכער.
צומאָל פון גאָלדשטויב איז ער אים
אפילו נאָך ליבער, ניחא'ער.

דאָ בליען, וואַקסן זיי, ווי ער
מיט וואָרצלען נייע פאַרזעצטע. — — —
געווען איז מאָנטרעאָל זיין היים
און אויך די לעצטע שבלעצטע.

דעם לעצטן חשבון געמאַכט מיט זיך,
מיט גאָט, מיט מענטש צוזאַמען.
דער גוטער שוועסטער שוין פאַרזאָגט
זיין גוף אָוועקגעבן די פלאַמען;

דער מילדער גריינער לייוונט זאָל
פאַרהילן צום סוף זיינע ביינער. — — —
דריי ברידער זענען זיי געווען,
איז געבליבן קיינער, קיינער.

ווין, מעלבורן און מאָנטרעאָל,
צעזייטע דריי ייִדישע קברים,
עס נעמט זיי אַלע דריי אַרום
מיט ליבשאַפט און צער מיין אָרעם.

זיי וועלן זיך טרעפן, האָט ער געגלויבט,
פאַרבונדן מיט הימלישע פעדעם...
דריי ברידער, קברים דריי אין דער וועלט,
איין וויג איז געווען זיי — רעדים.

כ׳פֿאָר ווידער קיין ירושלים...

עס פֿירט מיך קיין ירושלים ווידער
דער וועג ווו ס׳ליגט איר העלדנמוט אין ראָסט,
ס׳קדושה־אייזנוואַרג וואָס קלינגט ווי לידער,
און וואָס עס ווערט ווי צירונג נישט פֿאַרלאָזט.

מען טראָגט עס אויפֿן האַלדז ווי אַ רעליקוויע,
פֿאַרהייליקט ווי קמעות אויפֿן לייב,
ס׳קלינגט אָפּ אין יעדן קלאַנג פֿון דער „התקוה"
מיט גבורה־זכר, גבורה־איבערבלייב.

ס׳האָט מיט דעם פּאַנצער דער גאולה-טרוימער
יהודה המכבי זיך געשיצט,
און אויפֿן שטאָלצן אָדלער פֿון די רוימער
בר־כוכבאס פֿיילן האָבן אויפֿגעבליצט.

און שפּעטער, אין אַ בונקער איינגעמויערט,
אין געטאָ צו מרידה זיך געגרייט,
האָט אַניעלעוויטש הינטער אים געלויערט
מיט פֿייער אויף אַ דייטשער טאַנקן־קייט. — —

כ׳קום צו צום אַלטן פּאַנצער־וואָגן נעענטער.
ס׳איז יום־טוב, ערב יום־העצמאות.
פֿאַר אים, באַפּוצט מיט בלומען און אַ לענטע,
ווי ס׳אייזן, לאָמיר שווייגן אַ מינוט.

די בלומען האָט אַ האַנט אַן אַנאָנימע
אַוועקגעלייגט מיט יראה און מיט פאַרכט,
די רויטע רויזן גליִען ווי די חמימה,
און ס׳בלוי און ווייס פון זייד אין כאַמסין שאַרכט.

יאָר־אויס יאָר־איין זיין שאָרך איז ער מחדש,
ווי די גיבורים וואָלט ער שטיל באַערט.
מיר דאַכט, איך הער, ער זאָגט ביים וואָגן קדיש
און „אָמן" וואָלט איך דאָרט אַרויסגעהערט.

1976

פרייטיק פאַרנאַכט אין תל-אביב

פרייטיק פאַרנאַכט אין תל־אביב.
אין אַ לעצטן אויטאָבוס אַ ייד, אַ לעצטער פאָרער,
מיט אַן אוישוויץ־נומער אויפן אָרעם
און מיט אַ קוילעטש און אַ בוקעט בלומען.
ער פאָרט אַהיים צו ווייב און קינדער אין בני־ברק.
ער זיצט ווי אויף אַן אָנגעגליטן אייזן.
נהג, נהג,
צי וועט ער נאָך באַוויזן
פאַר ליכט־צינדן אַהיים צו קומען?
ווי צו להכעיס, צו זיין ביטערן פאַרדרוס,
פאָרט ער נישט, דער אויטאָבוס,
ער קריכט!
און מעשה שטן איז אויף שריט און טריט דאָס רויטע ליכט,
כאָטש גיי און בענטש די שבת־ליכט ביי זיי,
אַז אָך און וויי!
ער זעט, עס איז די גאַס פאַרשטאָפּט געדיכט
פון אויטאָס און פון יידן־פלאַנטער און געווירבל.
ס'איז טאַקע וויל און פיין,
קיין עין־הרע, טראַכט ער זיך, כן ירבו.
נאָר צוליב זיי
דער אויטאָבוס מוז בלייבן יעדע רגע שטיין,
און צוליב זיי
וועט ער, חלילה, נאָך מחלל שבת זיין!
ווען ס'וואָלט אַזוי דער בורא אַ פּאָר פליגל אים געשענקט,
ער וואָלט דעם אויטאָבוס פאַרלאָזט און דעם נהג
און נישט געדאַרפט זיין מער מיט וועגענער פאַרדרענגט;

אויפגעפּראַלט וואַלט ער דעם דאַך פון אויטאָבוס
און תּיכף־ומיד, מיט זייער הילף, אין זייער זכות,
פאַר ליכט-צינדן אַריינגעפלויגן ראַפּטעם אין בני־ברק.
אַ פּאָר פליגל, טאַטע זיסער! אוי, ווו נעמט ער?
נישט קיין לוקסוסדיקע פליגל, ווער דאַרף לוקסוס?
נישט קיין רייכע פליגל, אויסגעפּוצטע,
ס׳קען זיין אפילו אַ פּאָר אַלטע פליגל, שוין גענוצטע,
ער זאָל אין אויטאָבוס נישט דאַרפן זיצן אַ פאַרקלעמטער,
ווי אַ געפאַנגענער און אַ פאַרשעמטער.
עס הייבט אים אַזש פון אָרט,
ער בעט זיך ביים נהג:
וואָס קריכט ער אַלץ, וואָס זיצט ער דאָרטן איינגעשלאָפן, פויל?
ער שרייט, כאָטש ווייסן ווייסט ער וויל,
עס וועט נישט העלפן אים קיין שרייען און אפילו נישט קיין זידל־וואָרט.
און תּפילה טאָן וועט אים דען העלפן, צי די אויגן פרום פאַרגלאָצן?
דאָס קריכן פון דעם אויטאָבוס איז דאָך מסתּמא אויך גאָטס רצון.
איז וויל ער, הייסט עס, אַז איך זאָל מחלל שבת זיין?
ער מעג טאַקע וועלן, נאָר איך וויל נישט!
איך וויל נישט, הערסט, נהג?!
געוואַלט, ס׳איז נאָענט שוין שבת און ס׳איז ווייט נאָך צו בני־ברק.
נאָר וואָס איז דאָ, צוריק געשמועסט, מיט דעם נהג צו טענהן?
עס זיצט דער ייד אויף הייסע קוילן און אים דאַכט:
דער בוקעט בלומען פאַר זיין ווייב נעמט וויאַנען,
דער קוילעטש ווערט פאַרדאַרט,
דער אוישוויץ־נומער אויף זיין אָרעם ברענט.
און קיין פּאָר פליגל האָט ער אַלץ נישט,
הענט בלויז האָט ער, אַ פּאָר בידנע הענט.
ס׳ווערט שפּעט, מסוכן שפּעט!
ער קוקט אַרויס אין דרויסן און ער זעט:

פאַרקלאַפּט שוין זענען אַלע קראָמען אין דער יידן־שטאָט
מיט לאָדנס, פּרענטן, שטאַבעס.
עס ווערט אין האַלדז אים שטיקנדיק און ענג.
נהג, נהג, איך וואָרן דיך, געדענק!
דו וועסט נאָך היינט, חלילה, מיט אַ ראָד
אַריינפאָרן אין שבת!

דער אייז-ייד פון בני-ברק

מיר דאַכט זיך אַז נאָך איצט דעם אייז־ייד שרייען הער איך,
אין געסלעך פון בני־ברק ער רופט אַלץ: קרח! קרח! —

כאָטש לאַנג פאַרשווּנדן איז ער מיט זיין פערד־און-וועגל,
וואָס האָט מיט אייז געהאַט צו יעדער שטוב אַ דריסת־רגל.

דאָס דאַרע פערדל, ווי דער אייז־ייד, האָט געקענט זיין דרך,
געקענט שוין אויך דאָס וואָרט פון לשון־קודש: קרח! קרח!

ס'פלעגט פירן אייז אין גאַנץ בני־ברק, באַזאָרגן אַלע קיכן,
און אויסקוקן אים פלעגן אַלע ווייבער ווי משיחן.

נאָר ביסלעכווייז די קונים זענען ווינציקער געוואָרן.
צי האָט מען אין בני־ברק שוין אייז גענומען טאַקע שפּאָרן?

צי אפשר האָבן אויפגעהערט שוין ברענען די כאַמסינען?
אויב נישט, איז ווער וועט דאָ פאַרשטיין דערפון דעם זינען?

דאָס פערדל האָט גענומען מער נאָך איינגיין, מער נאָך דאַרן,
ביז מ'האָט געדאַרפט עס ממש אונטערשטופּן, אונטערשפּאַרן.

ביז ס'איז דער ייד פאַרשוווּנדן מיט זיין פערד־און־וועגל.
ווו איז ער? כ'בין צו אים אין די מחשבות עולה רגל.

נישט אַנדערש, ס'פערד־און־וועגל מ'האָט געשטעלט אין אַ מוזיי שוין.
איך פרעג זיך נאָך. מען שמייכלט קלוג. און איך פאַרשטיי שוין. —

איך וועל דעם אייז־ייד רופן „קרח!״ קיינמאָל מער נישט הערן,
ווייל ס׳האָבן אַלע שוין אַריינגעשטעלט זיך פריזשידערן.

עס זאָל דער מיץ נישט זיין, חלילה, לעבלעך, וואַרעם —
האָט אויך דער בורא אויף דעם אייז־ייד זיך דערבאַרעמט;

עס זאָל ביי אים די פּוטער נישט צעגיין, נישט טאָפּיען, שמעלצן —
האָט ער לסוף אַ פריזשידער אַליין אַריינגעשטעלט זיך.

שבת נאָך מיטאָג אין אשקלון

אין דעם גרינעם קילן גערטל
פון די צוויי־משפחהדיקע ווילעס,
וואָס צונויפגעוואַקסן ביידע דירות זענען ס'רוב
מיט די דרויסנדיקע ווענט, די רוקנס, ווי אַ סיאַמער צווילינג,
זיצט דאָס הויזגעזינד ביים טישל שבת נאָכן שלאָף,
ווער ביי אַ ספר, ביי אַ בלאַט, ווער ביי אַ קערטל.
ס'האַלט דער באַלעבאָס אַ קאַרט אין דלאָניע ווי אַ קידוש־בעכער,
זי זעט אים אויס צו זיין גאָר מזלדיק און גוט,
און ס'האַלטן־צו די פרויען איידל מיט צוויי פינגער קוים
אַ בינטל קאַרטן פאַרן פנים, ווי אַ פעכער,
ווי זיי וואָלטן מיט אים באַשירעמט זיך, פאַרשטעלט זיך פאַר דער היץ.
מען ברענגט אַריין פון פרידזשידער דעם קאַלטן מיץ,
און ס'ווערט דער קרייז נאָך מונטערער צום שפּילן, אַ דערפרישטער.

אין דרויסן, פאַרן טויער, שטייט דער פאָלקסוואַגען און רוט,
מיט לייוונטער פאַרדעקט ווי מיט אַ טישטעך,
ער זאָל פון שבת־קודש וויסן אויך צו זאָגן.
לכבוד שבת האָט מען נעכטן אים געוואַשן און געצוואָגן,
און איצט איז ער פאַרדעקט, די זון זאָל אים נישט באַקן
און אַז ער זאָל אין איינוועגס אויך פון שבת־רו געניסן.
ס'דערגייט צו אים דאָס אויפגעלייגטע און געמיטלעכע באַלאַקען
ביים טישל פונעם אויסגערוטן הויזגעזינד
און געסט, משפחה־לייט, געקומענע מיט ווייב און קינד.
מען זאָגט מיט גרויס כוונה און מיט ערנסטקייט מבינות
אויף דעם געשמאַקן לאָקשן־קוגל, זאַפטיקן און זיסן,

וואָס מען פֿאַרטרינקט מיט אייגענעם געשטעלטן ווײַן,
די ווײַבער זאָגן־נאָך דעם לאָקשן־קוגל שבחים
און פֿרעגן אויס די באַלעבאָסטע וואָס זי טוט אין אים אַרײַן.

אין דרויסן, פֿאַרן טויער, ליגט דער הונט און וואַכט,
אַ פֿוילער, אין מנוחה אויסגעצויגן,
און זשמורעט פֿאַרן זון־בלענד מיט די אויגן.
ס׳שטייט אָנגעשריבן אויף דער טיר אַז ער איז בייז און ווילד,
נאָר מ׳האָט בפֿירוש דאָס אויף אים אַ בילבול אויסגעטראַכט,
מיט דעם בלויז אָפּצושרעקן בעטלער און גנבֿים,
און אין דער אמתן איז ער גאָר גוט און מילד
און אין דער שכונה איינער פֿון די פֿיינסטע כּלבֿים.
פֿאַר יוצא וועגן לאָזט ער בלויז אַמאָל אַרויס אַ ביל
אויף אַ פֿאַרבײַגייער, אַ תּימנער אַ דאַרן
און מיט אַ בערדעלע פֿון בלויז אַ פֿינף־זעקס האָר,
אַ בינטל פֿעדעמלעך צעפֿלויגענע פֿון שוואַרצן זייד,
צי אויף אַ מענטש וואָס אים געפֿעלט נישט זײַן הלבשה,
נישט שיין געפֿונג און שבתדיק, לויט אים, געקליידט.

צו „גוטוואָך" איז אין אשקלון נאָך זייער ווײַט
און ווײַט נאָך צו דרײַ שטערן אויפֿן הימל,
דער פֿאָלקסוואַגען קען שטיין נאָך לאַנג פֿאַרדעקט,
דער הונט בײַם טויער אין זײַן פֿוילן דרימל
קען ליגן נאָך אַ רויִקער, אַ שטילער.
ס׳איז ווי אַ פֿעסטונג אַלץ באַלאַגערט נאָך פֿון שבת
די צווײ־משפּחהדיקע ווילע.

דער שיכפּוצער פון דער תחנה מרכזית

ס׳איז שייך צו זען ווי זיינע גיכע פלינקע הענט
באַוועגן זיך אַהין־אַהער און פלאַטערן ווי פליגל,
און ליב צו זען האָט ער ווי ס׳גיט אַ שוך אַ בלענד
און ס׳איז פאַר אים דער גלאַנץ פון יעדן שוך אַ שפּיגל.

אין יידן־טומל, אין געדיכטקייט און געזשום,
די גלאַנצן כישופט ער אַרויס אין דעם געהאַווע,
אין מלכות פון די באַרשטן, שוואַקס, אָנגעשטעלט אַרום,
ווען צו אַ שוך ער בוקט זיך, בייגט זיך אָן באהבה.

עס דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעל די תחנה
מיט בייגעלעך, מיט מאַנדלעך, בלומען און פאַלאַפל,
מיט אויטאָבוסן־פּלאַנטער, אין געווימל און הור־האָ.
ער זעט נישט ווייטער פון דער נאָז פון שוך און קנאַפּל.

ער זעט נישט ווייטער פון זיין בענקל ווו ער זיצט —
אַ מלך אויף זיין טראָן, אַליין און אָפּגעזונדערט,
און זיינע אונטערטאַנען — שיך, וואָס יעדער בליצט,
פון כישוף־שפּרוך און באַרשט, וואָס ער אַליין באַוווּנדערט.

ער פּוצט און טראַכט, אַז קומען וועט משיח מיט שיך,
מיליאָנען שיך מיט בלאָטע און מיט וואַנדערשטויבן,
פון גלות וועלן קומען יידן און דאָס אָנטראָגן מיט זיך,
און ער וועט פאַלן נידעריק צו זיי — און זיין דערהויבן.

עס קומען שיך פון רוסלאַנד, ליטע, פון טשעכיי,
בראַזיל, קאַנאַדע, שטעלן אויס זיך גאַנצע טוצן,
עס שיינט אויף זיי די בלאָטע און ער שפּיגלט זיך אין זיי,
און ער פאַר נחת שיינט און הערט נישט אויף צו פּוצן.

אַ פּייגנבוים אַן עקשן

איך האָב זיך איינמאָל מיט אַ פּייגנבוים באַקענט,
אין עיר־הקודש אין אַ הייפל, צווישן ווענט.

קיין ביימער פעלן נישט אויף אונדזער גרויסער ערד,
נאָר דעם צו זיין פון מיר באַזונגען איז באַשערט.

כדאי פון אים דערציילן און זיין יחוס־קייט;
ער זאָל אַריין אין ליד און אין דער אייביקייט.

צעוואַקסן איז ער זיך, דער בוים, ווי איבער נאַכט,
אַ צרה נאָר, דאָס הייפל האָט ער ענג געמאַכט,

איז ממש מיט די צווייגן אין דער שטוב אַריין,
חוץ דעם האָט ער דעם הויזגעזינד פאַרשטעלט די שיין.

ביז איין מאָל, נעבעך, איז אַרויס אויף אים דער פּסק:
אים איבערגעבן צו דער זעג און צו דער האַק.

ער האָט געוווערט זיך לאַנג, נאָר שטאַרקער איז די זעג,
האָט זי אַ סוף געמאַכט צו זיינע לעצטע טעג.

איז צוגעקומען אויפן הייפל נאָך אַ שטיין,
וואָס האָט פאַרדעקט די לעצטע שפּור פון זיין געביין.

אַלץ ווערט פאַרגעסן. מ׳האָט דערנאָך דערמאָנט זיך קוים,
אַז דאָ געשטאַנען איז אַמאָל אַ פּייגנבוים.

נאָר אין דער טיף די וואָרצלען האָבן אַלץ געדענקט
און גאָרנישט האָבן זיי דער זעג און האַק געשענקט,

און פון דער טיפקייט זיך געריסן צו דער פלאַך. —
דערלויב אַ לויב זיי אויסזינגען, אַ שבח.

פאַרזונקעניש אַדורכגעבראָכן, ערד און שטיין,
צונישט געמאַכט דעם גזר פון אָפּגעשניטן זיין.

צו לופט און ליכט אַרויס — דורך נס און וווּנדער־טרוים.
תחית המתים אויפגעשטאַנען איז דער בוים.

ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פון תליה־שטריק —
מען שענקט דאָס לעבן אים, זיין מזל און זיין גליק.

מען לאָזט אים וואַקסן און ער וואַקסט געראָטן, שיין,
די צווייגן קוקן ווידער אין דער שטוב אַריין.

זיך דורכגעריסן האָט ער דורך דער שטיינער־שטייג —
און איצט אין הייפל וויזט ער אַלעמען אַ פייג...


Benn

די פּוסטע ווינטמיל

אויפֿן וועג צו דער רכבֿת זעט מען אָן זי פֿון דער ווייטן,
שטייט דאָרט אין ירושלים ווי אַ חידוש פֿון פֿאַרצייטן.

שטייט די אַלטע פּוסטע ווינטמיל ווי אַ סימן לזכרון
פֿון דער „ברייטער האַנט״, דעם נדבֿן, יידן־זאָרגער מאָנטעפֿיאָרע.

שטיקלעך ערד האָט ער פֿאַר יידן, אַ כּזית, איינגעהאַנדלט
און פֿון לערנערס אין דער אַלטשטאָט האָט אין דאָרפֿסלייט זיי פֿאַרוואַנדלט.

אַז די „ברייטע האַנט״, דער נדבֿן, האָט פֿאַר זיי געמאַכט די קניה,
דאַרף מען ב ר י י ט ע ה ע נ ט אַצינדער — זיך צו נעמען צו דער זריעה.

אַז מען האָט די ערד צעאַקערט, אויפֿגעמאַכט ווי אַ גמרא —
זריעה־ווייץ אין איר צו זייען האָט געקויפֿט זיי מאָנטעפֿיאָרע.

אויפֿן ווינט די טלית־קטנס זיך צעפֿאָכען ביי די לערנער,
ווי די אותיות פֿון ספֿרים האָבן זיי געזייט די קערנער.

נאָכן זייען דאַרף מען שניידן, נאָכן שניידן דאַרף מען מאָלן.
מאָלט אייך אַז עס וועט פֿאַר מאָלן מאָנטעפֿיאָרע אויך באַצאָלן.

אויפֿגעשטעלט האָט ער אַ ווינטמיל, כּסף היילט אויס יעדע צרה.
נישט פֿון ווינט, נאָר פֿון אַ ווינטמיל הייסט אייך לעבן מאָנטעפֿיאָרע.

ס׳ברענגט איין קערן טויזנט קערן — אַזאַ ריווח גיי באַרעכן,
ס׳ברענגט איין ייד אַ טויזנט יידן — עסן זאָלסט מיט שווייס דיין לחם.

ציט מען פון דער ערד חיונה און אַ פּסוק מ׳איז מקיים,
לאָזט מען זיך פון בין־החומות, ליקלעך פון ירושלים.

הערט מען: יידן שניידן, מאָלן, ברויט מיט שוויס פאַרקנעטן, באַקן,
לאָזט מען נויט און קיצבה פאַלן און מען נעמט איין וועג זיך פּאַקן.

זאַנג צו זאַנגען פאַלן כורעים, ס׳איז דאָס פעלד מיט גאָלד אָן עושר,
און אַ נאָמען אויפן נדבן קריגט דער ישוב: ימין משה.

ווערן ישובניקעס מערער, בויט מען שטיבער, שולן, קלאָסן,
האָבן שטיבער אַזאַ טבע, אַז עס ווערן פון זיי גאַסן.

מ׳האָט פאַרבויט די ערד־חלקים, מ׳האָט געעפנט נייע קראָמען,
פון דעם ווייץ און קוקורוזע — ימין משה בלייבט אַ נאָמען.

אויפגעהערט שוין לאַנג צו שניידן, ס׳גאָלד פון פעלד שוין לאַנג פאַרשווונדן,
אַנשטאָט בינדן סנאָפּעס, גאַרבן, מ׳האָט מיט גאַרטלען זיך פאַרבונדן.

לאַנג שוין אויפגעהערט צו זייען, לאַנג שוין אויפגעהערט צו מאָלן,
פּוסט און איינזאַם שטייט די ווינטמיל, ווי אַן אָפּשיין פון אַ חלום,

ווייסט נישט מער דעם טעם פון קערנער, נישט פון ווייץ און קוקורוזע,
ס׳הוליען אפשר דאָרטן שדים — האָט אַ ווינטמיל אַ מזוזה?

ס׳שטייט פאַרלאָזט די פּוסטע ווינטמיל, ווי אַ זכר דאָרט פאַרבליבן,
ווען איך גיי צו דער רכבת מאָנט זי מיך צו זיין באַשריבן.

איך באַטראַכט זי פון דער ווייטנס, שטעל זיך אָפּ און גיי געלאַסן,
און איר ווונטש איך בין מקיים — איר אַ ליד מיינס צו פאַרפאַסן.

דער פֿאַרכישופֿטער באַראַק

אין רחביה, אין ירושלים,
צווישן געסלעך לויטער העלפֿאַנטביין,
ווו מען זעט אַ ליכט אַ ווייס, אַ בלענדיקס,
שיינט פֿון יעדער מויער, יעדן שטיין,

שטייט אַ פּאַלאַץ אין אַ נעץ פֿוןביימער,
אין אַ גאָרטן שטייט באַהאַלטן טיף,
שטייט אַ היכל פֿון באַנייטן מלכות,
שטייט אַ פּאַלאַץ — גילגול פֿון אַ צריף.

שטייט אַ צריף, עס דאַרף פֿאַר אים נישט קיינער
בוקן זיך און פֿאַלן אויף די קני.
ס'האָט פֿון קיבוץ אים געברענגט דער נשיא,
פֿאַר זיין פּאַלאַץ אים געמאַכט — בן־צבי.

ס'האָט דאָס פֿאָלק פֿוןביידלעך און פֿון וואַנדער
ווי דעם משכן אים אַהער געברענגט.
אַז עס זאָל פֿון אים אַ היכל ווערן
וויפֿל דורות האָט דער צריף געבענקט?

מ'האָט דורך וויסטע זאַמדן אים געטראָגן,
פֿון קדמונים אים אַהער געפֿירט,
און מיט זילבער, סאַמעט און מיט ליבשאַפֿט
ווי אַ ספֿר־תּורה אים באַצירט.

ס'האָט אין אים געבּרענגט אַהער דער נשיא
ווינט און רעגן און אַ ספֿרים־פּאַק,
און אים אָנגעטאָן אין פּראַכט און ליכטער,
שיינט ער — אַ פֿאַרכישופֿטער באַראַק.

דורך די שפּאַרעס טראָגט זיך מי און פּראַצע,
דורך די שפּאַרעס בלאָזט און פּייפט דער ווינט,
דורך די שפּאַרעס הערט מען ערשטן נחת —
ס׳ערשטע וויינען פונעם ערשטן קינד.

דורכגעשוועבט אין צריף האָט אַ מכשף,
אָנגעצונדן אים מיט פאַרבן־גלי,
טעפּיכער צעהאָנגען, קאַנדעלאַברעס,
יום־טוב אין דעם פּאַלאַץ פון בן־צבי.

די מנורות שיינען זיבן־רעריק,
אין דעם צריף נאָך מער ווי אומעטום,
צריף און פּאַלאַץ שליסן דאָ יד־אחת,
נעמען אין אַ ריקוד זיך אַרום.

ס׳וועט דער כישוף קיינמאָל זיך נישט אָפּטאָן,
היכל וועט שוין אייביק היכל זיין.
ס׳בלענדן ליכטער, נאָר עס ווייסט דער פּאַלאַץ
אַז פון צריף האָט ער געשעפּט זיין שיין.

שטאָלץ און פּשוט שטייט דעם נשיאס פּאַלאַץ,
אין דער גרינער נעץ פאַרוועבט געדיכט.
אַלע ווייסע געסלעך פון רחביה
שיקן אים, ווי ברכות, זייער ליכט.



ניו־יאָרקער מאָטיוון

מאַנהעטן

ווי אַ לעקעך, אַ פלאָדן איז צעשניטן מאַנהעטן,
אין דעם בעקן פונעם אינדזל אַריינגעזעצט.
האָב איך אייך, ליבע געסט, אויף אַ שמחה פאַרבעטן,
זאָלן ווערן מיט משקה די העלדזער באַנעצט!

גאַסן, עוועניוס אין בעקן צעטיילט אויף חלקים —
איינגעקאַרבט מיטן מעסער מיט יושר און צום טעם,
און דעם פלאָדן אויף שטיקער צעשנייד איך און צעבראָק אים,
שוימט שאַמפּאַניער אין בעכערס — פון דער וויטן דער ים.

און ער שוימט און ער שוימט און פאַרגיסט אַזש דעם בעקן,
מיט אַ שפּריץ, מיט אַ פליוכע שיטן קאָרקעס אַרויס.
מיינע טייערע אורחים, איר זאָלט זיך נישט שרעקן,
ס׳וועט שאַמפּאַניער נישט פעלן, ווייל ער שעפּט זיך נישט אויס!...

אויף דער פלאָדן, זייט זיכער, וועט זיין צום פאַרבייסן,
ער וועט סטייען און סטייען, אַהאַ, נישט געזאָרגט!
ווער נאָר ס׳קומט וועל איך כיבוד דערלאַנגען אים הייסן.
כ׳הייב דעם פּאַקל פון פרייהייט — מיין כוס פאַר ניו־יאָרק!

אויף דער בריק פון ברוקלין

יעדן אָוונט אויפֿן וועג פון מאַנהעטן אַהיים
פֿאָרן מיר אַדורך די בריק פון ברוקלין.
איך צעלייג זיך אין סאָבוויי מיטן יידישן בלאַט.
ווער דאַרף דען דעם יידישן אות דאָ באַהאַלטן און שמוקלען?
ווער ס'לאָזט זינקען דעם קאָפּ אין זאָרגן, מיד און מאַט,
ווער סתם אַזוי,
און ווער עס גראָבט אים איין אין אַ „ניו יאָרק טיימס".
ווען עס פֿאַרכאַפּט אַ פֿאַל פון איבערפֿאַל,
אַ האָלד־אַפּ און אַ רויב,
און מיך פֿאַרכאַפּט, דורך שווינדלענדיקער שויב,
דער אָוונטיקער איסט־ריווער, וואָס כ'קען אים
פון כישוף־שפּיגל פון דעם קוטנער מייסטער שלום אַש.
די סאָבוויי טראַסקעט, הילכט, ווי דער גיהנום
וואָלט דאָ געלאָזט זיך הערן מיט זיין העכסטן רעש.
און פון ווייטן, פון דער טונקלעניש אַרויס,
בנינים מעכטיקע קוים־קוים זיך שיילן אויס
און פינקלען, גלימערן מיט ליכטער טויזנטער פון שויבן,
אַ צויבערדיקער, אַ פיל־בלענדיקער געווימל.
מיר דאַכט, אַראָפּגעפאַלן זענען שטערן דאָרט פון אויבן
און געבליבן הענגען צווישן ערד און הימל.
איך דאַרף נאָר אויסשטרעקן צו זיי אַ האַנט
און תיכף זיי דערגרייכן,
און צונויפשאַרן דאָס גאָלד פון גאָלדענעם לאַנד.
איך קוק אַרויס צום איסט־ריווער
און כ'טראַכט פון אַמעריקעס טייכן.

מיר זענען געזעסן אַמאָל ביי די טייכן פון בבל,
יעדער איינער פון אונדז מיט אַ ריס אין האַרצן
און פאַרקלעמטן שווייגן,
ווי אַן אָבל,
די האַרפעס אויפגעהאָנגען אויף די ווערבע־צווייגן.
ביי אַמעריקעס טייכן
האָבן מיר די האַרפעס צוריק אַראָפּגענומען,
ווען געיאָגטע און געפּלאָגטע,
ווו נישט־געגעכטיקטע, ווו נישט־געטאָגטע,
זענען מיר צו אירע ברעגן אָנגעקומען
מיט זעק און פּעק,
אַרויסגעראַטעוועט פון שרפות און פּאָגראָמען,
און פולע אויגן שרעק
און האָפענונג,
מיט גאָלד־געליישטע ספרים, צאינה־וראינהס און מחזורים,
מזוזות, געלע פּאַרמעטן, פאַרטרערטע שיימעס,
און געשלעפּט זיך מיט אַ ריבאייזן, אַ וואַלגערהאָלץ, אַ לאָקשן־ברעט,
מיט אַ זילבערנעם ירושה־בעכער, אַ צעפּליקטן אַלטן סידור,
ווו געבליבן איז נאָך ביי די תפילה, דאָס געבעט,
און קלומיקעס מיט אומעט פון צעשטערטע און פאַרקלאַפּטע היימען,
מיט טרויער און באַדויער פאַר פאַרלאָזטע שוועסטער־ברידער,
מיט זעגן, האַמערס, שערן און מיט קינדער־וויגן
און מיט דער מאַמעס איי־ליו־ליו־ליו־ניגון.
אַזוי אַרויסגעזעצט זיך און געלאַנדעט פון די שיפן
די בענקשאַפטן און האָפענונגען, קיינמאָל נישט פאַרלוירן. — —
און דאָ, ביי אָט די ברעגן איז אויפסניי אַ פאָלק געבוירן.
כ׳קוק אַריין אין איסט־ריווער ווי אין מיין שפּיגל,
ס׳האָט די סאָבוויי אָנגעטאָן מיר איצטער פליגל
און איך פלי, איך פלי, איך פלי.
און פון איסט־ריווער איך לאָז שוין נישט אַראָפּ קיין אויג
ביז דער סאָבוויי־הילכער רופט מיין סטאַציע אויס:
ניו־קוירק.

אַ באַגעגעניש

כ׳האָב איינמאָל זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער סאָבווײ,
אַרײַנגעדרייט זיך אין איר לאַבירינט.
עס טראַסקען צוגן אַזש עס טוט דער קאָפּ וויי,
אין מענטשן־פּלאָנטער בין איך אַ פֿאַרלוירן קינד.

ווער ווייסט צי דאַרף איך דעם עקספּרעס, צי לאָקל,*
און וווּ מען שטעלט אַ טריט אין יענער סטריט.
און אָט גיט מיך דער צוג אַ פֿעסטן שאָקל
און ווי אין הסכם, שאָקלען אַלע מיט.

דער צוג איז ווי אַן אָנגעשטאָפּטע קישקע
מיט פֿלייש און ביינער, קליידער, הויזן, שיך.
אַ גליק וואָס מיך דער מענטשן־אויסגעמיש קען
ווי ביי אַ שווער געבורט אַרויסקוועטשן פֿון זיך.

אין קולוואַרן־דראַנג ביי וועמען פֿרעגן?
די צונג איז אין דעם לשון נישט געניט.
און דאָ קומט מיר פֿון מענטשן־שטראָם אַקעגן
אַ ייד, אַ נישט־באַקאַנטער — דאָך נישט־פֿרעמדער ייד.

כ׳דערקען אים לויט זיין הולך אַזאַ נאָענטער,
לויט זיין הלבשה, שוואַרץ, און שוואַרצער באָרד,
ער גיט מיר אַ צעקניפּ דעם פֿרעמדן מענטשן־פּלאָנטער,
האָט פּופּציק ווערטער אויף מיין איינציק וואָרט.

---

* לאָקאַלער צוג פֿון דער סאָבווײ, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף אַלע סטאַציעס.

מיר דאַכט אַז כ׳האָב שוין ווו געזען אַמאָל אים
אויף נאַלעווקעס, אויף גענשע צי אויף לעש,
שוין לאַנג געווען דאָס, אין אַ ווייטן חלום,
און איצט איז חלום אויף ממשות, יש.

כ׳דערמאָן זיך אין זיין טוכן יידיש היטל,
געהאַקט איז די קאַפּאָטע — זיין פּאַסאָן.
איך האָב געקוקט אויף איר אַמאָל מיט ביטול
און איצטער ווייזט זי מיר מיין דרך אָן.

מיר קערן זייטיק אָפּ פון דעם גערודער.
פון וואַנען כ׳בין? אַ ייד איז פון דער וועלט.
אַ ברודער האָט געפונען דאָ אַ ברודער,
נאָך לאַנגן וואָגלען כ׳בין אין מיין געצעלט.

— די גאַסן, עוועניוס — מיין אָרעם האַלט ער —
פון ציפערן, איר ווייסט, באַשטייען בלויז.
קומט נאָך אַ מאָל אַהער מיט אַ בוכהאַלטער
און פון דעם פּלאָנטער לייכט וועט איר אַרויס.

איך קען אים, דוכט, געוווינט אין זעלבן קוואַרטל,
נאָר איינער ווייט פון אַנדערן געלעבט.
כ׳האָב נישט געוווסט, עס בינדט מיך צו זיין גאַרטל
און כ׳בין אַ פאָדעם אין זיין טלית איינגעוועבט.

כ׳האָב אָפּגעעטעמט לייכטער, פריי, אין דרויסן.
אַ יישר-כוח אים, אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק,
פאַר אויסלייזן אין כרך ניו־יאָרק דעם גרויסן
פון לאַנגן בלאָנדזשעניש און פרעמדן מענטשן-דראַנג.

אין אַ קאַפּעטעריע

אין קאַפּעטעריע ווו די וואַנט
שלינגט ניקלס איין און זי גיט אָפּ דערפאַר
אָראַנזש־זאַפט, קאָקאַ־קאָלאַ, ביר
און טיי, קאַפּע מיט מילך און שמאַנט
און ס׳רינט און שטראָמט און שטראָמט פון איר,
ווי וואַסער האָט געשטראָמט אַמאָל פון משהס שטיין —
כ׳זע זיצן ביי אַ טישל איין־אַליין
אַן אַלטן און צעקנייטשטן ייד
מיט אַן אַלטן און צעקנייטשטן „פאָרווערטס״.
ס׳איז אַלט דער ייד און מיד
(און אויך דער גראַם שוין אַלט און מיד
און ווי אַן אַלטער ניקל אָפּגעריבן).
עס דרימלט איין דער ייד און ס׳איז אים גוט
(וואָס פאַר אַ גוטס איז אים דען נאָך פאַרבליבן?).
פון האַנט פאַלט אים אַרויס דאָס בלאַט
און גליטשט זיך אויפן דיל אַראָפּ.
איך קוק זיך צו און טראַכט: אַהאַ, מסתמא
איז ער, קיין עין־הרע, שוין מיט יאָרן זאַט!
(צי אויך אַזוי מיט שפּייז — ווער ווייסט?)
און עלנט איז ער אויף די אַלטע יאָרן.
און צו זיין ברוסט פאַלט צו זיין קאָפּ,
ווי ער וואָלט צוגעשטימט צו מיין השערה
און מיר געענטפערט מיט הסכמה.

די טישלעך שווימען אין אַ וואָלקן ציגאַרעטן־רויך,
וואָס וויל פאַרכאַפּן אים — אַ נעץ פון לויער.

אַרום אים לאַכט מען און מען פּלאַפּלט הויך.
צי גישט אַמאָל פון אים, פון זיינע אַלטע יאָרן?
און ווען ער כאַפּט זיך אויף אַ ווײַלע פון זיין דרימל
כאַפּ איך גיך אַוועק מיין קאָפּ,
ער זאָל נישט זען ווי כ׳קוק אויף אים,
ער זאָל נישט זען מיין צער און מיין באַדויער.

אַ שוואַרצער מאַן מיט ווייסע האָר

אַ שוואַרצער מאַן מיט ווייסע האָר,
ער זיצט אין סאָבוויי אַקעגנאיבער מיר,
ער ווייסט נישט צומאָל וווהין איך פאָר,
איך ווייס נישט צומאָל וווהין ער פאָרט.
און ווען מען גייט־אָן דען ווו עמעצער פאָרט?
אַבי צו אַן ערגעץ דערפאָרן, צו אַ דאָרט.
איך זע די האָר אויפן שוואַרצן קאָפּ,
דעם שוואַרצן קאָפּ פונעם שוואַרצן מאַן,
זיי זילבערן זיך ווי מיינע אויך, ווי מיינע.
צי זענען זיי אפשר פאַר אים אַ באַציר,
צום טונקעלן קאָפּ אַ העלע באַשיינונג
און נישט ווי עס זענען מיינע פאַר מיר?
איך קוק מיט חידוש, איך קוק מיט שטוין
צום שוואַרצן מאַן מיט די ווייסע האָר.
מיר דאַכט, זיי פּאַסן אים צו צו זיין קאָפּ,
צום שוואַרצן קאָפּ, ווי אַ זילבערנע קרוין.
איך זאָג זיך: דו זעסט, זיינע האָר זענען ווייסע,
און ווייסע, זיי זיכער, ווי דיינע, ווי דיינע,
און גאָרנישט געדענק מער, אין אַלעם פאַרגעס,
און רייס פון־זיך אויס דיין יחסנישע טענה
אַזוי ווי אַ צאָן אַ צעפוילטן, אַ קראַנקן.
אָ, זע זיינע קרייזעלעך ווייסע, געדיכטע,
ווי זילבערנע רינגעלעך קייטלען זיך, קלינגען,
ווי דיינע וואָס זענען געווען אויך אַמאָל
געלאָקטע און שוואַרצע געקרייזלטע רינגען.

דו שוואַרצער מאַן מיט די ווייסע האָר,
דו ביסט פאַר מיר ווייסע אַנטפּלעקונג און נס.
איך פרעג זיך, פאַרוואָס ווערט נישט ווייס אויך דיין הויט,
דיין טונקעלע הויט פון דיין טונקל געזיכט,
צוזאַמען מיט דיינע שוואַרץ־קרויזיקע האָר?

און כ׳פאָר אין דער סאָבוויי, איך פאָר און איך פאָר,
און ס׳דאַכט מיר, דער שוואַרצער מאַן לעבן מיר
איז איצטער געוואָרן מיין שוואַרצער שפּיגל
און איך בין געוואָרן זיין ווייסע מאַסקע.
און ס׳טראָגט זיך די סאָבוויי אַוועק ווי אַ פייל
צום ערגעץ און דאָרט אין געאייל, אין געאייל,
מיין דאַכטעניש, דאַכט מיר, פאַרהילכט זי, פאַרטויבט,
צערייבט מיט די רעדער, געקלאַפּ און געטראַסקע,
צערייבט אין איר גאַנג און צעמאַלט און צעשטויבט.

ניו־יאָרק פון דער ווייטנס

ווי אַ ריזן־בית־עולם זעט אויס פון דער ווייטנס ניו־יאָרק.
ס׳זענען ריזיקע שטיקער מצבות די הויכע בנינים.
מ׳האָט דאָ ריזיקע מתים געבראַנגט פון אַ ריזיקן מאַרג,
און מיט ריזיקע לאָפּעטעס האָבן געגראָבן קברנים.

מ׳האָט די שטיקער מצבות געשטעלט דאָרט כאַפּ־לאַפּ, אין געאייל,
ווי פּאָר זעלנער געפאַלענע — שטיינער איינפאָרמיק און קאַנטיק.
ס׳לייכטן אָוונט־צייט טויזנטער ליכטער אין זיי — אויף דערווייל
די נר־תמידס, געטאָפּלט אין שפּיגל פון ים, פון אַטלאַנטיק.

כ׳הער סירענע־געיאָמער פון ווייט — איז עס אפשר מלווים־געוויין?
דאַרפן גרעסער פון שטיינדלעך דאָך זיין דאָרטן זייערע טרערן;
הייסע טרערן פאַר די, אונטער גרויען שווער־וואָגיקן שטיין,
און נישט אַנדערש, דאָרט ליגן אין אייביקער רו גוליוורן.

די מצבות, ווי שטיינבלאָקן, רייסן זיך העכער צום הימל אַרויף,
איבערשטייגן וויל איינע די אַנדערע, יעדע זיך העכער פאַרהייבן.
און אויך טיילמאָל זיי טוליען זיך, רוקן זיך ענגער צונויף,
ווי אַ סטאַדע אין שרעק ווען אויף שטורעם אין פעלד נעמט זיך קלייבן.

נאָר ווען כ׳קום אין דער שטאָט אַריין, תיכף מיין זעאונג פאַרשווינדט,
ווי אַ כישוף־שפּרוך וואָלט דעם בית־עולם צעשאָטן אויף שטויבן.
נישט מצבות, נאָר מעכטיקע זיילן, וואָס האַלטן מיך אונטער אַצינד
און מיין בליק מיט מחילה־געבעט הויך צו זיי איז פאַרהויבן.

אויף פינפטער עוועניו פאַרנאַכט

אויף פינפטער עוועניו פאַרנאַכט.
אויבן, צווישן נעאָן־ליכטער, שעמעוודיק, פאַרלוירן,
נעמט אַן אָוונט־שטערן גרינען.
ס'האָבן אויסגעדרענגט, אַרויסגעקוועטשט פון זיך
די הויכע מויערן
המונים — פון די שעפּער, אָפיסעס און מאַגאַזינען,
און ווי מיילער פינצטערע — די אויפגעפּראַלטע טויערן,
זיי אויסגעמייקעט איבלדיק און שיכור.
ווי באַלן שניי וואָס קייקלענדיק זיי באַרג־אַראָפּ אויף שניי,
ווערן אָנגעשוואָלן, גרעסער, פולער, דיקער —
וואַקסן די המונים אַן, פון זיך אַליין געכפלט.
אָט וועט די ענגשאַפט זייערע ווי מיט אַ ריזן־עלנבויגן
די מויערן די מעכטיקע צעשפּאַרן און צעשטויסן.
און אויבן, צווישן נעאָן־ליכטער ציטערט אַלץ דער גרינער אָוונט־שטערן,
פאַרלוירן, אומבאַהילפיק און פאַרצווייפלט,
און ווערט פאַרפאַלן און אַנטרינט פון מיינע אויגן.
קיין ראָד וועט איצט נישט דורכרייסן דעם מענטשן־דראַנג אין דרויסן.
און בלויז אַן אַמבולאַנס, וואָס לאָזט זיך נאָך פון ווייטן הערן
מיט זיין גיהנומדיקן יאָמער און געשריי,
אים לאָזט מען ווי אַ יחסן דורך.
גיב, טייערע, דיין האַנט,
נעם, טייערע, מיין האַנט —
מיר קענען נאָך פאַרלוירנגיין דאָ אָן אַ שפּור
אין דעם המון־פאַרוויקל און פאַרדריי,
נישט פאַר קיינעמען געדאַכט —
אויף פינפטער עוועניו פאַרנאַכט.

לזכר צוויי נעמען

אויב וועסטו, מענטש, ווען ס׳איז די שוועל אַריבערטרעטן
פון דער דעפּאַרטמענט־סטאָר אין רוישיקן מאַנהעטן,
וואָס איז מפורסם און וואָס מייסיס איז איר נאָמען —
ס׳געשעפּט פון די געשעפטן און די קראָם פון קראָמען,
פאַרהאַלט זיך דאָרט אַ ווייל אין איינגאַנג פאַר אַ טאָוול
פאַרזונקען אין מחשבות און אין שווייגן ווי אַן אָבל.
כאָטש אין הו־האַ וועסט זעלטן עמעצן דאָ טרעפן
געבויגן פאַר די צוויי געזיכטער־באַרעליעפן
און פאַר די נעמען צוויי: שטראַוס איזידאָר און איידע,
דו הער דעם בראַנדז דערציילן פון זיי ביידע:
די ערשטע באַלעבאַטים, ערשטע גרינדער־בויער
פון דעם צעווימלטן יאַריד וואָס אינעם טויער
דערמאָנט דער אָנדענק־טאָוול זייער שטאַם און יחוס
און זייער ים־נסיעה, לעצטע רייזע־שליחות,
ווען ס׳האָט אין שרעק־בהלה, אימת־מוות־פּאַניק
אַוועקגעלייגט זיך אויף אַ זייט די שיף „טיטאַניק״,
ווי אין אַ שטומען צער אַ חיה טויט־פאַרוואונדעט,
פון רעטונג שוין פאַרלאָזן און פון לעבן אָפּגעזונדערט.
פון קרעכצנדיקע שטיגן און צעפראַלטע טירן
צום ראַנד פון לעצטן האָפן שפּאַרן זיך די פּאַסאַזשירן,
צום ראַנד פון שיף וואָס זינקט פּאַמעלעך ווי די שקיעה —
נאָר צו דער רעטונג בלויז די פרויען האָבן זכיה.
די רעטונג־שיפלעך וועלן נישט פאַר אַלע סטייען,
אומזיסט דאָס בעטן רחמים, ס׳וויינען, ס׳שרייען,
אומזיסט די קלאָג, די תפילה צו זיין ליבן נאָמען
און ס׳אויסמישן די טרערן מיט די וואַסער־שטראָמען.
אַ, גאָט! וואָס האָסטו מיך נישט פאַר אַ פרוי באַשאַפן,
זאָל זיין פון קלענסטן שטאַנד, אפילו פאַר אַ שקלאַפין!...

ס׳גייט איידע ווי אַ שאָטן נאָך איר איזידאָרן,
אַן אָרעם אין אַן אָרעם, ווי זינט לאַנגע יאָרן.
— כ׳האָב אים באַגלייט אין גליק, אין שענסטע ליבע־צייטן,
אַ, לאָזט מיך, קאַפּיטאַן, אויך איצטער אים באַגלייטן!
און וווּ־נאָר ער וועט גיין, אים נאָכגיין תמיד וועל איך,
געשווירן האָב איך אים פֿאַר גאָט, מיין האַר און מלך.
אין לעבן נישט צעשיידט, זאָל אונדז דער טויט צעשיידן? —
און ווי אין חופּה־גאַנג זיך האַלטן איזידאָר מיט איידען.
— אים קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזט, זאָל איך אים איצט פֿאַרלאָזן? —
און דראָענדיק שוין שרייט דאָס וואַסער מיט ירגזון.
די כוואַליעס רייסן זיך צו איר שוין ווי תּלינים,
פֿאַרשייטע שפּריצן זיי און שפּייען איר אין פּנים,
נאָר ס׳זעט זיי שוין נישט מער און ס׳פֿילט זיי שוין נישט איידע,
אַליין און וויליק גייט זי צו דער ים־עקידה,
וואָס נישט געמאָגט ביי איר האָט גאָט, נישט קיין בן־אָדם,
עס זאָל דער שטראָם פֿאַרצערן זי ביז לעצטן פֿאָדעם.
עס נעמט די שיף שוין אָפּשייד פֿון די וואַסער־פֿלאַכן,
ווי ס׳גנעמט דער בליק שוין אָפּשייד פֿון קאַלירן און פֿון זאַכן.
און עמעץ וויינט און לאַכט און שלאָגט אין די באַריערן,
אַ פֿרוי באַוויינט איר מאַן מיט לעצטע הייסע טרערן.
די שיף שוין ווערט פֿון מאַנצבילן אַ טויטן־קאַסטן,
בלויז איבער איר פֿאַרהייבן זיך ווי טרויער־ליכט די מאַסטן.
קוים זעט זיך נאָך דער קאָפּ פֿון קאַפּיטאַן פֿון דער „טיטאַניק” —
דער לעצטער עדות פֿון דער זעאונג און איר מנהיג.
צי זעט נאָך זיין לאַרנעטע ערגעץ איידען? איזידאָרן?
אַ חופּה איז אויפֿסניי די ים־פֿלאַך זיי געוואָרן
און זי פֿאַרדעקט זיי ווידער און פֿאַראייניקט ביידע,
און ס׳ציט אַ כוואַליע ווי אַ שלעפּע נאָך נאָך אירע קליידער,
ווי זי וואָלט איצטער נאָך אַ מאָל געווען אַ כּלה.
און דאָרטן, וווּ צום הימל ווערן ביידע שוין נתגלה,
אַ מעווע מיט די פֿליגל אירע יאָושדיק־צעשפּרייטע,
אַ קדיש זאָגט נאָך די אויף אייביק נישט־צעשיידטע.

קאַפע ראָיאַל

לאָמיר דאָ אין דער איסט־סאַיד אַ ווײַלע זיך פֿאַרהאַלטן
בײַ דעם אָרט וווּ געווען איז די קאַפע ראָיאַל,
כאָטש פֿאַרשוווּנדן שוין מיט אירע שטאַמגעסט־געשטאַלטן
און כ׳וועל קיינעם נישט טרעפֿן בײַ טישלעך אין זאַל.

און דעם זאָל אויך אפֿילו כ׳וועל מער שוין נישט טרעפֿן,
ווי פֿאַרזונקען אַמאָל דורך אַ קללה וואָלט ער.
זײַנע יורשים דאָ האָבן אַ „ביזנעס״ געעפֿנט.
כ׳קען צומאָל בײַ אַ טיש נישט זעצן זיך מער,

ווו געזעסן איז אַש, מאַני לייב, אברהם רייזען.
כ׳וועל וויכוחים נישט הערן שוין, שאַרף אַמפּעריי.
כ׳קום צו שפּעט. ס׳וועט זיך קיינער פֿאַר מיר נישט באַווײַזן.
כאָטש מיר דאַכט, זייער שאָטן איז נאָר־וואָס פֿאַרבײַ.

כ׳קוק אַרײַן אין לאָקאַל. ס׳איז דאָרט איצטער אַ פּרעסינג.
קליידער־פּעק ווי געשפּענסטער, צעוואָרפֿן, צעשפּרייט.
ס׳האָבן שמאַטעס פֿאַרמאָסטן זיך דאָ מיט פֿאַרגעסונג
פֿון מײַן יחוס פֿאַרדעקן די גאָלדענע קייט.

ס׳גיט דעם קויט דער מלבושים־פּאַק פֿון־זיך אַ מייקע,
פֿון דער פּרעסמאַשין טראָגט זיך די פּאַרע, דער „סטים״,
נאָר איך זע ווי פֿון משה לייב האַלפּערנס פּייקע
מאַכט אַ רויך אַ שלשלת און קרייזט אַרום אים.

ס׳הענגען קליידער־געשפּענסטער געפּוצטע, גערייניקט.
זאָל איך זען דאָ די טונקעלע שאָטנס פון זיי?
יעדעס קלייד, דוכט מיר, וואָלט זיך גערייצט, מיך געפּייניקט:
נישט געטראָפן אַהער האָסטו אין אַ מוזיי...

ביסט געקומען צו שפּעט, אין אַ זמן שוין אַ שפּעטן —
וואָלטן, דאַכט, זיך די קליידער געסודעט, געשאָרכט.
אוי, אַרומגעצוימט וואָלט איך דאָס אָרט מיט שטאַכעטן,
כ׳זאָל דאָ שטיין אָפּגערוקט און אין שטילקייט און פאָרכט.

אין דער איסט-סאַיד

מיר זענען טועם קנישעס אין אַ קאַפעטעריע
ביי אַ געפלאַצטן אַלטן מאַרמאָר־טיש.
צי איז דער מקום יידיש? ווער וועט זיין אַ בריה
און דאָס דערקענען? אפשר לויטן פיינעם קניש?

דער קניש, וואָס האָט אַ שם, פאַרענטפערט ער די קשיה?
דער טעם איז יידישלעך, נאָר שוואַרץ דעם בעקערס האַנט...
פאַרצוקן מיר די קנישעס, די מיט קעז און קאַשע,
און מיר פאַרטרינקען זיי מיט זויערמילך און שמאַנט.

דער באַלעבאָס קומט צו — אַ כבוד און אַ זכיה!
אַ גאַסט פון יוראַפּ? הייסט ער שטעלן קנישעס נאָך אומזיסט.
אַ יידיש וואָרט מיר זאָגן וועט ער זיך באַמיען.
נאָך יעדן וואָרט באַדאַרף מען תיכף רופן דעם דענטיסט...

וואָס קען מען טאָן? — דערהער איך פון זיין מויל באַדויער —
אַ נעגער באַקט דעם יידישן געשמאַקן קניש.
אַ יידיש קינד וויל זיין אַ דאָקטער, צי אַ לאָיער.*
אַ פּרוי פון פּאָרטאָריקאָ קאָכט אים די געפילטע פיש...

אַן עכאָ, דאַכט מיר, הער איך נאָך פון מאָטל פייסיס,
אין דרויסן, ביי אַ טומלדיקן מסחר־סטענד.
אַ ביזנעסמאַן, קען זיין, איז ער שוין היינט אין מייסיס
און זיין באַשאַפער וואָלט אים גריילעך נישט דערקענט.

---

* אדוואָקאַט.

געשטאַלטן פון דער איסט-סאַיד, ווו איר זענט — מיין גרוס אייך!
כאָטש קומען וועט איר נישט אַהער צום אַלטן מאַרמאָר־טיש,
צו די געפילטע פיש, לויט פאָרטאָריקער נוסח,
און צו דעם יידיש־נעגערישן טעם גן־עדן־קניש.

נאָך מיטאָג אין וואַשינגטאָן-סקווער

נאָך מיטאָג אין וואַשינגטאָן־סקווער האָב איך געטראָפן:
טויבן, ליידיקגייער און אַלטע לייט.
עס פעלט נישט אויס די אַלע דריי קיין צייט
און קענען טאָן מיט איר וואָס זיי געפעלט.
די עלטערע לייט, נאָכן דרימל, האַלב פאַרשלאָפן,
פאַרנומען זענען מיטן קוקן אויף גאָטס וועלט,
די טויבן — מיט חיונה זוכן, וואָס עס לאָזט זיך, אַלץ.
אָקטאָבער. ס׳וואַרעמט נאָך די זון, דאָס וועטער איז נאָך לינד,
פון דעסטוועגן באַדאַרף מען זיך שוין היטן פאַרן ווינט,
און ס׳וואָלט אפילו נישט געשאַט
אַרויסצוגיין אין דרויסן מיט אַ שאַליק אויפן האַלדז.
דער ליבער זומער איז אַוועק.
ס׳הייבט אָן צו ווערן געל דער גרין פון גראָז.
געשענקטע זענען שוין די שיינע טעג
און אַ געשענקטע שוין די צייט
פון די רעטאַיערטע בכבודיקע אַלטע לייט.
די טויבן פּיקן קערנדלעך פון עמעצנס אַ האַנט,
די אַלטע מענטשן פּיקן אותיות פון אַ בלאַט,
זיי דאַרפן בלויז צו זיי ס׳פאַרגרעסער־גלאָז,
די אותיות אין אים אַריינצוגאַרן.
די טויבן, וואָס באַדאַרפן דען אַזוינס די טויבן? —
פאַרטרויען בלויז אין מענטש ביים פּיקן פון זיין האַנט די קערן,
אַ ביסל זיכערקייט אין מענטשנס האַנט און גלויבן,
זיין פאַזיכטיק, זיך היטן פאַר געפאַרן,
עס זאָלן זיינע פינגערלעך אַ נעץ פאַר זיי נישט ווערן.

נאָך מיטאָג אין וואַשינגטאָן־סקווער האָב איך געטראָפֿן:
אַ שאַך־קלוב אונטער פֿרייען הימל, אָפֿן.
עס ליגט דאָס שאַך־ברעט דאָ און דאָרטן אויף אַ באַנק,
און אויסגעשטעלטע שטייען, ווי צווײ קריגער־מחנות, די פֿיגורן,
ווי אויף אַ שלאַכטפֿעלד אַן אַמאָליקס, לויט אַמאָליקע גראַוויורן.
די צדדים שווייגן ערנסט, טראַכטן לאַנג.
מען אײַלט זיך נישט, צו וואָס דאָס אײַלן?
אײַן צד דעם אַנדערן לאָזט רואיק זיך באַקלערן,
באַטראַכטן, איידער זיי באַשטימען סוף־כּל־סוף צו גיין אַ גאַנג.
עס פֿעכטן שטיל און פֿרידלעך די פּאַרטנערן.
פֿאַרשאַנצטע, וואַגן זיך נישט די פֿיגורן פֿונעם אָרט צו רירן,
ווי אויסגעשטאַטע פֿײַנטלעכע אַרמייען,
וואָס ביידע שרעקן זיך אַרויסצוגיין פֿון די טראַנשייען —
דעם שונא אַטאַקירן.
דאָס שאַך־ברעט האָט געדולד און צײַט אַ סך,
די שפּילער האָבן דאָ געדולד און צײַט אַ סך.
דאָ איז נישט ווי עס שטייט אין פּסוק: „טיים איז מאָני״.
און בלויז די אַלטע מענטשן האָבן ווייניק צײַט
אויף צום פֿאַרענדיקן די לעצטע שפּיל, די לעצטע פּאַרטיע שאַך.
ס׳וואָלט אפֿשר נישט מײַן ליד געדאַרפֿט זײַ דאָס דערמאָנען...
ביים איבעררוקן סוף־כּל־סוף דעם לעצטן פּיאָן
די אַלטע האַנט זיי ציטערט ווען זי בייגט זיך אָן
און פֿאַלט אַראָפּ צום שאַך־ברעט מיד און שווער,
ווי ס׳ציטערט אין דער לופֿט אַ געלער אָדערדיקער בלאַט,
וואָס נעמט שוין פֿאַלן דאָ און דאָרטן אינעם סקווער.
שאַך־מאַט.
דאָס שאַך־ברעט ווערט פֿאַרמאַכט.
דער אָוונט פֿאַלט שוין צו, אין שאַך־קלוב ווערט שוין קילער.
אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט,
געווינער און פֿאַרשפּילער.

אין ברוקלין אויפֿן ברוק

אין ברוקלין אויפֿן ברוק,
אין אַ זייטן-גאַס אַ שטילער, אין דער סאַמע מיט,
שפּילן אין פֿוטבאָל ווייסע און שוואַרצע ייִנגלעך,
ווייסע און שוואַרצע ווי בײַ פּרצן אין ליד,
בײַ פּרצן קומען נאָך צו די ברוינע און די געלבע
(ווי אַלע זענען ברידער, מיטן גראַם פֿאַרקניפּט, די זעלבע),
נאָר ס׳איז שוין אַזוי אויך באמת שיין און געגוג
צו זען ווי דעיווידלעך און דזשימעלעך צוזאַמען
שפּילן אין פֿוטבאָל אין ברוקלין אויפֿן ברוק,
און ווי מען שפּילט התלהבותדיק, מיט אימפּעט, הייס,
און ביז מען פֿאַרגעסט אפֿילו אין שוואַרץ און ווייס,
און ברידערלעך שיסן זיך אַריין די צדדים
פֿון איינעם צום צווייטן די פּילקע, דעם באַל,
(גיב גאָט, אַז מיט דער פּילקע זאָל מען שיסן בלויז).
אָט רייסט זי זיך אָפּ פֿון דער ערד מיטאַמאָל
און פֿון ייִנגלשן פֿלאַנטער גיט זי הויך אַ פֿלי אַרויס,
אָט גייט זי איבער פֿון האַנט צו האַנט, פֿון פֿוס צו פֿוס,
אין אַמפּערניש, געפּילדער און אין רעש.
און אפֿשר וועט מילדער ווערן אין איר זכות
דער טיפֿער ווייס־און שוואַרץ־פֿאַרדרוס.
ס׳וויל יעדער דעם פֿלינקן פֿויגל — דעם באַל,
אַ כאַפּ טאָן געשיקט און געבן אַ באַפֿאַל אים,
און ווייסע און שוואַרצע הענטלעך — אַ מישמאַש,
שטרעקן זיך אויס צו אים אַרויף, אַרויף,
ווי מענטשן־הענט שטרעקן זיך פֿון אַלע עקן וועלט
צו דער זון — דעם גאָלדענעם באַלעם.

פון פענצטער און וועראַנדעס קוקן נאָך
יידישע און נעגערשע מאַמעס פאַרזאָרגטע
די זינדלעך זייערע, צעיאַכמערטע, צעקאָכט.
שוין גענוג געשפילט דאָרט, רופן זיי, שוין צייט
צו גיין זיך אָפּרוען און עסן סאָפּער,
נאָר ס׳הערן זיי גאָרנישט די קליינע חברה־לייט
און זייער ברען פאַרן פוטבאָל ווערט נישט קנאַפּער.
שוין גענוג זיך אָנגעשפּילט, רופן אַלץ ווידער
פון די פענצטער די שוואַרצע און ווייסע מאַמעס.
אוודאי שוין הונגעריק שטאַרק און מיד, —
און אַוועקשלעפּן ווילן זיי די יינגלעך פון דער שפּיל,
און אפשר אויך, ווער ווייסט, פון פּרצעס ליד...

קריסמעס-בוים און חנוכה-לאָמפּ אין בראָנקס

כ׳האָב אויף אַן עוועניו אין בראָנקס, אַ ברייטע און גערוים,
געזען מיט לעמפּלעך בלענדנדיקע שימערן און גלאַנצן
פון אַ טעראַסע ביי אַ פענצטער גדלותדיק אַ קריסמעס-בוים.
די עוועניו פאַרבלענדן האָט זיך אים געוואָלט איינגאַנצן.

איך זע נאָך זיינע לעמפּעלעך וואָס קוקן יידן נאָך,
ווי אויגן שטראַליק־שפּיזנדיקע שטעכיקע מיט שנאה,
זיין יעדע נאָדל גיט מיט פּחד זיי אין האַרץ אַ שטאָך
אין שטעטעלעך ביים דניעפּער, ביי דער ווייסל, בוג און דווינע.

געווען איז דעמאָלט חנוכה אין בראָנקס, און אויף דער וועלט,
געצונדן האָבן יידן ס׳אַכטע ליכטל אין די היימען.
אַנטקעגן קריסמעס־בוים האָט עמעצער אַ לאָמפּ אַרויסגעשטעלט —
צום דרויסן, נישט פאַרשטעקט אים אין אַ ווינקל אַ געהיימען.

אַן אַלטן לאָמפּ פון חנוכה, אַ שיין־באַצירטן לאָמפּ,
וואָס בירושה איז פון דור צו דור איבערגעגאַנגען,
וואָס איינמאָל אָפּגעראַטעוועט מ׳האָט אים פון אַ פּאָגראָם
און ס׳האָט זיך נאָך אין רוצחים־קעפּ זיין מעש געלאָזט דערלאַנגען...

היינט שטייט ער אויף דער עוועניו מיט ליכטעלעך די אַכט
און מיטן שמש דעם געטרייען ביי דער זייט — אַ ניינטן.
קען זיין, דער לאָמפּ דערמאָנט זיך איצטער יענע שווידער־נאַכט
ווען מ׳האָט אים אָפּגעראַטעוועט אַמאָל אַן אויסגעווייינטן.

קען זײַן, אַז ער געדענקט נאָך יענע קאַלטע ווינטער־נעכט
אין שטעטעלעך פֿאַרזונקענע אין פּראָסטיק־ווײַסע תּהומען,
דער קלויסטער־גלאָק די פֿרייד פֿון יום־טובֿ דורך די לאָדנס שטעכט,
עס פֿליִען שנײַעלעך, ווי פֿעדערן פֿון קישנס בעת פּאָגראָמען.

די כאָיִנקע און יאָלקע האָט געהייסן דאָרט דער בוים.
די צווײַגן ווי אומהיימלעך־גרינע פֿליגל פֿלעגן פֿאָכען.
מיט וואַטע אָנגעהאָנגען — ווײַסער צאָרנדיקער שוים.
די נאָדלען האָבן אַלץ ביז ווייטיק יעדנס האַרץ געשטאָכן.

הײַנט שטייט דער אַלטער לאָמפּ אין פֿענצטער ווי דער קריסמעס־בוים,
ער שײַנט אָן פּחד קעגן אים, אי פֿרײַ, אי שטאָלץ־באַשיידן.
עס בייגן זיך די פֿלעמעלעך, באַוועגן זיך קוים־קוים
און אונטער שטערן־פּאָן עס לײַכטן זײַנע ליידן־פֿריידן.

עס וואַרפֿט ניִשט, ווי אַמאָל, אויף אים דער קריסמעס־בוים קיין שרעק,
מיט זײַנע גרינע צווײַגן־פֿליגל פֿאָכעט ניִשט און הויערט.
עס שײַנט אים ליכט אַקעגן וואָס געסטײַעט האָט אַכט טעג
און וואָס עד־היום סטײַעט עס און דויערט אַלץ און דויערט.

שמחת־תורה תשל״ו אין ברוקלין

פאַרנאַכט. אין ברוקלין אויפן הימל האָט באַוויזן זיך אַ שטערן
צו שמחת־תורה, נאָך יום־כיפור, נאָכן תענית, נאָכן שווערן.
און ווי געפרייט זיך מיט דער תורה וואָלט ער — שיינט ער העלער, שענער,
און צינדט ביי ייִנגלעך אָן די ליכטלעך פון די שמחת־תורה־פענער.
און דעמאָלט גייט אַרויס אַ ייִד פון שטוב אין ברוקלין, זעט ער אויבן,
ווי יעדעס יאָר זיך פרייען מיט דער תורה און דעם בורא לויבן.
און ווי ער האָט אין חדווה און דערהויבנקייט דעם ברוק באַטראָטן,
דעם וועג צום יום־טוב האָט געשטרויכלט אים, פאַרשטעלט אַ שוואַרצער שאָטן.
פון שוואַרצן פּנים בליצן־אויף צוויי אויגן, ווי צוויי בלאַנקע מעסערס:
— ווו גייסטו, ייִד? — ווו זאָל איך גיין? ס׳איז יום־טוב, כ׳גיי אין בית־הכנסת.
— דאָס געלט ווו האָסטו, ייִד? דערלאַנג מיר, גיב מיר אָפּ דיין געלט אינגאַנצן. —
די בלאַנקע מעסערס פונעם שוואַרצן פּנים בליצן אַלץ און גלאַנצן.
— ס׳איז יום־טוב היינט... — קיין וואָרט נישט מער, דאָס געלט אָדער דאָס לעבן!
— דאָס לעבן איז ביי גאָט אין האַנט, ער קען עס נעמען, פּונקט ווי געבן.
— איך קען עס נעמען אויך! — בליצט עפּעס אויף אין טונקעלע ידים —
און ס׳לייגט זיך צו צום שטערן פונעם ייִד דער שטאָל פון אַ כלי־זיין.
— ס׳פאַרווערט מיר מיין אמונה יום־טוב געלט ביי זיך אין טאַש צו טראָגן,
באַזונדער מיך, בעט דער ייִד זיך רחמים, כ׳קען קיין ליגן דיר נישט זאָגן,
איך גיב מיין הייליק וואָרט... — ווער דאַרף עס? דאַרפסט דיין געלט מיר געבן,
אויב האָסטו נישט קיין געלט, האָט קיין שום ווערט נישט, ייִד, ביי מיר דיין לעבן.

און צווישן אַלטע ווענט פֿון ברוקלין פּלוצים לאָזט אַ שאָס זיך הערן.
עס גיט אַ ציטער כביכול און עס ציטערט־אויף דער שטערן,
עס צאַנקט דער שטערן אויפֿן הימל, לעשט זיך מיטן יידס נשמה,
געהייליקט האָט זי ערשט די תּורה, דעם באַשעפֿער און זיין נאָמען.
צעשאָסן אויפֿן ברוק פֿון ברוקלין ליגט די פֿרייד פֿון שמחת־תּורה.
אַן געלט אין טאַש, מיט גאָט אין האַרץ — אַ ייד איז עולה פֿאַרן בורא,
אַרויף צום כּסא פֿול מיט ליכט, באַטש ליידיק זענען זיינע טאַשן.
אַ שמחת־תּורה־ריקוד גייען אַרום אים טרעבלינקער אַשן.

אין סי געיט

כ׳גיי אַריין אין סי געיט. איז דאָס שטעטל אַ לאַגער?
מען דאַרף וויסן ביים טויער צו וועמען מען גייט,
אַז די בעסערע לייט זאָלן לעבן אָן דאגות,
און באַהיט זיין פאַר גענגסטערס און אָרעמע לייט.

וועמען כ׳דאַרף דאָ? אוי וויי, איך קען אָנרופן נעמען,
כ׳האָב דאָ קרובים אַמאָל אין די ווילעס געהאַט,
גאָר די וועלט, וואָס מען רופט זי אָן עולם־האמת,
אויסגעריסן האָט זיי ווי דער שטורעם אַ בלאַט.

גיי איך איצט אַ פאַרוואָגלטער דאָ, נע־ונדער,
כ׳קוק אין פענצטער אין פרעמדע בחינם אַריין.
דאָ, דורך וועלכן, געקוקט האָט אַמאָל משה נאַדיר
און געבליצט האָט די שויב פון זיין פייל, פון זיין שיין?

איינגעהאָרכט האָט זיך שטיל פון דער נאָנט דער אַטלאַנטיק
צו דעם יידישן ניגון, פאַרוואָרפן אַהער;
די מחשבה אין ים האָט געפינקלט בריליאַנטיק
און, געכפּלט, געבלענדט אויף אַמעריקעס ערד.

מיטן אָפּקלאַנג פון ניגון אין מיר כ׳בין אַ היגער,
מיטן אָפּשיין פון וואָרט כ׳בין נישט מער נע־ונד.
איך לאָז אויפגיין פאַר מיר די שבתים ווען ניגער
האָט די פּרשה געטייטשט דאָ, דעם היימישן פשט.

ווי עס וויגט זיך דער ים, הערט מען אויף אַ ווערעאַנדע
לייענט לוצקי אַ ליד מיטן קוועטש, מיטן טראָפּ.
ווי לבנה דורך וואָלקן — דורך צווייגן־גירלאַנדע,
שיינט אַרויס לייוויקס ווייסער, זיין זילבערנער קאָפּ.

כ׳גיי אַרום אַ פּאַרקניפּטער מיט זייערע שטראַלן,
כ׳גיי אין זייערע שפּורן אַרום אין סי גערט.
אויב אַ ניצוץ פון זיי וועט מיט גנאָד אויף מיר פאַלן
וועל איך זאָגן, כ׳בין דאָ נישט געקומען צו שפּעט.

זונטיק נאָך מיטאָג אין בראַיטאָן ביטש

איך זע, געלאָסן שטראָמט דאָ, ווי דער ים, דאָס לעבן,
היינט, זונטיק, אויפן ברעטער־וועג פון בראַיטאָן ביטש,
אַרום מיין קאָפּ אַ טשאַטע ווייסע מעוועס שוועבן
מיט חצי דין געוויין און חצי שאַרפן קוויטש.

ווי שופּן פון אַ ריזן־פיש, די כוואַליעס גלאַנצן
און מיניען זיך אין זון, אין גאָלד און בלוי,
און אויפן ברעטער־וועג דעם גלאַטן ווילט זיך טאַנצן
און אויפן האַרץ איז טאַנצנדיק און לייכט אַזוי.

כאַטש מיט באַדויער קום איך דאָ אַ גאַסט אַ שפּעטער
צו ברעקלעך פון אַ רייכן סעודה־איבערבלייב,
ווו ס׳האָט זיך דאָ לענגאויס דעם ברעג, אויף זיינע ברעטער,
מיט אומרו פון אַ וואָלף געטראָגן משה לייב.

וואָס לענגער ווילט זיך מיר דאָ מיט דער שיינקייט בלייבן,
זיך אָנטרינקען ביז שיכרות מיטן גאָלד און בלוי.
ווי וואָלט איך וועלן דאָ נישט גלייבן משה לייבן
אַז ס׳האָט געצויגן אים צום טויט ווי צו אַ פרוי.

די ים־פּלאַך איז היינט זוניק־זונטיקדיק און גלאַטיק,
מיין אויג — אַ שיפעלע, וואָס שווימט אַוועק אויף איר,
די מעוועס שוועבן אַלץ און מאַכן אַקראָבאַטיק,
ווי וואָלטן וועלן זיך באַווייזן, אויספּיינען פאַר מיר.

איך קוק זיי נאָך, אין פּלי, מיט בענקשאַפט און באַדויער,
אַז גיבן זיי שווין צווישן ים און הימל אַ פאַרשווינד,
פאַרעקשנט זוכט זיי אין דער ווייט מיין בליק מיט לויער,
מיך ציט צו זיי, ווי צו אַ מאַמע־שויס אַ קינד.

אויב קומט איר, מעוועס, צו די ברעגן פון נאָרמאַנדיע
און פון ברעטאַניע, ווו געטראָטן האָט מיין פוס,
גיט איבער אַז איר האָט מיך דאָ געזען אין וואַנדער
און מיט די שנעבעלעך ווינס־אויס צו זיי מיין גרוס.

ביים פאַרלאָזן ניו-יאָרק

גוד באַי, ניו־יאָרק, גוד באַי, און זײַ געזעגנט! —
פון באָדן האָט זיך אָפּגעריסן שוין דער עראָפּלאַן,
און מיך אויך, מיך אַוועקגעריסן פון דער גוטער ערד
(וואָס כ׳האָב מיט לייב־און־לעבן אָקערשט נאָך צו איר געהערט).
ווי וווּנדערלעך און פאָרכטיק ס׳איז די רגע!
מען האָט מיט זיכערקייט פאַרקלאַפּט שוין אַלע טירן,
ס׳איז מער אין ערגעץ קיין אַרויסגאַנג נישט פאַראַן.
דערמאָנונגען פון פולע בעכערס התלהבות, פריידן, לויבן,
אין מיין מחשבה האָב איך אַלע זיי פאַרמאַכט,
ווי אין באַגאַזש די שיינע, ליבע סוווענירן.
בנינים הונדערט-שטאָקיקע וואָס ברעכן־דורך די הימלען,
נאָר־וואָס האָב איך מיין קאָפּ אַרויף צו אייך פאַרהויבן,
און איצט קוק איך אויף אייך אַראָפּ פון אויבן און מיר דאַכט,
איר קאָרטשעט זיך, שרומפּט־איין, ווערט קלענער אַלץ און קלענער,
און אונטן, לעבן אייך, אויף עוועניוס, ווי שמאָלע שטעגן,
כ׳זע אויטאָס פּיטשינקע ווי קינדער־שפּילצייג זיך באַוועגן,
וואָס דרינדזשען, אַנגעדרייטע, יאָגן זיך און ווימלען,
און מענטשן, ווי די מוראַשקעס אין שפּאַלטן און אין לעכער,
וואָס שטויסן זיך, פון איינעם צו דעם אַנדערן געווענדט.
און ווייטער שטייג איך פון דער ערד אַרויף אַלץ העכער, העכער,
און אונטן ווערט מטושטש אַלץ, פאַרווישט און קלענער, קלענער. — — —
ניו־יאָרק, ביסט נישט ווי יענע שיינע פרוי, אַ יפת־תואר,
וואָס פון איר שיינקייט ווערסט פון ערשטן בליק פאַרבלענדט,
נאָר וואָס צו ביסלעך זעט מען זי מיט יעדן טאָג אַלץ שענער.
און איצט, ניו־יאָרק, ווען איך פאַרלאָז דיך מיט באַדויער,
האָב איך זיך אויף דיין חן און שיינקייט ערשט דערקענט.

שוין נעמט אַ וואָלקן ווי אַ פּערענע אַרום דעם עראָפּלאַן
און מיך צום זיץ אַ רימען האָט אַרומגעבונדן.
אין וואָלקן ביסט, ניו־יאָרק, פֿאַרגאַנגען שוין, פֿאַרשווּנדן.
כ׳האָב קוים אַ האַנט פֿון איבערבעט אָפּער אַרויסגעריסן,
כ׳זאָל מיט געפּאָכע שטרעקן זי צו דיר, באַוועגן,
און כ׳זוך דיך ווי אַ בלינדער, נאָך פֿון ווייטן דיך צו גריסן:
גוד באַי, ניו־יאָרק, גוד באַי, און זיי געזעגנט!

1976

אַ הויז ביים ים

(לידער פון ברעטאַניע)


Benn

פון פענצטער זע איך וואַסער בלויז...

פון פענצטער זע איך וואַסער בלויז,
ס׳פּאַרגיסט זיין שוים, ווי שוים פון שנאה.
עס הוידעט זיך אַ שיף — מיין הויז —
און ס׳איז מיין צימער אַ קאַבינע,

וואָס ציט אַראָפּ און הינקט און לאָמט.
איך האַלט זיך אָן ביי ווענט און שטאַנגען.
צו מיר, צו מיר דאָס וואַסער שטראָמט,
אין זיין רשות בין איך געפאַנגען.

די כוואַליעס רייסן זיך — עד כאן.
צעקלאַפּן זיך אין די באַריערן,
נאָר ס׳זענען אַנדערע פאַראַן
וואָס ווילן אַלץ דעם ברעג צעשטערן.

דער שטיין איז האַרט און מיך באַשיצט,
דאָך רייסן זיי זיך מיט געשליידער,
און יעדע ווערט אויפסניי צעשפּריצט.
אָן אייביקייט אַזוי כסדר.

כוואַליעס

ערשט האָבן זיי געשעפּטשעט בקול דממה דקה,
שוין ליאַרמען זיי ווי מחנות קריגער אין אַטאַקע,
אין לויף, מיט האַק־און־פּאַק און מיט כלי־זיין גרייטע.
דאָס יאָגן זיך די כוואַליעס איינע נאָך דער צווייטער
מיט חשק אייביקן די ברעגן איינצונעמען,
דעם שונא — די יבשה, אין געפּאַנגענשאַפט פאַרקלעמען.
מיר דאַכט, איך הער זיי לויפן מיט הוראַ־געשרייען,
און פאַלט אַ רייע, קומען אַנדערע געוואַגטע רייען
כהרף־עין די באַזיגטע צו פאַרבייטן.
אַזוי זינט לאַנגע צייטן ביז אויף לאַנגע צייטן.
ווער האָט פון טיפעניש זיי פלוצים אויפגעשטורעמט,
מיט לייבן־גריוועס צאַרנדיקע אויפגעטורעמט,
מיט קודלעס ווייסע, מכשפהדיק־פאַרדרייטע,
וואָס איינע דרייט אַריין זיך, פלאָנטערט אין דער צווייטער.
אין כוואַליע וויל די אַנדערע אַריבערשפּרינגען
און איינע, אין געיעג, וויל אַנדערע פאַרשלינגען.
צו וואָס דאָס אייביק יאָגן זיך צום ברעג און רייסן,
צעברעכן צייןביים פּרוּוון פעלדזן איינצובייסן,
אַז קיינמאָל וועלן זיי די מעטע נישט דערגרייכן,
ס׳איז פון בראשית זיי די גרענעץ אָנגעצייכנט.
דאָ הערשט יבשה, און עס קיניגט וואַסער — דאָרטן,
און אַ מחיצה איז פאַר זיי דער צוים פון באָרטן.
זיך אָנגעקלאַפּט אין פעלדז, אויף שטויבעלעך צעריבן,
און אַנדערע — באַרירט דאָס זאַמד און נישט פאַרבליבן.

פֿאַרזוכט, אַ לעק געטאָן די ערד בלויז מיט חניפֿה
און גלייך צוריקגעצויגן זיך פֿון איר אַלץ טיפֿער,
פֿאַרלאָזן דעם באַטראָטענעם געגאַרטן שטח,
די נאַסקייט מיטן זאַמד פֿאַרמישט אין איין פֿאַרקנעטעכץ,
נאָר אויף דערווייל איז בלויז דאָס ים־און־זאַמד פֿאַרמישן —
די שפּור פֿון זייער חותם וועט די זון פֿאַרווישן.

אַ לבנה אין ים

אַ לבנה האָט אין ים אויף שטיקלעך זיך צעבראָכן.
זילבער און קרישטאָל אין סאַמע פראָסטן אײַנדערוואָכן.

פּייערלעכע ליוסטרעס און צעבליצטע זשיראַנדאָלן.
יום־טובדיקע שפּיגלען זיך קרישטאָלן אין קרישטאָלן.

ס'וועט היינט יעדע כוואַליע ביז דער קלענסטער און דער מינדסטער
פון קיין מרה־שחורה שוין נישט וויסן, פון קיין פינצטער.

נישט קיין שפלות און יחסנות, נישט קיין קלענער־גרעסער —
יעדע איז מיט שמוק באַהאָנגען, יעדע טראָגט אַ כתר.

יעדע איז מיט בלישטשענדיקע בראָשן אָנגעשטאָכן. —
אַ לבנה האָט אין ים אויף שטיקלעך זיך צעבראָכן.

אין שפּעטן אָוונט

אין שפּעטן אָוונט. נאָכן פּלאַזשע־טומל אויפֿן ברעג.
פֿון גופֿים, שיפֿלעך, פּאַראַסאָלן — דעם געווימל,
קוים זעען זיך נאָך אָן אין זאַמד די לעצטע שפּורן.
און אויף דער שלווהדיקער ים־פֿלאַך שווימט מיין בליק אַוועק,
אָן מורא פֿאַר אַ קעסלגרוב צי פֿאַר אַ שטורעם...
איך זיץ ביים איינגעשטילטן, קילן ברעג און כ׳זע,
אַ זילבער־שיפֿל — די לבֿנה, וואָס געלאַנדעט האָט פֿון הימל,
באַוועגט זיך אויף די כוואַליעס, און איך טראַכט פֿון לי־טאַי־פּע,
וואָס איז פֿאַרליבט געווען אין דער לבֿנה שטערבלעך,
זי כאַפּן מיט די הענט האָט ער געוואָלט, נאָך איידער
צעבראָכן אין אַ כוואַליע וועט זי זיך אויף שערבלעך.
געצויגן האָט ער זיך און זיך געטאָן אַ שליידער
אין ים אַריין נאָך איר... נאָר אויף זיין טויטן קאָפּ
פֿון אַ דערטרונקענעם האָט זי זיך ווי אַ קרוין אַרויפֿגעזעצט.
ווי ער אַמאָל, איך קוק צו דער לבֿנה איצט אַראָפּ.
נישט ווייניקער פֿון אים בין איך אין איר פֿאַרליבט,
נאָר כ׳וועל נישט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן אין איר כּישוף־נעץ.
אַ פּראָסטע פֿישער־נעץ האָב איך מיר אויסגעקניפּט,
מיט איר צו פֿאַנגען די לבֿנה, וואָס אַמאָל
האָט זי פֿאַרלאָקט מיין ברודער־דיכטער דעם כינעזער.
אָט איז זי אין מיין נעץ אַריין, אָט גליטשט זי זיך אַרויס,
און ווי אַ פֿיש, באַוועגט זיך פֿלינקער אַלץ, גראַציעזער.
דערפֿאַר אין שלאָף, אין קישן, מיר צוקאָפּנס,
האָט זי געלייגט זיך ווי אַ זילבער־אָרעאָל.

אַ כוואַליע איז אַנטלאָפֿן...

אַ כוואַליע האָט פֿון ים זיך אָפּגעריסן,
אַריין צו מיר אין צימער און זי שווידערט —
ס׳איז נמאס מיר אַזוי, דו זאָלסט עס וויסן,
צו ווערן רק פֿון שטורעם־ווינט געהוידעט.

דו טראַכסט, אַ כוואַליע איז אַראָפּ פֿון זינען
און גראָד ביינאַכט צו דיר אַריינגעטראָפֿן;
איך וויל ביי דיר אַ ביסל רו געפֿינען,
דערפֿאַר בין איך דאָס איצט פֿון ים אַנטלאָפֿן.

צעדולט בין איך פֿון ים־געוואַי און ברומען,
און כ׳וויל ביי דיר אַ מקום־מקלט קריגן —
כ׳האָב ווי אַן עופֿעלע זי אויף די הענט גענומען,
ווי ס׳פֿלעגט מיין מאַמע אין די אָרעמס מיך פֿאַרוויגן.

כ׳האָב זי באַרואיקט, איינגעשטילט און צוגעזונגען
מיין מאַמעס אַלטן איי־ליו־ליו־ניגון.
נאָר דאָ איר אומרו איז אין מיר אַריינגעדרונגען.
און מ י ך ווער וועט איצט איינשטילן, פֿאַרוויגן?

ביינאַכט ווען אַלץ און אַלע רוען...

ביינאַכט ווען אַלץ און אַלע רוען
רוט נישט אין דער ים.
ער בלויז איינער, איינער וואַכט
און ער פּראַוועט ליל־שמורים.
אין דער שלווה,
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
ווען פון טאָג די לעצטע קלאַנגען
זענען לאַנג שוין, לאַנג שוין
אויסגעגאַנגען,
שפּיץ איך אָן מיין אויער און מיר דאַכט:
העכער הערט מען איצט דעם שטורעם,
העכער, קלאָרער, בולט,
ווי עס וואָלט דער ים געשריגן
מיט מיליאָנען קולות
און פאַר מלא כעס געשפּיגן
מיט די זידנדיקע שוימען,
ביז מיט זיי דערגרייכט מיך שוין, באַשפּריצט.
העכער, שטאַרקער קען איך איצט
אים, דעם ים, אין צאָרן, גרים,
אין מיין צימער הערן,
ווי ער וואָלט געריסן זיך
היינט די ערד באַפאַלן.
ס׳וועלן דיר נישט העלפן, מענטש,
הילכט אַריין צו מיר זיין שטים,

נישט קיין צוימען,
וואַלן,
צי באַריערן,
וואָס דו האָסט זיך אויפגעשטעלט:
נישט די סאַמע העכסטע בערג,
פעלדזן מעכטיקע,
וואָס עס האָט אַמאָל באַשטעלט
דער אַלמעכטיקער
פאַר דיינעטוועגן,
און מיט זיי
מיך פאַרצוימט,
מיך פאַרשטעלט,
ווען ער האָט זיין ווערק —
די וועלט,
אויסגעענדיקט אין איין וואָך,
אָבער מיך אַריינגעשפּאַרט
אין אַ קלעמענדיקן יאָך,
אין אַ סדום־בעטל פון ברעגן.
כ׳בין איצט מורד באלהים —
הער איך אַלץ פון ים די שטים —
כ׳גיי פאַרפלייצן
הייזער, וועגן,
מענטש און פי,
באַרג און טאָל,
פעלדער, ביימער.
קיינמאָל וועט ביי דיר נישט זיין מער
נישט קיין דאָ און נישט קיין הי.
כ׳הער זיין קול
וואָס אַמאָל
צאָרנדיקער, אומגעהאַריש.

און פּאַר אַנגסט,
פּחד, שרעק,
כ׳דעק זיך איבער
מיט דער דעק,
כאַטש איך ווייס, אָ, ווי כ׳ווייס,
אַז דאָס איז באמת נאַריש.
גאָט, וואָס האָסט באַשאַפן אים,
אים ווי מיך,
זיי מיך מציל,
תיכף, גיך.
שטיל אים איין, נעם אים איין,
פון זיין כעס דעם שוים וועפּ אויס,
הער מיין תפילה, מיין געבעט:
לאָז אים נישט פון ברעג אַרויס,
גיכער לייז מיך אויס,
מיין האַר,
פון דעם נאַכט־ און ים־קאָשמאַר,
פון דעם פינצטערן געדאַכט,
וואָס איך הער אים
אין דער שלווה,
אין דער שטילקייט
פון דער נאַכט.

שיפלעך, שיפלעך...

שיפלעך צוגעבונדענע צום פישפאַנג־ברעג,
שאָקלען זיך אין וואַסער, הוידען, פליעסקען,
שיפלעך, שיפלעך, באַרקעס, גאַנצע רייען,
רייסן זיך פון ברעג אַוועק, אַוועק.
אויב נישט הענט — אַ נס, ווייל בלויז אַ נס קען
פון דעם גלות ערד זיי אויסלייזן, באַפרייען.
רייסן זיי זיך פון די שטריק — אַ סוף, אַן עק,
נישט קיין חילוק זיי וווהין — אַבי אַוועק,
אַבי נאָר אין ברייטן רחבותדיקן ים, —
וואַקלען זיי זיך, פון מרידה־חשק שיכור,
נישט קיין חילוק, ווו ס'איז נאָר אַן ערגעץ, ווו אַ סתם,
רייסן זיך און מיטרייסן יבשה־שטיקער!
קאָסטן זאָל דעם ברעג אפילו כאַאָס און צעשטערונג! —
בייגן זיי זיך איינע צו די אַנדערע און הוידען,
ווי זיי וואָלטן עפּעס אין געהיים זיך סודען,
ווי בשתיקה זיך געגרייט צו בונט און צו פאַרשווערונג,
ווייל דער יאָך פון שטריק איז שווער אַזוי און ענג,
ווייל עס איז שוין ממש — באה הארץ עד נפש... —
מער נישט אויסצוהאַלטן, וואָס עס וויל זאָל זיין,
אויב אפילו ס'איז באַשערט פאַרזינקען אויפן דנאָ. —
הוידען טייל, געציילטע, אין דער ברייט אויף „ניין",
הוידען אַלע זיך כמעט און שאָקלען אין דער לענג,
וואָס דאָס מיינט: אַנטשלאָסן, גרייט, אויף „יאָ".

אַן איינזאַמער מאַן מיט אַ ווענטקע אין האַנט

אַזאַ שמאָלער פּאַס יבשה אינעם ים אַריינגעשניטן,
ווי אַ קלין אַריינגעזעצט אין וואַסער, סאַמע מיטן,
ווי עס וואָלט די ערד דעם ים אַ צונג אַרויסגעשטעקט...
זיצט אַ מאַן אַן איינזאַמער ווער ווייסט ווי לאַנג,
ביי דעם פּאַס פון ראַנד אַראָפּגעבויגן,
מיט אַ ווענטקע־שנור אַראָפּגעלאָזט צום פאַנג.
דאַכט מיר אַז ער זיצט דאָ אָן אַ זין און צוועק,
זיינע פיס אין וואַסער און אין ערגעץ נישט די אויגן.
זיינע פיס אין וואַסער — קען ער דאָך זיך נאָך פאַרקילן,
צי ווער שמועסט, חלילה, ווערן קראַנק מסוכן.
ס'האָט דער מאַן געדולד צו זיצן שעהען־לאַנג,
האָב איך אויך געדולד אַזוי אויף אים צו קוקן.
אויסגעטאָן פון אַלץ — אַריינגעטאָן אין פאַנג,
זיצט ער אַלץ ביים ראַנד פון ערד־פּאַס אָנגעבויגן,
זעט ער אויס דאָ ווי אַ ברונעם־שטאַנג,
מיט דעם עמער טיף אַראָפּגעלאָזט אין ברונעם.
היט זיך אונטן ס'פישעלע, איז פאַרזיכטיק ביז גאָר,
לאָזט עס בשום־אופן זיך נישט כאַפּן פון אים —
פון דעם כיטרען בוגדל, דעם ווערעמל — איז נישט,
ווייל עס איז ביים פישער נישט אַזוי די פיש
ווי די ווענטקע האַלטן אין דער האַנט;
ווי דאָס זיצן דאָ אָן אייביקייט ביים ראַנד,
מיט דער ווענטקע־שנור אַראָפּ זיך בייגן.
מיר איז גוט צו זען אים ווי ער שוויגט
און מיט אים צוזאַמען שווייגן, שוויגן.
כ'קען נישט העלפן אים די פישעלעך צו כאַפּן,
איז מיר גרינגער כאָטש אים העלפן שוויגן...

אַ דערטרונקענער אין ים

אין שפּעטער אָוונט־שעה איך זע זיי פֿון מײַן פֿענצטער
אין שיפֿלעך אויפֿן ים ווי נאַכטיקע געשפּענסטער,
מיט וויאָסלעס אין די הענט און מיט לאַמטערן אָנגעצונדן.
זיי זוכן אַ דערטרונקענעם וואָס איז פֿאַרשוווּנדן
פֿון אויבערפֿלאַך. קיין פֿליעסק נישט מער פֿון אים צו הערן,
דאָך זוכן אַלץ די פֿלעמעלעך פֿון די לאַמטערן.
די וויאָסלעס רודערן און ס׳פֿלאַקערן די קנויטן.
זיי זוכן נישט קיין לעבעדיקן — בלויז אַ טויטן,
און זענען זיך מייאש אים אפֿילו צו געפֿינען.
באַלד קען שוין אָנהייבן שאַרױען אויף באַגינען.
קיין אויג נישט צוגעטאָן. שוין צייט צו גיין זיך לייגן,
נאָר ס׳נישטערן די פֿלעמעלעך, אַהין־אַהער זיך בייגן,
ווי וואָלטן עפּעס אויסגעקוקט אין אַלע זייטן.
אָט קומען אַנדערע די רעטער צו פֿאַרבייטן.
קיין סימן פֿון דערטרונקענעם מען טרעפֿט נישט אונטן,
בלויז וואַסער וואָס געצויגן האָט אים צו די גרונטן.
נאָר ס׳וואַסער שווייגט, פֿון אויפֿגערודער שוידערט.
אַ לודקע, מיט דער דעק אַרויף, פֿאַרקערט, זיך הוידעט,
ווי „ביין" וואָלט זי געזאָגט די נישטערער־עקשנים.
זי האָט פֿאַרדעקט דעם שווימער ווי אַ קבר אָן קברנים,
נאָר ווו ער איז? זי הוידעט זיך אויף „ביין", קען דאַכטן.
און כ׳זע זי, מיט דער דעק אַרויף — אַן אָרון אַ פֿאַרמאַכטן,
פֿאַרגאָסן ווי מיט טרערן, מיט די וואַסער־טראָפּנס,
און די לאַמטערן לייכטן אים ווי טרויער־ליכט צוקאָפּנס.

POINTE DU RAZ

אַ הויכער דענקמאָל הייבט זיך אויף דעם ים אַנטקעגנאיבער,
ווו ים־און־הימל שוין פֿאַרמאַכט זיך ווי אַ מויל, ער קוקט אַריבער,
מיט נעמען אַ רשימה, ווײַ, ביז אונטן אויסגעקריצטע.
איך שטיי פֿאַר אים געבויגן און איך לייען די נעמען איצטער,
די נעמען פֿון קרבנות וואָס דער ים האָט איינגעשלונגען,
וואָס שטורעמס האָבן זיי פֿאַרכאַפּט: מאַטראָסן, פֿישער־יונגען.
זיי האָבן נישט געקענט מער גובר זיין די וואַסער־תהומען,
וואָס האָבן זיך צעפּראַלט פֿאַר זיי מיט זידנדיקע שוימען,
ביז לעצטער רגע זיך געקלאַמערט אין אַ ברעט מיט נעגל,
און ווי תכריכים יונגערהייט האָט זיי פֿאַרהילט אַ זעגל.
דער דענקמאָל ווי אַ מאָנער שטייט פֿאַר חשבון און סך־הכל
און ווייט ער נישטערט די געפֿאַרן ווי אַ טורעם־פֿאַקל.
דערביי די מאַמע־הענט צעשפּרייט מיט רחמים דער מאַדאָנעס,
באַשירעמען אַן אייביקייט אַזוי די ים־קרבנות,
באַגלייט זיי צו די גרונטן מיט איר בליק פֿון גנאָד און גלויבן
און בלויז צום ים דער דענקמאָל ווי אַ פֿויסט איז אויפֿגעהויבן.
די נעמען זענען פֿרעמד פֿאַר מיר און כ׳הער נישט אויף צו לייענען
און יעדער רייסט זיך צו מײַן אויג, ווי ס׳לייענען מיינט באַוויינען,
ווי ס׳וואָלט געמיינט אַ חסד טאָן פֿאַר זייערע געביינען,
ווי ס׳וואָלט דערגרייכט מײַן שעפּטשען די נשמות לויטער־ריינע
וואָס אין דער טיף די שטראָמען אייביק טובלען זיי און שווענקען
און צו מײַן מויל־געפּליסטער תמיד גאַרן זיי און בענקען.

איך גיי לענגאויס דעם ברעג...

איך גיי און איך גיי מיטן ליכטיקן גאָלדענעם ים־ברעג לענגאויס.
דאָס זאַמד איז ווי זעמלמעל זויבער און גלאַט ווי דער גלעט פון אַ מאַמען.
און זינק איך אַריין מיט אַ פוס אינעם זאַמד נעם איך אים נישט אַרויס,
איך גיב אים ברייטהאַרציק דעם צווייטן נאָך צו — זאָלן שטעקן צוזאַמען...

ווי גוט איז די באָרוועסע פיאַטעס צו פילן דעם וואַרעמען זאַמד,
ווי גוט ס׳איז דעם זאַמד אויך צו פילן די נאַקעטע באָרוועסע פיאַטעס.
דאָס לופטיקע העמדל צעכראַסטעט, ווי ס׳האַרץ, און דאָס פּנים פאַרפלאַמט.
די זון, ווי אַ גילדענע טאַץ, קלינגט מיר אויס היינט אַ הימן מיט פּאַטאָס.

איך גיי. כ׳האָב דעם זייגער פאַרוואָרפן, פאַרלוירן פון חשבון די צייט,
די לענג פונעם ברעג נישט געמאָסטן ווען כ׳האָב זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַנען.
איך גיי און איך גיי מיטן ברעג און איך ווייס נישט קיין נאָענט, קיין ווייט,
איך קען נישט קיין סוף, נישט קיין אָנהייב און נישט קיין ווהין און פון וואַנען.

די זעמדלעך זיך שפּאַרן, זיין אונטער די פיס מיר וואָלט יעדעס געוואָלט,
אַזוי ווי די שטיינער ביי יעקבס צוקאָפּנס געקריגט זיך, געשפּאַרט אַמאָל האָבן.
דאָ האָבן די טריט מיינע שפּורן געלאָזט אינעם זאַמד, ווי אין גאָלד
דער גאָלדשמיד פּרעסט איין מיט זיין זיגל די עכטע און ערלעכע פּראָבע.

קינדער אויף דער פּלאַזשע

ווי זאָל איך, קינדער, חבוה־לייט, נישט זיין פון אייך צופרידן,
ווען כ׳זע ווי זאַמד שאַרט איר צונויף אין הויכע פּיראַמידן?

אַז וויל אייך, קינדער, ווייל, איך הער נישט אויף פון אייך צו קוועלן,
ווען כ׳זע אייך מיט עקשנות גראָבן גריבער פאַר טונעלן;

פּאַלאַצן בויען מיט פּאַרשפּיצטע טורעמס און קאַרניזן,
ווו וווינען וועלן זיכער דאָרטן פירשטן און מאַרקיזן;

און בויען שווערע פעסטונגען און אַלטע שיינע שאַטאָס *
און לעקעך וועט איר באַקן פלייסיק און ברעטאַנער גאַטאָס.**

פון גאָלדן פּלאַזשע־זאַמד ביי ברעגן, וואָס איז פייכט און ימיק,
איר קלעפּט־אויס אַלטע כלים נאָך פון אַלטערטום — קעראַמיק.

איר בוימייסטער און טעפער, וואָס איר שאַפט מיט פלאַם און אייפער,
כאָטש מאָרגן וועט אַלץ זיין צעשטערט, פאַרווישט ווי נאָך אַ שרפה.

ווי ס׳פלאַטערל לעבט אייער ווערק איין־טאָגיק און איין־שעה׳איק,
באַגריס איך און באַוואונדער אייך, ווייל איצטער זענט איר דאַאיק.

נאָר מער פון אַלץ באַוואונדער איך פאַר צוגן די טונעלן.
דורך זיי מיט אַ נסיעה פאָרן, אַך, ווי וואָלט איך וועלן!

---

* שאַטאָ — שלאָס.
** גאַטאָ — קוכן.

אין אַ קאַפּעהויז אין בעג־מעיל

אין אַ קאַפּעהויז גייען מיר אַריין אין בעג־מעיל
און מיר זעצן זיך אַוועק ביי אַ טישל געמיטלעך,
זיסע קרעפּ* צו באַשטעלן פון רעטשענע מעל.
ס׳קומט די קעלנערין צו מיט געמאָסטענע טריטלעך.

ברענגט זי וואַרעמע קרעפּ וואָס צעגייען אין מויל,
מיט באַהאַלטענע סודות אין זיי — קאָנפיטורן,
איינגעוויקלט אין זיי און פאַרדרייט אין אַ קנויל.
פון די סודות וועלן זיכער נישט בלייבן קיין שפורן.

זיצן מיר און פאַרטרייבן די פליגן און די צייט.
ס׳טראָגט דאָס מיידל אַ הייבל, ווי פליגל פון אַ מלאך,
און אַ צאָפּ אַרום שטערן — ס׳קען זיין קרוין אָדער קייט,
כאָטש פון איינעם צום צווייטן פאַראַן אַזאַ מהלך.

זיצן מיר און מיר עסן און פאַרטרינקען עפּלקוואַס,
ביידע האָבן דאָ אַ שם, סיי די קרעפּ און סיי דער סידער.
ביי דער קעלנערין צעבינד איך דאָס פאַרטעכל אין שפּאַס,
ווערט זי ברוגזלעך מיר כלומרשט און פאַרבינדט עס ווידער.

און אַ פּעטשל גיט זי מיר אויף דער האַנט און פאַרשווינדט.
פון קיין אַנדערע פּעטש כ׳זאָל נישט וויסן אין מיין לעבן.
נאָר ווער ס׳קען די מחיצה צווישן שפּאַס און זינד,
יעדן טאָג וועל איך יענעם קרעפּ און עפּלקוואַס געבן.

---

* קרעפּ: אַ מין דין פּלעצל פון געגאָסענעם טייג, ספּעציאַליטעט פון דער געגנט.

שוין פֿאַרשוווּנדן די קרעפֿ און פֿאַרשוווּנדן ס׳איינגעמאַכטס,
און במילא, די נאַשערס — די פֿליגן — אויך פֿאַרשווּינדן.
יאָ, דער קעלנעריננס צאָפּ איז אַ קייט און איך טראַכט:
אויב אַ קייט, זאָל קיין אַנדערע קייט מיך נישט בינדן.

אַלטע פרויען ביי דער פּלאַזשע

דריי אַלטע פרויען זיצן עלנט אויף אַ באַנק,
אויף דעם שיפּוע ביי דער פּלאַזשע קעגנאיבער.
דורך אַ לאָרנעטע קוקן זיי דאָ שעהען־לאַנג
צום מענטשן־ווימלעניש האַלב־נאַקעטן אַריבער.

ווי פון אַ לאָזשע אין טעאַטער, ערשטע ריי,
אַנטציקטע זעען זיי דעם פאַרביקן ספּעקטאַקל.
עס שוימט דער ים מיט פרייד, ווי ס׳יונגוואַרג, נאָר פּאָר זיי —
ווי אַ שאַמפּאַניער וואָלט געשוימט — צו אָפּשייד און סך־הכל.

דער פאָרהאַנג פון ספּעקטאַקל לאָזט זיך שוין אַראָפּ.
אַ שאָד! די גאַנצע שפּיל האָט אַזוי קורץ געדויערט.
ס׳פאַרשטעלט זיך יעדע מיט אַ פּאַראַסאָל דעם קאָפּ,
און אונטער אים — פאַרשטעלט, פאַרדעקט דעם קאָפּ אַ שטרויהוט.

די קליידלעך צוגעקנעפּלט ביז צום לעצטן קנאָפּ,
מעג זיין אַ חמימה, באַקן מעג די זון און בראָטן.
באַשיצן קעגן זון־שלאַג דאַרפן זיי דעם קאָפּ,
און זייער גואל בענטשן זיי — דעם קילן שאָטן.

אין זאַמד, אין שושקעניש דאָס יונגוואַרג איז פאַרטאָן,
און קינדער באַקן, ווער אַ קוכן, ווער אַ שטריצל.
דריי פּערטל, זעט מען, יונגע פרויען אויסגעטאָן.
די אַלטע מיינען, נאָך אַריבער מיט אַ שמיצל...

די גופים זענען בראָנדזיק, שוואַרץ, פון זון פאַרפלאַמט.
אַ האַנט זוכט אויף אַ האַנט. זי קען די ליבע־שטעגן.
אַ מיידל וויל אַריינזינקען, אַריינקושן אין זאַמד.
אַ גאָרנישט טראָגט זי אויפן לייב, פאַר יוצא וועגן.

ווי זכל־הבלדיק די אַלטע קוקן פון דער זייט
און טרייסלען מיט די גאָמבעלעך, ווי וואָלטן אַלץ באַדויערט.
נו, יאָ... מ׳האָט נישט געזען אַזוינס אין זייער מיידל־צייט... —
און ס׳טרייסלען אויך זיך צו די שירעמס און די שטרויהיט.

שוין שקיעה־צייט. עס זיצן נאָך די פרויען אויף דער באַנק.
שוין פאַלט די זון אַריין אין ים — אַ רויטער באַלעם.
זיי זיצן אַליין, ווי פייגל אויסטערלישע אויף אַ שטאַנג,
מיט פאַראַסאָלן — שנאָבלען, אַנגעשפּיצט אויף אַלץ און אַלעם.

אין אַ שטורעם - נאַכט

שטורעם־נאַכט. געברום, גערעווע.
כוואַליעס קייקלען וואַסער־שטויב.
צו מיין פענצטער קומט אַ מעווע,
מיט די פליגל פּאַטשט אין שויב.

מיטן שנאָבל קלאַפּט די מעווע,
וויל אַנטרינען פון געפאַר?
ווי זי וואַלט ביי נחס תיבה
קוים פאַרמיטן אומקום־גזר.

איינע פון אַ גאַנצע טשאַטע,
זוכט זי ביי מיין פענצטער רו?
אָפּגעמעקט איז אונדזער כאַטע —
בין איך איינער אויך ווי דו.

אוי, דו פויגל פון די ימען,
וואַסער־וואָגלער, שיף־באַגלייט,
פלי צום קבר פון מיין מאַמען.
אָבער וווּ? אין וועלכער זייט?

נישט אין צפון, נישט אין דרום,
נישט אין אָנהייב, נישט עק וועלט,
זוך אים דאָרט נישט צווישן קברים,
נישט אויף קיין שום קבורה־פעלד.

איבער ווייסטע פעלדער־וועלדער,
אוי ווי, פויגל, פלי געשווינד.
איך בין גוזר, איך באַפעל דיר,
זוך אין פלאַטער פונעם ווינט.

אין די וואָלקנס דאָרט געפין אים,
אויב דערלאַנגסט צו זיי אין פלי. —
פליט די מעווע... נאָר בחינם
איז געווען איר גאַנצע מי.

האָסט זיך אומגעקערט פון הייכן
וווּ די שיין פון שטערן בליצט,
אָן מיין מאַמעס שפור און צייכן,
נישט קיין אות נאָך איר פאַרקריצט.

אותיות מיינע כ׳קלויב צוזאַמען,
אות צו אות, ווי שטיין צו שטיין,
און דעם קבר פון מיין מאַמען
נעם איך צווישן זיי אַריין.

אינדזעלעך צעוואָרפֿן...

אינדזעלעך צעוואָרפֿן, פֿינטעלעך פֿון חן,
אויפֿן ים צעשאָטן, פֿינטלדיק און קליין.

בראָדאַווקעס וואָס שטאַרצן אויף אַן אַלט געזיכט.
זוך זיי מיט אַ לופּע, זוך זיי מיט אַ ליכט.

ס׳האָט אַ האַנט צעשליידערט קליינע זשמעניעס ערד,
ברעקעלעך יבשה, וואָס מ׳האָט נישט פֿאַרקערט.

ווי דער פֿעלדז באַוואַקסן איז מיט קופּקעס מאָך.
אינדזעלעך, צו וואָס־זשע אייך פֿאַרגלייכן נאָך?

אויפֿן פֿעלד פֿאַרגעסן, שטעקן בינטלעך היי —
אינדזעלעך צעוואָרפֿן — וואָס איז דאָרט אין זיי?

כ׳האָב געהערט, אין איינעם לעבט אַ מענטש אַליין,
לעבט אַ מענטש אַ פּרוש אין אַ פֿעלדזנשטיין.

ס׳איז פֿון שטיין ס׳געלעגער, ס׳איז פֿון שטיין זיין טיש,
און זיין יום־טוב־מלבוש איז די נעץ פֿון פֿיש.

שפּיגלט ער אין ים זיך, קוקט אין ים אַריין,
זעט ער, אויפֿן אינדזל איז ער נישט אַליין.

קומען צו אים אורחים פֿון דער ווייטער ערד,
ס׳שיפֿל צו די שטיינער צוגעבונדן ווערט.

און עס ווערן צונגען אויפגעבונדן גלייך,
ווערט די הייל פון פרוש ווי אַ פּאַלאַץ רייך.

אינדזעלעך ווו ס'איז נאָר ברייט דער ים און גרויס.
אין אַ צווייטן לעבן צוויי משפחות בלויז.

לעבט אַ פאָלק באַזונדער פון אַ צען פאַרשוין.
גיך אַהער די לופּע, ס'אויג פאַרלירט עס שוין.

אינדזעלע — כזית, לעבנדל — אַ קריש,
פון דעם פאָלק דער תכלית איז די נעץ, די פיש.

מיט דער נעץ געבונדן זענען פישער־לייט,
קומט אַ יום־טוב ווערט זי אויפן טיש פאַרשפּרייט.

שיט מען אויס די נעצן — איז די שפע רייך,
גרויס די מעכיע, שווייגט מען מיט די פיש צוגלייך.

ווייבער נייען, שטשאָבען, ס'ווערט די נעץ פאַרריכט,
מענער פּיפּקען פּייקעס, לאָזן רויך געדיכט.

לאָזן רויך און שוויגן און זיי טראַכטן לאַנג,
און אין קליינעם אינדזל גייט די צייט איר גאַנג. — — — —

אינדזעלעך צעוואָרפן, פינטעלעך פון חן,
אויפן ים צעשאָטן, פינטלדיק און קליין.

בראָדאַווקעס וואָס שטאַרצן אויף אַן אַלט געזיכט.
זוך זיי מיט אַ לופּע, זוך זיי מיט אַ ליכט.

שטערן אין ים

פאַרנאַכט. ווייט־ווייט אין מערב־זייט
אַלץ טיפער נעמט די זון זיך זעצן.
פון שיפלעך נעמען פישער־לייט
אַראָפּלאָזן אין ים די נעצן.

מיט מזל, ווינטש איך שטיל זיי צו,
די נעץ מיט שפע זאָל זיי שווערן.
און הויך, אין שלווה און אין רו,
באַווייזן זיך די ערשטע שטערן,

ווי זילבער־שופּן אויסגעזעצט.
באַלד ווערן זיי אין ים געטאָפּלט.
און פישער — יעדער מיט זיין נעץ —
צום ים־גרונט ווערן צוגענאָפּלט.

עס שטעלט זיך אָפּ פאַר זיי די צייט
ווען זיי אין ים דעם בליק פאַרגראָבן.
מען זיצט. מען וואַרט. ווייל פישער־לייט
געדולד און זיצפלייש דאַרפן האָבן,

ווי דער, וואָס זיצט — ווי זיי ביים ים —
געדולדיק, שעהען־לאַנג ביים טישל,
צו כאַפּן מיט זיין פּען אַ גראַם,
ווי מיט אַ ווענטקע־שנור אַ פישל.

מען וואַרט. וועט שפּע זיין צי נישט?
זאָל עפּעס כאַטש פון וואַרטן ווערן!
און פּלוצים איינער, אַנשטאָט פיש,
ער ציט אַרויס אַ נעץ מיט שטערן!

אויף דעם געדאַרפט זיך מיען לאַנג? —
דו שלעפּסט די שטריק, ציסט־אָן די זעגלען!
וואָס וועט ער טאָן מיט שטערן־פאַנג?
אַז נישט צום קאָכן, נישט צום פּרעגלען!

אַן אוצר בלישטשעט פון דער נעץ,
נאָר נישט קיין פישל פאַר אַ פּרוטה
וואָס אויפן פייער גיט אַ זעץ
מיט פריילעכער צעלאָזטער פּוטער.

וואָס טויג דער אוצר אים, וואָס טויג! —
און וואַרפט צוריק אַריין די שטערן,
בשפע זאָלן זיי ווי רויג
אין ים זיך פרוכפּערן און מערן.

שטימען פון מעוועס

אַ, שטימען פון מעוועס, איר האָט מיך דערשראָקן,
דאָך הערט איר נישט אויף מיין געהער צו פּאַרלאָקן.

איר שרעקט מיך און דאָך ציט מיך צו פון דער ווייטן —
די טענער וואָס מיאוס און שיין מיך באַגלייטן.

ווי זאָל איך אַליין זיך פאַרטייטשן, דערקלערן,
וואָס ליב כ׳האָב און פיינט פאַראַמאָל אייך צו הערן.

די שפּיציקע שנאָבלען צום רייסן, צום רויבן.
כ׳הער עמעצער קראַצט מיט אַ מעסער אויף שויבן.

כ׳הער פידעלעך דינע און מייזלעך צוזאַמען —
אַט די וואָס מען פלעגט אין מיין שטעטל פאַרסמען.

איר פייגל וואָס פלאַטערט צוגלייך מיטן זעגל
און האָט צו קיין שטוב נישט קיין דריסת־הרגל.

איר יאָגט זיך אַרום אין דער וועלט נע־ונדע
נאָך יעדער פלאָטיליע, נאָך יעדער אַרמאַדע.

איר האַלט נישט פון דעכער, פון נעסטן, קאַרניזן,
איר שטייט בלויז אויף שטיינער מיט שנאָבלען ווי שפּיזן.

און אַלע מאָל זוכט איר אַ מקום אַ נייעם
און יאָגט זיך נאָך שיפן צו כאַפּן שיריים.

מיך איבלט וואָס שטענדיק פון אָפּפאַל זיי שנאָרען.
אַ מענטש קען אַמאָל אויך אין טינוף זיך פאָרען,

אַ מענטש אָבער קען אויך זיין ציכטיק און לויטער
און ווו ער געפינט זיך די היים זיינע בויט ער.

איר טראָגט נישט צו נעסטן קיין שטרוי, קיין געהילצן,
נאָר בלויז אין דער לופט אייער פייפן און גרילצן. —

ווי דינער געוויין וואָס קען הערצער צעברעכן;
ווי ס׳רייבן פון טשוועקעס אויף ליידיקע בלעכן.

אָ, שטימען פון מעוועס, מיין ליד קען זיין שענער
אָן אייערע שיינע און מיאוסע טענער.

ביינאַכט ווען כ׳שלאָף איין קומט צו פליען אַ טשאַטע
און רייסט זיך אַריין אין מיין דאָרפישער כאַטע,

און רייסן מיט שנאָבלען זיך אין די גרגרת,
ס׳געשריי פון די מעוועס אין שלאָף מיינעם כ׳הער עס.

איך זע זיי ווי פרעמדע געהיימע גילגולים.
דער פחד פון אויגן אין צימער, ס׳איז פול אים.

צעפליקט איז מיין קישן און ביז צו שאַריִען
די פעדערן מיינע און זייערע פליען.

די שטימען פון מעוועס דערצו מוז איך הערן,
אָט די, וואָס כ׳האָב ליב און איך האָב זיי נישט גערן.

מעוועס און טויבן

ביי אַ ווילדן ברעג פון שטיינער כ'האָב געזען נישט לאַנג צוויי מחנות,
וואָס פון מעוועס און פון טויבן ביידע זענען זיי באַשטאַנען.
איינע פון דער צווייטער ווייטלעך, אָפּגעזונדערט איז געשטאַנען,
נישט געטומלט, נישט געליאַרעמט, נישט געקריגט זיך ווי די יאַכנעס.
פרידלעך, שטיל און פאַר די קעפּ זיך נישט געריסן, פאַר די טשובן,
נישט געקושט זיך אין די פּיסקלעך, נישט געהאַלטן פון האַלובען.
נאָר מיט איינזען זיך געזען, און בלויז אַ ביסעטשקע פון ווייטן.
ווי צוויי מינים, נישט געמישט זיך האָבן איינער צו דעם צווייטן.
אַז די טויבן עסן מיטאָג: ברעקעלעך פאַרבראָקט מיט קערן,
שטייען אין אַ זייט די מעוועס, וואָגן נישט די טויבן שטערן.
און פאַרקערט אויך, ווען די מעוועס נעמען זייער סעודה פּראַווען,
(וואָס זיי אַכלען? כ'בין אין זייער מעניו נישט באַהאַוונט),
קוקן זייטיק־צו די טויבן, ווייזן נישט אַרויס קיין קנאה,
מיט די שנעבעלעך בשתיקה שלינגען בלויז אַראָפּ די סלינע.
ווען פאַרקייקלען זיך אַ ברעקל פון די מעוועס פּעטן מאָלצייט —
ווי ס'וואָלט טריף געווען, זיי וועלן זיך נישט צורירן מיט שטאָלצקייט,
ווי געווען זיי וואָלטן פון אַן אַנדער פאָלק און גלויבן.
שטייט דאָס טויבנוואָרג באַזונדער, אָפּגערוקט — אַן עזרת־טויבן...

רעקס

עס ווערט נישט נמאס מיר צו זען די שיינע שפּיל דעם הונטס,
ווי ס׳ווערט נישט נמאס אים צו ווייזן אַלץ די זעלבע קונץ:

פֿון בּרעג אַ בּאַלעם וואַרפֿט זיין בּאַלעבּאָס אין ים אַריין
און ס׳וואַרפֿט זיך רעקס אין וואַסער אים צו כאַפּן מיט די ציין.

און בּאַלד דעם בּאַלעם בּרענגט ער, ווי פֿון שלאַכטפֿעלד אַ טראָפֿיי,
ער טרייסלט אויס דאָס וואַסער פֿון דער פֿעל. איז דאָס כדאַי? —

בּאַלד וואַרפֿט אַריין זיין בּאַלעבּאָס דעם בּאַלעם אויף דאָס ניי.
אַזוי אָן אויפֿהער, בּיז אַ מיטלייד איז אויף דעם בּעל־חי.

איצט ליגט דער הונט און טריקנט אויף דער זון זיין נאַסע פֿעל.
נאָר רו נישט, רעקס, עס וואַרט אויף דיר אַן אַנדערער בּאַפֿעל:

אין מערבֿ־זייט שוין פֿאַלט אַ רויטע זון אין ים אַריין —
גאָטס בּאַלעם... כאַפּ אים, רעקס, און בּרענג אים מיט די ציין!

עס וואַרפֿט זיך רעקס אין וואַסער און די לאַפּעס פֿריי צענעמט,
נאָר אָן דעם בּאַלעם קערט זיך אום, דערשלאָגן און פֿאַרשעמט.

דעם בּאַלעם כאַפּן האָט ער בּשום־אופֿן נישט געקענט;
ער קייקלט זיך אין וואַסער ווי אַ פֿייער־קויל און בּרענט.

און רעקס פֿאַר כּעס פֿאַרגייט זיך אין אַ יעמערלעך געוויין
און פֿון דער שקיעה רינט דאָס בּלוט אַרויס פֿון זיינע ציין.

דער פיש-וואָקזאַל

ביים פישפאַנג־ברעג ווי אַ וואָקזאַל איז די מעכטיקע האַלע.
דאָס פישוואַרג — פון אַלערליי מינים. דאָ גייען־דורך אַלע.
דאָ שטייט ער, ביים ברעג, דער וואָקזאַל פאַר די פיש־פּאַסאַזשירן,
זיי קומען פון פאַרנט אַריין און אַרויס שוין דורך אַנדערע טירן.
מען שיט זיי דאָ אויס פון די נעצן און קויבערס אין חמרים,
עס וועט זיי נישט באַכשפּירן מער דער מרגל — דער וואָרעם.
געוועזן איז דאָס פיש און נישט עפּעס אין בלאָטע אַ זשאַבע!
איז נעמט מען זיי אויף מיט אַ שיינעם, ווי ס'פּאַסט, ברוך־הבא.
זיי פּאַטשן מיט עקן ווי ענטפערס, ווי אַפּלאָדיסמענטן,
אין וועג פונעם קויבער צום קאַסטן, באַשלאָגן מיט פרענטן,
באַשאָטן מיט שטיקעלעך אייז ווי מיט זאַלץ און מיט פעפער,
אַז האַלטן זיך לאַנג זאָל אין וועג דער טראַנספּאָרט פון דער שפע.
אַ דורכגאַנג איז בלויז דער וואָקזאַל, די צעווימלטע האַלע,
איז דאַרף מען געזעגענען זיך מיט דער שטראָמיקער כוואַליע,
דעם ים, וווּ מ'האָט לייכט זיך געדרייט מיט די עקן קאָקעטיש,
וואָס פון דער פּאַטעלניע נאָך ציען צו אים וועט מאַגנעטיש.
דאָ מענער אין גומענע שטיוול צום קאַסטן זיי שטופּן,
עס טראָגט זיך פון זיי מיט געזאַלצנס, מיט ים־ווינט און שופּן,
און גרייט זענען שטענדיק צום רייסן, צום צופּן, צום שאָבן.
די האַנט רוט נישט איין, פון געוווינהייט אַזש נאָכדעם זיי האָבן
אַ חשק צו שאָבן די הויט פון די אייגענע ווייבער,
אַז פייערן רויט זאָלן זייערע מילך־ווייסע לייבער.
און אַלץ וואָס זיך פּרוכפּערט און מערט אין די ימישע שליימען,
אין גרונט, אין קרישטאָלענעם פּאַלאַץ דעם טיפן, געהיימען,

גייט־דורך אין דער האַלע פאַר אַלע געשמאַקן און גוסטן:
די וואַנסיקע, שטעכיקע, ראָזלעכע צאַרטע לאַנגוסטן;
מיט לאַפּעס ווי שפּאָנען דערשיינען די רויטלעכע ראַקעס,
אַזוי ווי סאָלדאַטן מיט שווערדן געשטרעקט צו אַטאַקעס;
די גליטשיקע אויסטערס, האַלב טרונק און האַלב עס, צום פאַרלאָדן,
אין שאָלן ווי שקעטעלעך ליגן זיי ווי עמעראַדן;
שוואַרץ־בלוילעכע מולן ווי קינדערשע שיפלעך צום שטיפן,
אין סאָס וועלן שווימען, אין טאָפּ — אין אַ טייך אין אַ טיפן,
און ווי נאָך אַ דרימל אַן אויג, וועלן עפענען שפּעלטעלעך קליינע
און געבן אַ ווונק וועט דאָס אויג, פונעם טאָפּ, וואָס וועט מיינען
דעם עסער: פאַרקאַשער די אַרבל, מיר זענען צום האָבן...
באַלד רוקן זיך אונטער די טונקעלע ברוינלעכע קראַבן,
ווי גייערס אויף פּלאַטפּיס, פאַרפּאַנצערט מיט מעכטיקע שאָלן,
ווי פרויען אַמאָל מיט גאָרסעטן, מיט שנורן און שנאָלן,
נישט לייכט זאָל דיר זיין צו דערגיין צו דעם תּוך, צו דעם עיקר, —
צום פלייש וואָס מיט כּוח באַדאַרף מען אַרויסרייסן שטיקער,
דעם פּאַנצער מיט דלאָטן און צווענגלעך צעקנאַקן, צעגריזשען.
איצט היידאַ, קיין טולוז, קיין ליאָן, פּאַריז און קיין דיזשאָן,
צו מערק און יאַרידן, צו שטעט און צו שטעטלעך פון פראַנקרייך —
געשאַנק פונעם ים וואָס דאָס לאַנד איז מיט שפּע פון פאַנג רייך.
אַט וויזט זיך אַ יונג מיט אַ לעדערנעם פאַרטעך און מעסער.
מיר דאַכט זיך, ער רוקט זיך צו מיר, לאָמיך אָפּציִען בעסער.
אַ פיש זעט ער מיך אין די דולע, צעדרייטע געדאַנקען.
מיין גאָט! וואָס איך בין נישט קיין פיש וויפל דאַרף איך דיר דאַנקען!...

ברעטאָנערינס

ס׳שוועבן דורך ברעטאָנערינס מיט הויכע קלאָרע הויבן,
ווי געפּלאַטערט וואָלטן אויף די קעפּ זיי ווייסע טויבן.

ס׳הענגען שפּיצן־ציינדלעך נאָך פון טיול און פּערקאַל ווייסן.
פאַרזיכטיק! עס קענען דיך די ציינדעלעך נאָך בייסן...

שיין אויף קאַנוועס העפטן זיי ביי שוועלן און ביי טירן.
וועלן זיי ברעטאַניע־קאַנט מיט זייער חן באַצירן.

העפטן זיי אַריין חלומות אין דעם קאַנווע־לייוונט.
לאָזט מיך זען, ברעטאָנערינס, איך בין אויף אייך אַ מבין.

אויף די קאַנוועס שווימען זיי אַוועק — אויף אָקעאַנען,
העפטן זיך מיט פעדעם צו צו מענער און חתנים,

וואָס אַרויסגעשווומען זענען בראָנדזענע און שטאַרקע.
פלאָטערט, ווי דער זעגל, זייער בענקשאַפט פון דער באַרקע.

קושן פון ברעטאָנערינס אין פאַלדן פון דעם זעגל.
זענען אין מחשבות צו די כוואַליעס עולה רגל.

גיט מיר נאָדל־פאָדעם, איך וואָלט אויך אַריינגעהאָפטן
מיין געזאַנג פון גליק מיינעם, געהאָפטן, נישט־דערהאָפטן.

כ׳וואָלט אין לייוונט אייך געלאָזט מיין טרוים אַן אויסגעשטיקטן
און געלאָזט אייך מיין באַגער — געשטיקטן און דערשטיקטן.

שטעכט זיך בלויז מיין בליק אַריין און גיט זיך אַ פאַרגנבע:
פול מיט חן און פליטערלעך איז שוין באַדעקט די קאַנווע.

איך, וואָס ברענג, ברעטאָנעריגס, אייך שטויבן פון מיין וואָגל,
מיר זאָל זיין פאַר אייער חן און אייער מינדסטן נאָגל.

פאַר די פיס איך שפּרייט אייך אויס אַ גאָלד־געוועבטן טעפּיך,
וואָס מיט שטראַלן־פעדעם פון ברעטאַניע־זון אים שטעפּ איך.

כ׳זע אייך אויך, ברעטאָנערינס, ביי שטעלעס פון יאַרידן,
לעבן שטויסן פּירות, אָנגעלייגט אין פּיראַמידן.

הויכע הייבלעך אויף די קעפּ ווי ווייסע אַבאַזשורן,
אָדער שמאָלע קוימענדלעך, פון רויך קיין מינדסטע שפּורן.

טרויבן — בורשטין־אוירינגלעך און ראָזע אַבריקאָסן,
עפּל ווי די באַקן רויטלעך, זאַפטיק אָנגעגאָסן.

ס׳געל פון די באַנאַנעס און דער רויט פון פּאָמידאָרן,
ווי די קאַנוועס זע איך זיי — קאָליריקע אוצרן.

אין גן־עדן פון קאָלירן כ׳בין אין אייער היכל.
זאָל מיך אין מיין וואַנדערוועג באַגלייטן אייער שמייכל.

בעג־מעיל — פּאַריז, 1976

ערשטע שפּאַנונגען

פון דער לידער־זאַמלונג
„ברויט און בלוי"

(לובלין, 1934)

דער טאַטע שטרייקט

— נו, קינדער, שטיל זאָל זײַן, נו, קינדער שווייגט —
זאָגט אַ מאַמע בייז, זאָגט אַ מאַמע גיך. —
נו, קינדער, שטיל דער טאַטע שטרייקט,
און אַז דער טאַטע שטרייקט —
שטרייקן אויך די טעפּלעך אויף דער קיך.

שלאָפט מען — און מיט הונגער אונטער קאָפּ,
אונטער קאָפּ געלייגט,
אונטער קאָפּ און האַנט...
— אוי, מאַמע, פינצטער, פינצטער איז ווי אין אַ טאָפּ...
— נו, קינדער, שטיל, דער טאַטע שטרייקט,
און אַז דער טאַטע שטרייקט —
שטרייקט ביינאַכט דאָס לעמפּל אויף דער וואַנט.

דערציילט אַזוי אַ מאַמע — אַ מאַמע נאָר דערציילט —
און קינדער ווערן קיינמאָל, קיינמאָל מיד צו הערן...
— וועט דער טאַטע קומען
און דעם שטרייק געווינען,
און ברענגען וועט ער פון דעם שטרייק... —
— מיר — אַ קליידעלע אַ נייס.
— מיר — שיכעלעך אַ פּאָר...
— און מיר... און מיר... און מיר... —
אַזאַ־אָ גרויסן ברויט!
— און פאַר מיר אַ פּענדעלע,
אַ פּענדעלע אַ רויטס.

וואַרט מען אָפּ אַ נאַכט, אַ טאָג, אַ צווייטן און אַ דריטן —
וועט אָנקומען אַ גרוס פון שטרייק,
אַ גרוס פון שטרייק אַ גוטער.

וועט אָנקומען, וועט קומען — און געקומען אויף דער נאַכט —
געברענגט אַ גרוס — געברענגט אַהיים אַ טאַטן אונטער הענט.
קאָפּ אין וווּנדן,
קאָפּ אין בלוט אַ סך, אַסך, אַ סך,
קאָפּ אין באַנדן, אין באַנדאַזשן איינגעבונדן,
איינגעוויקלט און פאַרוויקלט ווי אַ הייפּטל קרויט.
און פון באַנדן, אונטער וויסקייטן אָפּער,
ווי צוויי גלאַנצנדיקע שטיקלעך אייז פון אונטער שניי,
קוקן אויגן פראַסטיק, קאַלט און שטום,
קוקן אויגן ווייטיקדיק אַזוי.
בלייבט אַ טאַטע ליגן שטיל און שווער,
בלייבט אַ טאַטע ליגן און ער שווייגט,
און פאַר קינדער נישט געברענגט,
נישט געברענגט פון שטרייק —

קיין קליידעלעך,
קיין שיכעלעך,
און נישט קיין ברויט,
נאָר אַ העמד מיט בלוט —
אַ פענדעלע, אַ פענדעלע,
אַ רויטס.

וואַרשע, 1931

אַ פרימאָרגן אין דער היים

אַ פרימאָרגן אין דער היים.
ווי שפּעט ס'איז ווייס איך נישט.
דער זייגער אויף דער וואַנט
איז קאַליע שוין פון לאַנג.
גלייכגילטיק און רואיק הענגט דער אומרו,
ווי אַ שטומע צונג.
דאָס פּערטע פּיסל
פון אַן אַלטער, אַ צעהאַקטער טאַבורעטקע
האָט אינגאַנצן אויסגעברענט אין קיכל
און דערוואַרעמט קוים אַ טשייניק וואַסער.
מיט אַ שאַרפן בליק, ווי מיט אַ מעסער,
מעסט מיין מאַמע דורך אַ ברויט
און רעכנט אויס
צי ס'וועט זיין גענוג אויף היינט,
צי נישט,
און מיט אַ ציטערדיקער האַנט
און מיט אַ שווער געמיט און האַרץ —
אָ, מיט אַ שווערער האַרץ
ווי בעת מען לאָזט אַראָפּ אין ים אַריין
שווערע פולע זעק מיט שפּייז־פּראָדוקטן —
לאָזט זי אַראָפּ אין אַ גלאָז טיי
צוויי שטיקלעך צוקער...

1934

אַרבעטסלאָזע אין האַרבסט

ס'קענען שוין שטאָטישע פּאַרקן דעם שטילן, דעם שלאָבעבדיקן טראָט.
קומט איינער,
אַ צווייטער,
אַ דריטער.
לאָזט מען אַראָפּ אויף די קני
אַן אָדערדיק־דאַרע געלע האַנט,
ווי ס'לאָזט דאָ אַ צווייג ווען אַראָפּ אין דער לופטן
אַ בלאַט,
און ווי אַ פוילער עפּל וואָס ער פאַלט אַראָפּ אין גראָז,
נורעט מען איין דעם קאָפּ אין קאָלנער
פון אַלטן געלעכערטן ראָק.

ס'איז האַרבסט אין שטאָט.
און דער זינגער פון האַרבסט
און פון האַרבסטיקן גאָלדענעם טרויער
זינגט היינט זיין שטילן געזאַנג
אין זיינע שטילע דלד אמות,
ווי דער לעצטער פויגל
פון האַרבסטיקן, פון אָפּגעפּליקטן בוים.
און דאָ — זינגט דער ווינט,
זינגט דער רעגן,
מעת־לעתן־ווייז,
לאַנג.
גייען נעכט :
פינצטער, נאַס, קאַלט.

נעמט שטעכעדיק דורך די ביינער.
ביז נאָענט, אַזוי נאָענט ווערט דעמאָלט דעם גוף
יעדע וואַנט, יעדער פלויט, יעדעס ברעט.
און טיילמאָל קומט אויס זיי צו קוקן
אין קאַלוזשעס פולע פון רעגן און זען
ווי ס׳שווימט אָפּ
מיטן רעגן צוזאַמען
אַ פאַסיקל רויטס
פון אייגענעם בלוט.
געדענקען זיי שוין נישט פון ווען
אַ היים געוואָרן איז פאַר זיי דער דרויסן,
און אַ געלעגער — הוילע ערד און שטיינער,
און אַ צודעק — איבער זיי דער הימל,
און ס׳אָרט פון אָפּרו — דרויסן-בענק און שטיגן;
און פון ווען —
ס׳איז ערגעץ־ווו געבליבן די פאַבריק
שטיל, אַנטשוויגן.
און ווי לאַנג
ס׳האָט דער גערוך פון רויך,
פון טשאַד און פון בענזין,
פון מאָטאָר און מאַשין,
פאַרביטן אויפן עיפּוש
פון מיסטן.
זיי קענען פון לאַנג דאָ אין נעכט
דעם עלנט און וואַלגער פון טונקעלע גופים —
קומט איינער,
אַ צווייטער,
אַ דריטער
און נאָך —
ס׳וועט שוין דער שטעכיקער האַרבסט־ווינט זיי ציילן,

ציילן יעדן קאָפּ,
און די האָר פונעם קאָפּ,
וואָס ער נעמט זיי פֿאַנאַנדער ווי אַ קאַם.

און טיילמאָל,
ווען הונגער פון טעג, פון וואָכן,
טראָגט אויס אַ געשריי
אַ פּלוצלינג־געפּלאַצטן פון קעל,
וואָס רייסט זיך אַוועק ווי אַ בלאַט אין געווירבל,
אָט דאָ, אין פֿאַרנאַכטן, אויף ליכטיקע פּלעצער,
וואָס רויטלען זיך דעמאָלט אין נעאָן־ליכט בליציקע, העלע,
דערפֿילן די מויערן זיבערע, שיינע,
דעם עיפּוש פון אָפּפֿאַל, פון דרויסן, פון הפקר.
קוקט ער און שטוינט, דער ליכטיקער פּלאַץ,
אויף די, וואָס פֿאַרפֿולן זיין יעטוועדן שטיין
מיט הילך, מיט רעש און געשריי,
וואָס קען זיך נישט שטילן אפילו
אין קלעפּ פון פערדיש־צעפּויקטן גאַלאָפּ,
וואָס שיטן זיך
ערגעץ, נאָענט, גיך,
ווי די הילכיקע טראָפּנס פון רעגן,
וואָס פֿאַלן
האַרט אין אַ בלעך
אַמאָל,
ביינאַכט אין האַרבסט.

1933

אַ נייער קאַלענדאַר

מיין טאַטע האָט געקויפט אַ קאַלענדאַר אַ נייעם,
העגנגט ער ביי מיין טישל קעגנאיבער,
קוקט אַראָפּ פון אים דאָס בילד פון חפץ־חיים,
אין אַ שטריימל פון אַ טכויר, צי פון אַ ביבער.

זייט־זשע מוחל, רבי, האָט נישט קיין פאַראיבל
וואָס עס זיצט ביינאַכט אַ יונג מיט אַ טשופּרינע
ביי אַ חלב־ליכטל איבער ביכער קעגנאיבער
און גאַכט ביי נאַכט עס קען נישט צוקומען די שכינה.

מיר דאַכט, עס קוקט אויף מיר דער צדיק ברוגז,
אַז אין דער ראָם פון בילד ער זיצט ווי אַ פאַרשפּאַרטער.
אַט קערט ער אומצופרידן אָפּ פון מיר די אויגן
און ווי מיט אומגעדולד דעם סוף פון יאָר דערוואַרט ער...

רינט ווילגאַטנע פייכטקייט אויפן קאַלענדאַר דעם נייעם,
רינט אַראָפּ פון וואַנט, ביים טישל קעגנאיבער,
איז נאָס דער שטערן אויפן בילד ביים חפץ־חיים,
דאַכט, עס שוויצט דער צדיק אין זיין טכויר, צי ביבער.

און דאָך איז קאַלט — ס׳איז קאַלטער יאַנואַר,
ס׳איז קאַלטער יאַנואַר אין אונדזער קאַלטן שטיבל,
און קאַלט דאַרף זיין דעם צדיק אויפן נייעם קאַלענדאַר —
זייט־זשע מוחל, רבי, האָט נישט קיין פאַראיבל.

ווי ליב ס׳האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי...

ווי ליב ס׳האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי.
קען זיין נישט דערפֿאַר ווייל עס חלומט זיך זיי
(ווען זיי טוען אַ קוק אינדערפֿרי אין די שויבן),
אַז דער הימל אַליין לאָזט אַראָפּ זיך פֿון אויבן
און צעשיט זיך אין שטיקעלעך ווייס אויף דער ערד
און אַלצדינג זעט אויס ווי פֿאַרקערט, ווי פֿאַרקערט...

ווי ליב ס׳האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי
פֿרימאָרגן, נאָר וואָס אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף,
פֿאַרוואונדערט, פֿאַרגאַפֿטע, אָן לשון,
און זעען אין פֿענצטער: עס שיט אָן אַ סוף.
עס דאַכט זיך זיי אפֿשר, זיי חלומט זיך דעמאָלט:
דאָס שיטן זיך זילבערנע גראָשנס.
זיי ווייסן, דער טאַטע איז לאַנג שוין אין שטאָט,
אַוועק ווען עס האָט אויף באַגינען געבלאָזט,
און ערגעץ־ווו, אין אַ פֿאַרשנייעטער גאָס
וועט שרייען זיין רידל פֿאַר קעלט און פֿאַר כעס —
דעם זילבערנעם כישוף צעשטערן.
דערפֿאַר וועט דער טאַטע פֿאַרנאַכט אויפֿן טיש
אַוועקלייגן זילבערנע גראָשנס אַ ריי
און איינס אויפֿן צווייטן, ווי שופּן ביי פֿיש,
און ליכטיקע בייגל, אַ גאָלדענעם הערינג,
און מילך אין אַ פֿלעשל — אַ פֿלעשל מיט שניי,
אַ פּאַפּירל מיט קעז — אַ פּאַפּירל מיט שניי.

די פייערקעס וועלן ווי גאָלד־רינגען שײַנען
און אויפשפּילן פריילעך ביים זידן — דער טשייניק,
אַזש יאָגן פון אים וועט צעשויבערט אַ פּאַרע,
אַזוי ווי פון מויל ביי די טאַטעס ביים שאַרן
וואָס גייען מיט רידלס אַוועק אין אַ ריי... —
ווי ליב ס׳האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי...

מיר זענען ביידע דאָ געגאַנגען...

מיר זענען ביידע דאָ געגאַנגען זאַלבעצווייט
געגאַנגען זאַלבעצווייט און זאַלבעטויזנט,
ווען אויפגעשטאַנען איז אַ גאַס
פאַר פּיין,
פאַר וויי,
מיט אומרו און מיט מוט
אין הייסע פּויסטן.

מיר זענען ביידע דאָ געגאַנגען זאַלבעצווייט,
מיר זענען דאָ געגאַנגען זאַלבעטויזנט —
האָט אויפגעהילכט אַ גאַס
מיט קולות און מיט בליי,
מיט פייער, מיט געשריי
און צאָרן אויפגעברויזטן.

און אין גערויש,
אין אויסגעמיש פון טריט,
אין גיכע און צעפלאָטערטע געיעגן,
אין הייסן און אין שווינדלענדיקן לויף —
מיר האָבן זיך פאַרלוירן פונעם בליק,
אין פלאָנטער, אין באַוועגונג.
און אין גערויש, אין ענגשאַפט, אין געלויף,
אין אויסגעמיש פון טריט —
כ׳האָב דיך געזוכט —
און אויפן פרעמדן ברוק

געפונען טראָפּנס בלוט,
טראָפּנס פון דיין בלוט,
און אויפן ראָג,
אויף רייכן פרעמדן ראָג
האָט אַ קאַלטער שטיין
געקילט דיין הייסן קאָפּ...

1932

ביי דער ווייסל
(1905)

ברעגן, ברעגן, ווייסל-ברעגן, כ׳שטיי און קען נישט גיין פון דאַנען —
וואָס־זשע קענען ווייסל־ברעגן, גרינע ברעגן מיר דערמאָנען?

אינעם ווייסל־לאַנד איז פרילינג, גרינען פעלדער,ביימער בליען,
נאָר אויף ערד, אין לאַנד פון ווייסל, פון אַ בוים וואַקסט אויס אַ תליה.

ציטאַדעלן־ווענט ביי זייטן, שטאַרצן קעפּ פון פּאַוויליאָנען.
שווייגן ברעגן, הערן ברעגן, ערגעץ שפּאַנען טויט־פּלוטאָנען.

אויף דער ווייסל שווימט אַ שיפל, צו דער פעסטונג פירט געהילץ.
ערגעץ שטעלט מען איצט אַ תליה, פאַלן קלעפּ באַגינען, שטיל.

אויף דער ווייסל ציען כוואַליעס, ציען דורות, דור נאָך דור,
און דער ווינט אויף תליות הוידעט, טרייסלט ווינט פון פינפטן יאָר.

כוואַליעס בלוט אין ווייסל ציען, טרייסלט לאַנד, גובערניעס טרייסלט,
רינען רויטע ריטשקעס, רינען פון דער וואָלגע ביז דער ווייסל.

וויפל נעמען, וויפל נעמען, ווער ס׳איז דאָ געווען, פאַרבליבן,
מיט געביין, מיט בלוט אין טיפקייט פון דער ערד אָט דאָ פאַרשריבן.

נאַכט אויף ווייסל, נאַכט אין שווייגן. אַ קאַרעטע איז פאַרפאָרן.
קעפּ. זשאַנדאַרמען. בליצן אויגן, בליצן שאַבליעס, קנעפּ און שפּאָרן.

אַ קאַרעטע אָפּגעפאָרן, בלוט אין ווייסל — אָפּגעפלאָסן.
און אויף קעפּ פון פּאַוויליאָנען וואַקסן לאַנג שוין נייע גראָזן.

און אין לאַנד איז ווידער פֿרילינג, גרינען פֿעלדער,ביימער בליען,
נאָר אויף ערד, אין לאַנד פֿון ווייסל, פֿון אַ בוים וואַקסט אויס אַ תּליה. — — —

ברעגן, ברעגן, ווייסל־ברעגן, כ׳שטיי און קען נישט גיין פֿון דאַנען —
ווייסל־ברעגן, גרינע ברעגן, וואָס־זשע קענט איר נאָך דערמאַנען?

1933

הינטער קראַטעס

1

אינדערפרי. מען האָט אונדז שוין געציילט,
געציילט — אויף יעדן קאָפּ אַ לחמא ברויט.
שניידן איין זיך איצטער יעדנס ציין,
ווי טעמפּע זעג אין האַרטער קאָרע־הויט.

און מיט פינגער קנאָכיקע און שטייפע
לעכערן מיר, גראָבן מיר זיך איין
אינעם ווייך אין טיפן, אין דעם פייכטן,
ווי מיט רידלעס אין אַ קלעפּיק־פייכטן ליים.

אַ ביס, אַ זופּ, און ליכטיק פון דער שיסל
שפּיגלען אויגן אונדזערע אַרויס ביי יעדן זופּ.
איז העי־זשע, זאָל אַ ליד זיך איצטער גיסן
ווייט אַוועק פון אונדזער יעדנס ליפּ!

אַוועק מיט ווענט, סופיט, מיט דיל, מיט נאַרע! —
פּאַר קולות אונדזערע ווערט ענג, ווערט ענג.
אַז געזונגען — זאָל די לופט צעשפּאַרן,
אַז געזונגען — זאָלן פּלאַצן ווענט!

ווייל איצט איין גוף, איין קאָפּ פון דרייסיק קעפּ איז,
מיר אַלע אין דער צעל, ווי אין איין הויט.
גיסט אַ ליד פון ליפּ צו ליפּן — קלעפּיק,
ווי קלעפּיק ס'איז דאָס שוואַרצע תפיסה-ברויט.

2

דורך קראַטעס פון ווייט צי פון נאָענט,
אַלצאיינס, אומעטום קוקט אַריין
דער זעלבער הימל דער בלאָער,
די זעלבע זון וואָס שיינט.

איז הימל היינט גראָ פון פאַרטאָג אָן,
און זון אַזוי קאַרג איז און ברוגז.
זיצן מיר דאָ און מיר טראָגן
אַ ליכטיקע זון אין די אויגן.

מ׳האָט עמעצן נאָר־וואָס געבראַכט,
ער ברענגט אונדז אַ גרוס און צוזאַמען
אַן אָרט אויפן ברעט אים געמאַכט —
איז ליכטיק געוואָרן אין קאַמער.

איז גוט איצטער הערן און וויסן
אַז ערגעץ, פאַרמאַכט הינטער טיר,
אין אַזעלכע שטיינערנע תפיסות
זענען דאָ אויך אַזעלכע ווי מיר.

און אויף ווענט אָט אַזעלכע גראָע,
דורך קראַטעס קוקט דאָרטן אַריין
דער זעלבער הימל דער בלאָער,
די זעלבע זון וואָס שיינט.

3

נאַכט אין צעלע. פּינצטערניש און שווייגן.
ליגן מיר אַ חברה אויפן דיל.
איז נאָך דאָ אַן אָרט ווו צום פאַרלייגן —
סטייען מיר און סטייען אַזוי פיל.

איינגעשטילט זיך האָט שוין יעדנס שטים,
קום־זשע, ברודערקע, אַוועקלייגן דעם קאָפּ
אויפן האַרטן ברעט, ווי דער רעזשים,
און פאַרגיין אין דרייסיק־אָטעמדיקן כראָפּ.

ווערמענס פּנים, ווערמענס קאָפּ און ווערמענס האָר,
ווערמענס גוף און ווערמענס שווייס — אַלצאיינס,
דרייסיק כראָפּן, דרייסיק אָטעמס אין איין כאָר,
אין יעדן ווינקעלע די לופט צערייסט.

קריכן שעהען — ווער וועט היינט דען שלאָפן?
ווער וועט שלאָפן כאָטש אַ שעה אַ גאַנצע? —
אַז דער רעזשים איז ביז די ציין באַוואָפנט
מיט תּפיסות, קראַטעס, קייטעלעך און וואַנצן...

איז נאָך דאָ אַן אָרט ווו צום פאַרלייגן —
סטייען זיי און סטייען אַזוי פיל.
נאַכט אין צעלע. פּינצטערניש און שווייגן.
ליגן מיר אַ חברה אויפן דיל.

4

אין מיטן נאַכט
גערופן האָט מען עמעצן פון אונדז —
אין מיטן נאַכט,
מיר האָבן אַלע לאַנג געוואַכט,
געוואַכט,
געהערט:
ווייט־ווייט,
אין קאָרידאָרן־טיף,
גייען אָפּ די טריט,
פאַרשלאָפן, שווער,
און פון ווייט,
פון קאָרידאָרן־טיף,
שטעכט אַריין זיך שאַרף
אין אונדזער איינגעווייד:
— דאַכט:
מען שרייט...
— האָ?...
— וואָס?...
— שאַ...
יאָ, מען שרייט!
מ ע ן ש ר י י ט !!

— — — — — — — — — — —

אין מיטן נאַכט
גערופן האָט מען עמעצן פון אונדז —
אין מיטן נאַכט,
מיר האָבן אַלע לאַנג געוואַכט,
געוואַכט.

1933

בלוט אויף דער ערד*

דאָס לעצטע ברויט

נאָכן לעצטן זעקל מיט קאָרן
קומט מלכות מיט וואָגן און פערד.
גייען פויערים מאָנען ערד
גיט מען זיי ערד — אויף קברים...

איבערפולט זענען שפייכלערס פון לאַנג,
פאַלט די שפע אין פייער, אין ים.
פאַלט אַ זאַק נאָך אַ זאַק אינעם פלאַם
און אַ זאַנג צינדט זיך אָן נאָך אַ זאַנג.

דעררויכערט אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג,
דעררויכערן סנאָפּעס אַ סך,
און אויף קרומען, אויף שטרויענעם דאַך
דער קוימען שוין רויכערט נישט לאַנג.

גראָבט הונגער זיך טיפער, גראָבט שווער,
ווי מוילוואָרף אין פינצטערער נאָרע.
גייען פויערים מאָנען ערד,
גיט מען זיי ערד — אויף קברים.

לאָזט מען אַ טייכעלע בלוט
אין בלאָטיקן דאָרפישן שליאַך
און טייכעלעך טרערן אין שטוב
און צער אונטער שטרויענעם דאַך.

---

* געשריבן בעת די פויערים־אומרוען אויף די אַזוי גערופענע פוילישע קרעסן אין די דרייסיקער יאָרן.

„וועלף״...

ווי טעלעגראַפֿן־שטאַנגען קולות ברומען.
איז אַוועק אַ קלאַנג פֿון פֿעלד צו פֿעלד:
— „וועלף״... —
שטייער־מאַנער קומען...
איז אַוועק אַ קלאַנג פֿון שוועל צו שוועל,
פֿון דאַך צו דאַך, פֿון שטרוי צו שטרוי.
פֿון פֿאַרטאָג,
פֿון מאָרגן־גרוי,
רוקט זיך אָן סכנה ווי אַ שוואַרצע כמאַרע
ערב שטורעם.
אַז וויי צו אונדז, אַז וויי:
ס׳גייט דער שטייער־מאַנער, דער זשאַנדאַרעם
מיט פֿערד און שווערד,
מיט ביקס און בליי,
פֿאַרנעמען ס׳לעצטע ברויט,
דאָס לעצטע שטיקל ערד.

איז אַוועק אַ קלאַנג פֿון שוועל צו שוועל,
פֿון היים צו היימען.
שטיבעלעך הילצערנע טוליען זיך צונויף
אין שרעק, אין אימה.
איז אויפֿגעגאַנגען נאָך אַן אינדערפֿרי
אין פֿענצטער דאָרפֿישע, אין קליינע.
עופֿות צעטומלטע, צעשאָטענע אין הויף.
אַנגסטיקע קולות פֿון מענטשן, פֿי.

ס׳בהלהדיקע הירזשעריי פון פערד,
ס׳יעמערלעכע מעקעניש פון קי.

דורך צעפראַלטע שטאַלן
און דורך ברעטער־שפאַלטן
האַסטיק־אָפּגעהאַקטע שעפּטשעניש פאַלן:
גאָטעניו, דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם,
ס׳גייט אויף אונדז דער שטייער־מאַנער,
דער זשאַנדאַרעם.
— זיי גיבן נישט קיין רו.
— ביי וואָס וועט מען פאַרבלייבן,
ביי וואָס וועט מען פאַרבלייבן?
— פאַריאָגן די איינציקע, די לעצטע קו,
— די לעצטע, די איינציקע שקאַפּע פאַרטרייבן...

בלאָנדזשען עופות, בלאָנדזשען פערד און קי,
פאַריאָגטע אויפן וועג.
נאָר נישט געבלאָנדזשעט האָבן טאָטעס, יונגען,
וואָס זענען איבערפרי
מיט ווידלעס, לאָפּעטעס און העק
מיטן גרויען שליאַך אַוועק.

געזשום פון טעלעגראַפן-שטאַנגען...

געזשום פון טעלעגראַפן־שטאַנגען טראָגן אָפּ ראַפּאָרטן:
דאָס פּעוול האָט אַרויסגעריסןביימער פון דעם גלחס גאָרטן.
האָב־און־גוטס פון אומעטום צעשטערט.
אַלץ וואָס אונטער האַנט געקומען, אַלץ איבערגעקערט
און פאַרשטעלט דעם וועג פאַר אָקס און ראָד.
דרינגענדיק פאַרשטאַרקונג צושיקן פון שטאָט.
ס'ווייסט נישט פון קיין שום רחמנות די האָלאָטע —
אַרויסגעלאָזט אויף גאַטס באַראַט
פון סאַמע אינדערפרי
אַרומצובלאָנקען הונגעריקע אין דער בלאָטע
עלנטע, פאַרלאָזטע פערד און קי.
עופות טראָגן זיך אַרום צעטומלט און צעפּלאָשעט.
ס'איז אַ צער אויף שטומע צינגער צוצוזען דאָס פּשוט.

פון טעלעגראַפן־שטאַנגען טראָגן זיך ראַפּאָרטן:
ס'גייט אַ כּוח אויף בונטאַרן, ליידאַקעס און שטרייקערס,
ס'איילן זיך שליחים פון געזעץ און שטראָף צו זיי.
גאַרנישט, גאַרנישט וועט זיי שענקען דאָרטן,
נישט באַפעלן שטרענגע, נישט נאַהייקעס,
נישט די שווערד, די ביקס און נישט דער בליי.
נאָר ביימער־באַריקאַדעס שטייען אויפן וועג ווי פאָרטן.

און ס'טראָגן זיך פון טעלעגראַפן־שטאַנגען די ראַפּאָרטן.

שלעסער, שלעסער...

שלעסער, שלעסער.
טירן געקאָוועטע, שווערע.
אין צעלעס
דריי הונדערט קעפּ
הערן:
קלעפּ.
קלעפּ.
פאַלן די העק
אַרויף, אַראָפּ,
אַראָפּ, אַרויף.
ווייסן צעלעס:
אַ תליה, אַ תליה אין תפיסה-הויף.

שפּעטער, פאַרטאָג וועט מען הערן טריט
אין לאַנגן קאָרידאָר,
שליסלען-געקלימפּער,
אַ פּויקן אין טיר —
אין וועלכער?
נאָך דיר?
נאָך מיר?
דערנאָך וועט אין שמאָלע פאַרזשמורעטע אויגן
אַ בלענד-געבן שאַרפע לאַמטערן-שיין:
— אויפשטיין! גיין!
— — — — — — — — — — — — — —

קלעפּ.
קלעפּ.
פֿאַלן די העק
אויף דריי הונדערט קעפּ.
פֿאַלן די העק אין שעה פֿון שאַריִען
קלאַפּן די פֿינגער,
גיבן צו וויסן,
גיבן צו וויסן
דריי הונדערט הענט,
פֿון צעלע צו צעלע
קלאַפּן־אויס פֿינגער,
קלאַפּן דורך ווענט
די וויסטע ידיעה.

הונגער־שטרייק.
די זויערע יושקע גיסט זיך נישט אין העלדזער —
פֿון העלדזער גיסט זיך —
געזאַנג פֿון בונט,
וואָס פֿון דער טיפֿקייט פֿון די מויערן
הילכט־אויף.
אין שוואַרצן ביטערן תּפֿיסה־ברויט
בייסט זיך נישט איין
קיין איינציקער צאָן.
פֿון אַלעמענס ציין
פֿאַרשטשעמעטע, פֿאַרקריצטע,
טראָגט זיך בלויז איצטער:
אַ תּליה, אַ תּליה אין תּפֿיסה־הויף!

אין טאַטנס ראָק

אַ גאַנצע נאַכט
האָט דער רעגן געווייקט
דעם ווייכן פוילן שטרוי פונעם דאַך,
און אין הילצערנעם לאָדן האָט הויך, פאַרעקשנט
דער ווינט געקלאַפּט
מיט אַ דאַרער האַרבסטיקער צווייג.

האָבן קינדער פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט —
אין ליידיקער, פינצטערער כאַטע אַליין —
וווּ איז די מאַמע? —
די מאַמע איז נישטאָ.
אַוועק איז זי פון דער היים נאָך פאַרטאָג,
ביים ערשטן הענער־קריי.

האָבן קינדער געטראַכט,
האָבן קינדער געמיינט,
ס'איז די מאַמע אַוועק
אויף אַ ווייטן און גרויסן יאַריד,
און קומען וועט זי שפּעטער, ערשט פאַרנאַכט,
און ברענגען נאַפּט און זאַלץ,
און וועמען — אַ פּאָר שטיוול,
און וועמען — אַ ראָק,
און וועמען אַ שניר'ל קרעלן אויפן האַלדז.

פון וואַגנער־זשע זאָלן זיי וויסן, די קינדער,
אַז ס׳איז היינט פאַרטאָג די מאַמע אַוועק
געזעגענען זיך מיטן טאַטן
ערגעץ־ווו אין אַ פינצטערן קאַמער,
געזעגענען זיך מיטן טאַטן אויף שטענדיק.

האָבן קינדער געטראַכט,
האָבן קינדער געוואַרט,
געוואַרט — זיך דערוואַרט —
איז געקומען די מאַמע פון „ווייטן, פון גרויסן יאַריד"
און געבראַכט פאַר זיי —
וועמען אַ פּאָר שטיוול,
און וועמען — אַ ראָק —
נאָר איצטער איז דאָך נאָך פרי,
איצטער איז ווייט נאָך צו נאַכט.
זיצט אַ מאַמע פאַרזונקען אין מחשבות,
זיצט אַ מאַמע און טראַכט, זי געדענקט:

אַזוי האָט ע ר געזאָגט אין דער לעצטער שעה:
נעם צו די שטיוול,
נעם צו דעם ראָק —
איך — דאַרף עס נישט מער,
ס׳וועט ניצן דאָרט די קינדער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז דער עלטסטער, דער גרעסטער פון געלעגער אַראָפּ,
אַריין אין טאַטנס פאַרבליבענעם ראָק,
און פון טאַטישע ברייט־גרוימע אַרבל פון לאַנגע
וועלן קינדערשע הענטלעך וואַקסן אַפער,
וואַקסן אַפער —
און דערלאַנגען...

1933

פון דער לידער־זאַמלונג

„דאָס פּיפל אין די בערג״

(וואַרשע, 1936)

אין וועג

געיאָגט האָט אונטערוועגנס אַ פאַרשטויבטער אויטאָבוס,
אַן אָנגעפּאַקטער פול מיט פּעק און פּאַסאַזשירן,
געשיקט האָט ער זיין שיין פון לאָמפּן ווי אַ גרוס,
אין אָוונט־טונקלעניש, צו שוועלן און צו טירן.

און צווישן קויבערס, פּעק און פּאַסאַזשירן
איך זיץ, און לעבן מיר — מיין ליבער טשעמאָדאַן.
דער גיכער אויטאָבוס וועט ערגעץ שוין פאַרפירן,
אין מיין זכרון דער אַדרעס — אַ זיכערער פּאַראַן.

פון הינטן שלייכט מיט שפּיזנדיקע שטערן נאָך די נאַכט,
ווי אַ געהיימער און פאַרשטעלטער שונא.
פאַרנורע איך זיך, שוויג. אין טשעמאָדאַן פאַרמאַכט —
אַ העמד, אַ בינטל לידער — און דאָס איז מיין וווינונג.

עס הוידעט מיט באַגאַזש פון אויטאָבוס דער דאַך,
די קעפּ פון פּאַסאַזשירן בייגט ער צו די שויבן.
איך איינער, ביי מיין ליבן טשעמאָדאַן, איך וואַך.
כ׳קום אָן. כ׳שאַר אָפּ פון מיר פאַרדאַכט און וואַנדערשטויבן.

אין דער הייך

קליין און שענער זעט אַלץ אויס פון אויבן, פון דער הייך,
ס׳איז שיין, ס׳איז קליין און קלענער אַלץ און שטום,
און אומעטום, ווו נאָר מיין בליק דערגרייכט,
פאַרהייבט זיך העכער, ווי אין ווונדער, דער אַרום.

צו אָט דער רחבות שפּרייט איך אויס די הענט —
ווי קום איך דאָ צו שטייגן אַזוי הויך און באַרגיק? —
געווען איז אונדזער געסל און דאָס שטיבל אַזוי ענג,
ס׳האָט דאָרט מיין קינדהייט בלויז געקענט זיך וואַרגן.

די קינדער דאָרטן שאַרן בערגלעך זאַמד צונויף
און באַקן פון זיי ברויט, געדולדיקע און שטילע,
און חלומען פון זעטיק ברויט, פון אמתן, אין ענגן הויף,
פון בערג אַזעלכע חלומען זיי נישט אפילו.

נאָר איך האָב צוגעזאָגט אייך, קינדער, איינמאָל,
אין יענער ענגשאַפט אויסצושפּרייטן אָט די רחבות,
און יעדן באַרג צו שוועלן און צו היימען
אייך ברענגען ווי אַ ברויט אונטער די פאַכוועס.

אָווידיוש *

דער הויכער באַרג אָווידיוש אין מיין פענצטער קוקט אַריין,
איז פול מיט אים די הילצערנע פירעקעדיקע ראַם.
כ׳געדענק, אַ בילד געהאָנגען איז אין אונדזער היים
און אינעם שטויב פון יאָרן זיך געעלטערט מן־הסתם:

אַ פּאַלאַץ האָבן הויכע בערג אַרומגענומען,
אַ שטראָמיקער פאָנטאַן, אַ קליינע אָזערע אַ בלאָע,
אויף איר איז זיך אַ ווייסער שוואַן אַרומגעשווומען,
געקראַצט זיך מיטן שנאָבל און געהאַט, ווייזט אויס, הנאה.

און ווייטער האָט מען אָנגעזען דאָרט דייטלעך, קלאָר:
אויף די מאַרמאָרענע געטאָקטע פּאַלאַץ־שטיגן
געשטאַנען איז אַ פּרינץ פאַר אַ פּרינצעסין מיט צעלאָזטע האָר,
באַצירט מיט שטויב און אַ באַפינטלטע פון פליגן.

איך האָב זיך נאָר געוווּנדערט אויף די הויכע בערג
וואָס אויפן בילד, פאַרהויבענע און שטאָלצע,
געטראַכט: בלויז אויפן בילד פאַראַן איז אַזאַ הויכע ערד
און אין דער אמתן ווי קען עס דען געמאָלט זיין?

און איצטער זע איך דעם אָווידיוש אין מיין פענצטער
און כ׳זע בפירוש, אַזאַ הויכקייט איז פאַראַן,
און כ׳גלייב אַלץ נישט און ס׳דאַכט מיר, נישט דאָס פענצטער,
נאָר ס׳בילד נאָך זע איך הענגען אַלץ אויף אונדזער וואַנט.

---

* אַ באַרג אין דער קאַרפּאַטן־געגנט אויפן נאָמען פון רוימישן דיכטער אָווידיוס. אויף פּויליש: אָווידיוש. אַזוי ווערט דער באַרג אָנגערופן דורך די דאָרטיקע תושבים.

עס גייט די טשערעדע...

עס גייט די טשערעדע — אַ פולער וואָלקן,
וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן אַ סוף.
עס גייען נאָך נאָך דיר און פאָלגן
געהאָרכזאַמע און גוטע שאָף.
פאַסטעך, פאַסטעך אויפן גרינעם באַרג.

זיי גייען נאָך און פאָלגן דיין פאַרלאַנג,
זיי גייען ווו דו ווילסט און הייסט.
אָט פלעכטן זיי פאַר דיר אַ קראַנץ —
פון זיך אַליין — אַ לעבעדיקער קרייז.
פאַסטעך, פאַסטעך אויפן גרינעם באַרג.

איך האָב דיך ערגעץ שוין געזען אַמאָל
אין אַ מעשהלע פון וווּנדער בלויז:
אַ קעניג ביסטו און דער באַרג — אַ טראָן,
און שפּילסט זיך לידער אויף דיין פייפל אויס.
פאַסטעך, פאַסטעך אויפן גרינעם באַרג.

דער בלאָטע אָבער וואָס אויף דיינע פיס
און ס׳רעקל דיינס, געלאַטעטע מיט זון,
איז דאָס פון לאַנג שוין, לאַנג פאַרמיאוסט —
און גאָרנישט הערן ווילן זיי דערפון.
פאַסטעך, פאַסטעך אויפן גרינעם באַרג.

דער טשערעמאָש*

אין קיטעוו, צווישן איין זייט לאַנד און צווייטן,
צופוסנס, אונטער הויכע גרינע בערג,
שטראָמט דער טשערעמאָש אַוועק אין ווייטע ווייטן,
צווישן ד ע ר און יענער פרעמדער ערד.

דער טייך, פון ווייטנס בלאַנקט ער שאַרף און שמאָל
און שניידט אַדורך די גרענעץ ווי אַ שווערד,
ער ווייסט עס נישט און שטראָמט און שטראָמט אין טאָל
און ער טיילט אָפּ די ערד פון יענער פרעמדער ערד.

די פיש, וואָס שווימען דאָ אין טייך, ווי קענען
זיי וויסן ווו זיי דאַרפן בירגער זיין?
און בלויז די זון גייט־איבער דאָ די גרענעץ
אָן אַ פּאַספּאָרט און אָן אַ פּאַסירשיין.

דער שטראָם שיט שאַרכנדיקע שטיינדלעך איבער
און ווי געפלאָכטן שלאַנגיק לויפט ער אין דער לענג,
די פליעסקענדיקע כוואַליעס קייקלען זיי אַריבער
און שאָרעווען די שטיינער שטענדיק מיט געשווענק.

און אויף די כוואַליעס, מיטן שטראָם דעם גלייכן,
הוצולן טרייבן טראַטוועס שטיל, פאַרקלערט,
ערגעץ מיט די ביימער־קלעצער צו דערגרייכן,
אויסגעהאַקטע פון דער הויכער גרינער ערד.

---

* אַ טייך אין דער קאַרפּאַטן־געגנט וואָס איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען די גרענעץ־ליניע צווישן פוילן און רומעניע.

רוישט דער טשערעמאָש און לויפט אין ווייטן וואַנדער
צווישן לענדער צוויי — אַ שאַרפע שווערד.
ווען ס׳שניידט איר העלע שאַרף פאַנאַנדער
און ווען זי באַהעפט, פאַרבינדט נאָך מער.

הוצולן - קינדער

הוצולן־קינדער אָנגעטאָן אין לייוונטענע שמאַטעס,
מיט טונקלע לאַטעס און מיט העלע גראָבע שטעך,
ווען כ׳זע אייך ביי דער אַרבעט ווען פֿאַרמאַטערט —
זייט נישט אויף מיר ברוגז, קוקט נישט אויף מיר שלעכט.

ביים פּאַשען טשערעדעס אין טאָל און באַרג,
אין היץ פֿון מיטנטאָג, אין שווערער מי,
ביים פּראָסטן מאָלצייט — פּאָסנע, טרוקן, האַרט,
אין דער הפסקה — מיטן טעפּל אויף די קני׳,

ביים שלעפּן האָלץ, ביים האַקן, קרישלען שטיינער —
איך בעט אייך, זייט מיך, קינדער, נישט מקנא,
דאָס בין איך אייך דאָ אויף געוויס נישט איינער
פֿון יענע שיין־געקליידטע רייכע פּאַנעס.

איך גיי אַרום דאָ ווי נישט זיכער אויף דער ערד,
כ׳הער קלינגען גלעקלעך אין די פּענסיאָנאַטן,
נאָר מיר, מיר דאַכט זיך אָלץ אַז כ׳הער
דעם קלאַנג פֿון קייטן הינטער תּפֿיסה־קראַטן.

איר ווייסט געוויס נישט ווי אַזוי כ׳קום דאָ אַהער,
הוצולן־קינדער — לאַטעס, נאַקעט, שוויס —
אויב כ׳טרעף אייך ווען ביי אַרבעטן פֿאַרמאַטערט שווער —
זייט נישט אויף מיר ברוגז, קוקט נישט אויף מיר בייז.

אַ באַרוועסער בעטלער-הוצול

אַ באַרוועסער בעטלער־הוצול אויפֿן וועג
שפּילט אויף אַ פֿלייט אין אָוונט אַריין,
דורך איר יעדן לעכעלע, ווי דורך אַ קעל,
גייט זיין שפּילן ווי אַ דין געוויין.

טשערעדעס גייען אַהיים צו געלעגערס,
זומערגעסט גייען אַהיים אויף אָונטברויט,
זיין פֿלייט דערנענטערט זיך און גייט זיי אַקעגן,
ס׳גייט זיי אַקעגן זיין באָרד — אַ קאַלטן קויט.

ביי די געסט איז היינט אַ גוטע שטימונג,
ביי די געסט איז איצט אַ פֿיינער אַפּעטיט.
דער הוצול האָט דעם הוט אַראָפּגענומען
און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט זיי צו די טריט.

שפּיל־זשע, הוצול, שפּיל, דאָרט אויבן
האָבן זיך די שטערן איבער דיר פֿאַרקלערט.
אין זיין הוט אַריין, באַדעקט מיט שטויבן,
פֿאַלט אַ גראָשן ווי אַ פֿינקלענדיקע טרער.

אַ באַרוועסער בעטלער־הוצול אויפֿן וועג
שפּילט אויף אַ פֿלייט אין אָוונט אַריין,
פֿון איר יעדן לעכעלע, ווי דורך אַ קעל,
גייט זיין שפּילן ווי אַ דין געוויין.

גיט אָפּ די זון!

יאָרן־לאַנג,
יאָרן־לאַנג
זענען מענטשן געגאַנגען אויף דער ערד.
יאָרן־לאַנג און אומעטום.
און אויבן, אויפן הימל,
איז יאָרן־לאַנג געגאַנגען די זון.

און ווי געוויינלעך,
פלעגט זי אויפגיין יעדן טאָג אין מזרח
און אין מערב־זייט פאַרגיין.
אָט אַזוי ווי פאַראַיאָרן,
ווי מיט יאָרהונדערטער צוריק
און היינט.

יאָרן־לאַנג,
יאָרן־לאַנג
אַרויסלאָזן זיך פלעגט זי
פון איר פוטערפּאַס
מיט אירע שטראַלנדיק־באַגילדטע שפּיזן
און ווי, סקאָצל קומט, אַ ליבער גאַסט,
איבער קאָנטינענטן, לענדער,
שטעט און דערפער
זיך באַווייזן,
נאָר אויסגעמיטן האָט זי
אונדזער קרומע,
אונדזער גרויע,
אונדזער אומעטיקע גאַס.

און אויף די שפּיצן־פינגער
און מיט אויסגעדאַרטע,
אויסגעקוואַרטע
הענט
און טענות
פלעגט זיך אויפשטעלן און מאָנען אונדזער גאַס:
— גיט אָפּ די זון!

ווייל יאָרן־לאַנג,
יאָרן־לאַנג
האָט זי אַליין
נישט באַשטימט איר גאַנג.
דאָ, אונטן, אויף דער ערד,
האָט מען אָנגעצייכנט דעם מאַרשרוט
פאַר אירע הייכן.
דאָס האָט מען איר געוויזן אויף דער ערד
וווהין צו גיין, וווהין צו לייכטן,
וווהין צו העלן,
ווו פאַרשפּעטיקן,
און ווו פאַרפעלן.
און ווען זי וואַרעמט ליב און גוט
אין העלן זאַמד,
אויף גרינע בערג,
ביי שיינע ווילעס —
זי קומט אַמאָל צו אונדז אין היץ,
אין שטויבן,
און קוקט אַריין אין וואַרשטאַט, אין פאַבריק,
ווי דורך שוואַרצע ברילן —
דורך פאַררויכיקט־טונקלע שויבן,
דורך קרומען דאַך,

דורך ענגן הויף.
וואַרפן מיר אַרויס פון דאָרטן אונדזער טענה
און פאַרלאַנג
פון יאָרן־לאַנג,
פון יאָרן־לאַנג:
— גיט אָפּ די זון צוריק!
צי ווייסט איר יאָ, צי ווייסט איר נישט דערפון —
איר זענט אונדז אַ בעל־חוב.
— גיט אָפּ די זון!

באַרג - אַרויף

מיר האָבן שטייפֿע הענט וואָס קענען שמעטערן
און גיך פֿאַרהאַמעוועון דעם ווילדסטן לויף,
און יונגע גיכע פֿיס, וואָס קענען קלעטערן
צו העכסטע באַרגשפּיצן אַרויף, אַרויף.
העי, מיר קלעטערן!

די נידער לייגט זיך שוין, דער טאָל דערווייטערט זיך,
דעם טאָל, אים לאָזן מיר שוין אונטער אונדז,
די גרינע רחבותן מיט גנאָד פֿאַרשפּרייטן זיך,
אַ גאָלדן טישטעך דעקט זיי צו — די זון.
העי, צו דער זון!

די פֿעלדער קעסטלדיק־צעשטרייפֿט — מאָזאַיִקעס,
ווי גוט איז אונדז צו זען זיי פֿון דער הייך!
מיט אָטעמס לופֿטיקע, מיט דופֿטיק־מאַיִקע,
צו העכסטע באַרגשפּיצן דערלאַנגען אייך!
העי, דערלאַנגען!

מיט וואָלקן אויפֿן קאָפּ, דורך ווינטן ציענדיק,
ווי מיט אַ פֿלאַטערדיקער ווייסער פֿאָן —
שוין גיבן שטאָלצע בערג זיך אונטער קניִענדיק
און יעדער אונטערטעניק בייגט זיך אָן.
העי, איר שטאָלצע בערג!

איר וועט אין אייער פּראַכט דאָ שענער שיינען נאָך —
מיר קומען אָן צו אייך, מיר קומען, הערט!
ס׳גייט אונדזער האַרטער טראָט אייך איצטער איינעמען,
ווייל איר צו אונדזער יונגן טראָט געהערט.
העי, אייך איינעמען!

אָוונט

אָוונט. לעבןביידע זייטן טייך
ליגן טראַטוועס אין שלווה און אין רו,
אַלעביימער־קלעצער אָטעמען פייכט
און הערן זיך צום פּליעסק פון וואַסער צו.

דאַכט זיך, ס׳וואַסער זינגט דורך אַלע שפּאַלטן
אַזאַ אַלטן, לאַנג־פאַרגאַנגענעם מאָטיוו,
גייט-אויס אַן עכאָ ערגעץ־ווו באַהאַלטן
אין טשערעמאָש, אין קילער וואַסער־טיף.

ליגן איצט ביי ביידע זייטן טייך
די טראַטוועס אין דער אָוונטיקער רו,
קומט אַראָפּ די לבנה פון דער הייך
און זעצט זיך ביי די טראַטווע־קלעצער צו.

ס׳איז ווייל איר, דער לבנה, ווייל און גוט
וואָס אויבן דאָרטן וווינט זי, אין דער הייך,
האָט נאָך קיינער אויף קיין רגע, קיין מינוט
אפילו נישט דערלאַנגט צו איר, זי נישט דערגרייכט.

ס׳האָט אַלץ נאָך נישט אין איר קיין גרענעץ־סלופּ
ווי אַ שאַרפער צאָן זיך איינגעביסן ווילד,
לאָזט זי יעדן אָוונט זיך אַראָפּ
צו וועלכן ברעג און וועלכן לאַנד זי וויל.

זי האַלט נישט פון קיין גרענעצן מסתמא,
די לבנה, וואַרפט זי זיך אַריין אין טייך
און אויף שטיקעלעך צעברעכט זיך דאָרט — מתנות
פאַר ביידע ברעגן, ביידע לענדער גלייך.

איצטער קלינגט מיט איר דער גאַנצער טייך,
קלינגט באַנג אַזוי און לאַנג, קלינגט שיין... —
אָטעמען אַלע טראַטווע־קלעצער פייכט
און הערן, הערן שטיל פאַרגאַפּט זיך איין.

עס כאַפּט זיך אויף דער וואַלד...

עס כאַפּט זיך איצטער אויף דער וואַלד און שטוינט
און צו מיין ליד ער האָרכט זיך איין און האָרכט
און ס׳בייגט זיך בלעטער־קרוין צו בלעטער־קרוין,
ווי שטיל מיט סודות וואָלטן זיי געשאָרכט.

אַ קרייז פון יונגע קעפּ צונויפגעדרענגט
און צווישן זיי די סטראָפן מיינע פאַלן.
ס׳האָט דאָ ס׳געהער פון קיינעם נישט געבענקט
צום שעפּטש פון בלעטער און געזאַנג פון נאַכטיגאַלן.

געקומען זענען זיי צו הערן דאָ מיין ליד
און פאַרזיכטיק אין וואַלד האָט מען געטראָטן,
די טונקלעניש פון וואַלד האָט מיך געהיט,
און שטאָט אַפּלאָדיסמענטן — בלעטער מיר געשאָטן.

דער טונקלער וואַלד האָט מער זיך נאָך פאַרצווייגט
און מיין כתב־יד פאַרדעקט מיט שטיקלעך סכך.
געדאַכט האָט מיר, ער הערט זיך איין און שווייגט
און שטעלט אַליין אַוועק זיך אויף דער וואַך.

נאַכט אין די בערג

נאַכט אין די בערג.
אויף ביידע גרענעצן, אויף ביידע זייטן,
בילן הינט,
אָפּגעלאָזטע פון די קייטן,
נאָר ס׳איז שווער שוין צו דערקענען
וועלכע בילן
קומען איצט פון וועלכער זייט.

עס האָט די חשכות אויסגעמישט
באַרג און טאָל,
טיף און פלאַך,
און שטיבעלעך צעזייטע,
אין דער פינצטערניש צעוואָרפענע, צעשיטע,
און ווו זענט איר אַהינגעקומען איצטער,
ווישניץ און קיטעוו? *
און ווו ביסטו,
לאַנד פון מאַמעליגע,
ווייַן און ווייַנענדיקע דאָינעס?
כ׳מעג זיין אַ פרעמדער, צי אַ היגער,
אַ פריינט, צי גאָר אַ שונא —
ס׳האָט אַלץ און אַלעמען
די פינצטערניש דאָ אויסגעגלייכט
און אין איר
זענען ביידע גרענעצן פאַרלוירן געגאַנגען —

זי האַלט נישט פון קיין גרענעצן די נאַכט.

---

* צוויי גרענעץ־שטעטלעך, ווישניץ אויף דער רומענישער זייט און קיטעוו אויף דער פוילישער זייט.

ערגעץ־ווו פֿאַרשטעקט אין פֿעלד,
וואָס די נאַכט האָט אָפּגעפֿאַרבט אויף שוואַרץ זיין גרין,
אָן אויפֿהער גרילט אַ גריל,
ווי אַ געהיימע מאַנדאָלין,
זיצנדיק אַ זיכערע און זינקענדיק אין זינגענדיקע זאַנגען.

עס זיצן די בערג ווי שטיקער שטילקייט,
און ווילן, דאַכט זיך,
איינער צו דעם אַנדערן דערלאַנגען.
די נאַכט דערנענטערט זיי,
בייגט־אָן איין קאָפּ צום צווייטן.
ס'איז שטיל.
אויך איך בייג־אָן מיין קאָפּ צו זיי אַריבער,
און מיר דאַכט
אַז אין דער שטילקייט הער איך
געשרייען פֿון דער סיגוראַנצע קעגנאיבער,
און נאָענט לעבן מיר
הילכן אָפּ די ווידער־קולות,
איינער נאָכן צווייטן...

און ס'איז שטיל,
און ס'איז טיפֿע, טיפֿע נאַכט.
און ס'בילן די הינט אויף ביידע זייטן...

צום באַרג אָווידיוש

אָ, נישט ווי אין אַ הייליקן געבעט
פֿאַרהייב איך דאָ מיין קאָפּ צו דיר,
נאָר מיט די סאַמע פּשוטע און צאַרטע רייד
וויל איך זיך איצטער אויסטענהן מיט דיר.
אָ, אָווידיוש!

דיין שיינקייט רייסט זיך צו מיין ליד,
עס רייסט מיין ליד זיך צו דיין שיינקייט,
נאָר כ׳וויל פֿאַר אַלעמען דיין גרינע רו,
פֿאַר אַלעמען וויל איך דיין גרינע שיינקייט.
אָ, אָווידיוש!

דו צינדסט זיך ווי אַ פֿלאַקערדיקער שייטער אָן
אין זון־אויפֿגאַנג און שקיעהדיקן מערב,
אין רעגנס און אין נעפּלדיקן גראָ
זעסטו אויס פֿון וויטן ווי אַ טונקלע כמאַרע.
אָ, אָווידיוש!

דיין נאַקן, דוכט מיר, האַלט אונטערגעשפּאַרט
דעם הימל וואָס ער איז צו דיר אַראָפּגעלאָזן,
און ערגעץ אין אַ קנייטש, אַ ווינקעלע פֿאַרשאַרט,
באַהאַלטסט אַ שטיבעלע, פֿאַרשטעקט אין דיינע גראָזן.
אָ, אָווידיוש!

אויף דיינע שטיבעלעך באַהאַלטן און אויף דיר
טוריסטן שטעלן אָן די פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן,
צום אָנדענקען זיי ווען מיטנעמען מיט זיך
דיין בויט וואָס גייט אַרום פֿאַרדעקט מיט שמאַטעס.
אָ, אָווידיוש!

די דאַמען וועלן טיילן צוקערלעך די קינדער,
זיי זאָלן שטיין מיט שמייכלענדיקע זיסע ליפּן,
זיי וועלן ווייזן מיט די פינגער אויף די בילדער:
אַך, וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרע טיפּן!...
אָ, אָווידיוש!

עס איז פאַרצוימט דער וועג צו דיר אַרויף העט־העט
מיט באַנען, שטרעקעס — קען איך נישט צו דיר דערלאַנגען,
און ווי עס איז געווען דיין ווידערשפּעניקער פּאָעט,
ביסט דו אויך יאָרן־לאַנג פאַר אונדז געפאַנגען.*
אָ, אָווידיוש!

נאָר קומען וועט מען נאָך צו דיר אויף זיכער
מיט ווייטע שטרעקעס, אויטאָס און מיט באַנען,
עס וועט געוויס נאָך ליב זיין דיר און ניחא
ווען אויף דיין רוקן וועסט אונדז הערן שפּאַנען.
אָ, אָווידיוש!

איך וועל דער ערשטער קומען און מיט מיינע טריט
דיך אויפוועקן און אַנטאָן דיך אין אונדזער יונגן חן,
ס'וועט דעמאָלט אַנדערש פרייען זיך מיט דיר מיין ליד —
וועסט יעדנס זיין — און דו וועסט שענער זיין.
אָ, אָווידיוש!

קיטעוו־וואַרשע, 1935

---

* אָווידיוש איז פאַרשיקט געוואָרן דורכן קייסער אָקטאַוויאַן, וועמען דער דיכ־טער האָט אַנגעגריפן אין זיינס אַ ליד. אָווידיוש, וועלכער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט אומגעקערט צו דער פרייהייט, איז אומגעקומען אויף זיין פאַרשיקונג. די לעגענדע דער־ציילט, אַז וואַנדערנדיק צו זיין גלות זאָל דער דיכטער האָבן דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן באַרג און דערפון — זיין נאָמען אָווידיוש.

באָריסלאַוו

פּרעליוד

פון בויער-טורעם, וואָס אויף נאַפּטפּעלד וואַכט,
נידערט שטיל די נאַכט אויף באָריסלאַוו.
ס'איז מיין בליק געפאַנגען אין דיין פּראַכט,
אין דיר געפאַנגען שטיי איך, שטוין און גאַף.

מיר דאַכט, ביסט אין אַ נעץ פון ליכט פאַרשפּינט.
די לעמפּלעך דיינע ציטערן און שימערירן.
זאָל איך דיר זאָגן, דו זעסט אויס אַצינד
ווי אָנגעטאָן אין בלישטשענדיקן צירונג?

לעמפּלעך טויזנטער אין ווייטע טונקלע בערג,
אין חשכות — פונקען אינעם אַש וואָס טליִען.
איך רייס מיין בליק פון אונטער אייך אַפּער —
אַ שמעטערלינג אין ליכט — באַוועגט מיין וויִע.

מיין בליק דיך עגבערט ווי דער שאַרפער שטאָל.
דו ווילסט נישט, באָריסלאַוו, פון צירונג-לעמפּלעך הערן.
זאָל איך דיר זאָגן, דו זעסט אויס ווי ס'וואָלט
דער הימל דיך באַשיט מיט אַלע שטערן?

אַ פּאַנאָראַמע, וואָס מיין בליק פאַרנאַרסט,
אַדורכגיין ווילסטו אַנדערש דורך מיין זינען?
כ'פאַרהייב דיין שימערירנדיקע נאַכט
ווי גאָלד-געשפּינט-געהאַפטענע קורטינע.

ביי אַ נאַפּטברונעם...

ביי אַ נאַפּטברונעם בשכנות,
כ׳וווין דערנעבן דאָ אין הויף,
ערגעץ רוישן, קלינגען שטאַנגען,
ערגעץ דרילעווועט אַ שרויף,

לאָזט מיך מיט קיין אויג נישט צוטון,
שרויפּט זיך איין אין מיר ביינאַכט,
און דער טורעם ווי אַ שומר,
ווי אַ שוואַרצער שומר וואַכט.

ס׳ווייסט דער בויער-טורעם קיינמאָל
וואָס עס מיינט געשטילט, גערוט,
ווי אַ פּיִאַווקע, אין חלום,
צאַפּט ער אָפּ פון מיר מיין בלוט.

כ׳הער, מען קומט צו מיר מיט כלים,
איבער מיר ווער ס׳וויל נאָר, שאַפּט.
שטעכט זיך איין אין מיר דער עגבער
און מען זויגט פון מיר דעם נאַפּט.

אויף הפקר-פעלד...

אויף הפקר־פעלד פון אויסגעשעפּטע ברונעמס,
וווּ ס׳האָט זיך שוין פון לאַנג די טראַכט פון נאָפט פאַרמאַכט,
דאָ האַנדלט מען מיט וואָס מען וויל בייטאָג,
דאָ האַנדלט מען מיט וואָס מען וויל ביינאַכט,
בייטאָג אויף שטעלן, סטראַגאַנעס און ביידלעך,
ביינאַכט אויף נאַקעטער און קילער ערד.
דאָ ווערט פאַרקויפט בייטאָג דאָס העמד פון לייב,
דאָ ווערט פאַרקויפט ביינאַכט דאָס לייב פון העמד.
און אין דער טונקלעניש פאַרהילטע שיקן מיידלעך
לופטקושן און שמייכלען — אַדערויפן,
פריינטלעכע פאַרבעטעגישן צו פאַרוויילונג,
און וווּ עס פלעגט זיך שטאָל מיט ערד באַהעפטן,
וווּ דער זוכנדיקער עגבער פלעגט זיך שרויפן,
אַ גוף אַ גוף באַרירט אין מסחר און אין גליק,
און בלויז די צניעותדיקע שטערן קערן אָפּ דעם בליק
איבער הפקר־פעלדער, שטוינענדיק, פאַרטראַכט,
וווּ ס׳האָט זיך שוין פון לאַנג די טראַכט פון נאָפט פאַרמאַכט.

אַז עס גיט די ערד אַ שפּריץ...

אַז עס גיט די ערד אַ פּליוכע
טרעט מען שוין פֿון איר נישט אָפּ,
גיט מען איר נישט קיין מנוחה,
ווייל אַ וועלט מיט אַרבעט גיט זי,
ווען עס נעמט איר נעקטאַר שפּריצן,
אַרבעט פֿול איבערן קאָפּ.

ווען זי גיט איר טראַכט אַן עפן
און זי גיסט מיט מזל, שפע,
גיסט מיט ברכה און מיט זעט,
שטייט מען איבער איר געבויגן,
מיט אַ צאַפּל אין די אויגן,
ווי ביי קימפּעטאָרינס בעט.

אַז עס גיט די ערד אַ פּליוכע,
יעדן טראָפּן צו פֿאַרזוכן
גרייט מ׳איז נעמען אויף דער צונג,
טשמאָקען און אים אויספּרובירן
און דעם גוטן טעם דערשפּירן,
מיט די ליפּן טאָן אַ קלונג.

אַז די ערד מיט נאַפּט נעמט שפּייען,
ווישט מען נישט דאָס שפּייעכץ אָפּ,
ס׳קען דאָס שפּייעכץ נישט פֿאַרשעמען,
אדרבא, זאָל זי נעמען
אָנשפּייען אַ פֿולן קאָפּ,
שפּייען זאָל דער גאַנצער גלאָב.

גוטע מאַמע־ערד געטרייע,
זאָלסט נישט אויפהערן צו שפּייען
פאַר די נאַפט־באַזיצערס וועגן,
קיינער וועט זיך נישט באַקלאָגן,
אויף דיין שפּייען וועט מען זאָגן
אַז עס גייט אַ רעגן...

נאַפט...

דיך מעלקט מען פון פעלדער און בערג ווי פון אייטערס,
ציַנדסט־אָן אויפן שלאַכטפעלד די מענטשישע שייטערס.
ווי בלוט אין די אָדערן שטראָמסטו אין רערן,
און טראָפנווייז רינסטו ווי שווייס און ווי טרערן.
ביסט שיכּרות־געטראַנק אין באָקאַל פון פּאַלאַצן,
דו שמעקסט ווי פּאַרפומען אויף זיידענע לאַצן.
פון בלאָטע אין גאָלד ווערסט געזיפּט און געלייטערט,
דורך דיר ווערט סכּנה און אומגליק דערווייטערט.
דעם מעכטיקן אָדלער־פּאַרמעסט יאָגסטו איבער,
דו טראָגסט זיך אין הייכן, דו נידערסט אין גריבער.
בייגסט־צו קאָנטינענטן ווי קעפּ פון פּאַרליבטע,
ביסט טריוואַקס אין חתימות פון אַקציעס פּאַרקניפּטע.
ס׳באַדעקן דיך שטאַנגען ווי צירונגען פּרויען,
דיך טרינקט מען דורך פילטערס ווי זאַפטן דורך שטרויען.
עס מישט דיך דער שטאַנג ווי דער לעפל פון קוכער,
אין שליים דיינעם נישטערט ער — זוכער־פּאַרזוכער.
ווי כלבים אַ מאַרכביין מען קומט דיך באַשמעקן,
מען לאָזט זיך אַראָפּ מיט חניפה דיך לעקן.
עס טראָגט זיך פון דיר דאָס געזאַנג פון מאָטאָרן,
אין לויף יאָגסטו איבער עפּאָכעס און יאָרן.
פון שלאַכטן אויף בר־מינגס ביסטו דער שטעמפּל.
פּאַרפעלט האָסטו אָפּט ביי מיין טאַטן אין לעמפּל.

באַריסלאַוו — וואַרשע, 1935

איבערזעצונגען

ג. פון דער פוילישער פּאָעזיע

יוליאַן טוווים

דערמאָנונג

כ׳האָב געהאַט אַ שליאַך אַ צעשטראַלטן
און אַ וווּנדערלעך הויז ביים זוים...
ס׳איז אומעטיק מיר אויף מיין האַרצן,
ס׳איז אומעטיק איצטער מיין טרוים...

און געווען אין מיין הויז איז אַ פענצטער
אין דער אַלטער און גוטער צייט,
אַרויסקוקן פלעג איך מיר דאָרטן
אין דער רואיקער וועלט ערגעץ ווייט...

כ׳בין אפשר איין טאָג בלויז געווען דאָרט
און אפשר יאָרהונדערטער־לאַנג...
איך ווייס נאָר, אַז איינמאָל געפאַלן
אַ שניי איז דאָרט זויבער און בלאַנק.

און קינדיש מיין הויז האָט געשמייכלט
אין זון, ביי דעם שליאַך, ביי דעם זוים!
ס׳איז אומעטיק מיר אויף מיין האַרצן
און מיין ווייסן, פאַרגאַנגענעם טרוים.

אויפֿן באַלקאָן

אויף מיין באַלקאָן דאָ שטיי איך,
פֿאַרבראָכן כ׳האָב די הענט
און צו דעם פֿרילינגס־הימל
מיין גרויען בליק געווענדט.

דער בעז פֿאַרכאַפּט מיין אָטעם,
דער ווייטיק נעמט מיך דורך,
ס׳פֿאַרהילט אין זייד מיין פּנים
אַ גרינגער הויך ווי פּוך.

עס קלאָגט דער בין־השמשות,
אַז מירן זיך צעשיידט,
מיט צוגעמאַכטע אויגן
איך זע דיך אין דער ווייט.

אויף דיין באַלקאָן דאָרט שטייסטו,
פֿאַרבראָכן האָסט די הענט
און צו דעם פֿרילינגס־הימל
דיין בלויען בליק געווענדט.

בלינדע

בלינדע גייען שמייכלענדיק, אַנטציקטע,
ווי זיי וואָלטן הייליקע געוואָרן,
מיט אַ רייפל זון אין דעם זכרון,
פאַרקוקט אין זייער קינדערישן הימל, ווי באַגליקטע.

דורך די טונקל־בלויע ברילן
אויף אַ טאַשמע ליכטפלעקן שווימט אַפּ די וועלט.
אָן די טונקל־בלויע ברילן
איז זי אויך די זעלבע וועלט.

זיי בייגן זייטיק אָן די קעפּ,
מיטן שטעקעלע אין ברוק: פּוק, פּוק,
מיטן שטעקעלע אין וואַנט: סטוק, סטוק,
אָט דאָ איז די לאַמטער, אָט דאָ דער ראָג,
זיי גייען צו דער רעסטאָראַציע,
שפּילן אויף די פידלען זייערע ביי דער קאָלאַציע,
זיי שמייכלען־צו מיט גנאָד,
ווי הייליקע פון גאָט,
פּוק, פּוק, סטוק, סטוק,
פירט אונדז בלויז אַריבער ביז צו יענעם ראָג,
דאָרטן דאַרפן מיר פאַרקערעווען דעם טראָט,
נאָכדעם פּאָכען מיטן שטעקן פאַרזיכטיק, געניט,
אין פוסטן חלל פון די טויערן די פיר,
נאָכן פערטן אויסמעסטן אַכט שריט,
די קרומע קליאַמקע גלייך אַ דריק טאָן בלויז,
עס גיט מיט ביר און וואַרעמקייט אַ זעץ אַרויס:
דאָ דאַרף עס טאַקע זיין די טיר.

נישטאָ קיין לאַנד...

נישטאָ קיין לאַנד, פון וואַנען כ׳וועל נישט בענקען
צו יענע גרויע גאַסן פון אַמאָל.
ס׳פאַרוואַנדלט זיך נצחון-רוף אין יאָמער,
ס׳פילט אָפּ זיך די אַמאָליקייט אין אַלצדינג מיטאַמאָל.

נישטאָ קיין ערד, ווו רו וואָלט איך געפונען
אָן יענעם גרויען, דעם אַמאָליקן, וואָס איז געווען.
ווייל אומעטום, ווייל אומעטום פאַר מיינע אויגן
איז אַלץ נאָך, אַלץ נאָך דאָ צו זען.

גאָרנישט, גאָרנישט שטילט מיך איין, באַרואיקט,
גאָרנישט אינעם אימפעט האַלט מיך איין.
ס׳זענען שטענדיק אויפגעמאַכט די הימלען
איבער מיר — די ערד פון מיין געביין.

נישט העלפן וועלן שוין קיין שום נסיעות,
נישט קיין המונים, אָקעאַנען, ווייטע ערד.
כ׳זאָג תּפילה אויף די גאַסן וואָס אַמאָל אַלץ לענגער
אַ פאַרקוקטער, אַ פאַרקלערטער, ערגעץ איינגעהערט.

נישט העלפן וועלן שוין די וווּנדערלעכסטע ווערטער,
נישט ווילדע הימנען, נישט קיין הפקרער געיעג.
און וואָס עס זאָל נישט זיין — עס וועלן קומען ווידער
די אַלטע תּפילות, וואָס איך זאָג זיי אַלע טעג.

איך רוף, איך רוף, אין יאוש ברעך איך מיינע דלאָניעס,
מיין גאָט! לאָז אויפשיינען אין הימל־הייך דיין שווערד.
און ער — ער וואַרט אויף מיר דאָ אויף די גאַסן:
דאָס גרויע מענטשל, מיין באַקאַנטער, פּראָסט ווי ערד.

אַ ווײַלע

אַ טרומנעלע אַ זילבערנס געשטאַנען איז אין דער וויטרינע,
און פֿאַרן פֿענצטער, אויף דער גאַס — אַן אָרעם מיידעלע, אַ דינע.

זי האָט אַרײַנגעקוקט אין שויב און אין איר אָפּבילד וואָס דערנעבן,
געקוקט אין טויטן־טרומנעלע און אין איר נישט־געלעבטן לעבן.

און האָט, נישט קוקנדיק, געקוקט; נישט וויסנדיק געוווּסט, באַנומען;
און הילף גערופֿן ווײַט אויף ימען, ווו זי איז אַצינד געשוווּמען!

עמעץ

ערגעץ ביי אַ שיידוועג, צופֿוסנס פֿון אַ בוים,
אַ גרוב מ׳האָט אויסגעגראָבן, אַן אומעטיקן תהום,
מ׳האָט עמעצן באַגראָבן, אָן ברעטלעך אים פֿאַרשיט:
פּיאָטער יעפֿימיענקאָ, אָדער יאָהאַן שמידט.

מ׳האָט עמעצן באַגראָבן — בלויז איין גאָט ווייסט ווער,
מ׳האָט אים אונטערוועגנס באַהאַלטן אָן אַ טרער,
אונטער די האַרמאַטן געפֿאַלן פֿונעם שניט,
פּיאָטער יעפֿימיענקאָ, אָדער יאָהאַן שמידט.

ווו ביסט געפֿאַלן, ברודער, די ערד נעמט דיך אַרום,
אין צער זאָל זיך צעבליִען אויף דיין גרוב אַ בלום!
און ווער ס׳זאָל דאָרט נישט ליגן — די בלום וועט זיין צעבליט:
צי פּיאָטער יעפֿימיענקאָ, אָדער יאָהאַן שמידט.

1915

דער אומבאַקאַנטער בוים

ווו ביסטו, שטאָלצער בוים, דו שטאַרקער גיבור,
מיט רוישנדיקע בלעטער אָן אַ צאָל,
מיט וואָרצלען־קנופּ אין טיפער ערד פאַרוואַקסן,
פון וועלכן ס'וועט מיין אָרון זיין אַמאָל?

איך מוז באַקענען דיך, אין קאָרע קלאַפּן,
דורך טיפע וועלדער רופן דיך העט ווייט:
ווו ביסטו, בוים געהיימער פון דער טרומנע?
דיין חתן קומט דיך זוכן היינט, זיי גרייט!

ער בלאָנקעט ערגעץ אום אין שוואַרצן אורוואַלד,
דעם בוים זיינעם ער זוכט אַלץ אָן אַ סוף,
רויש־אויף צו אונדזער אייביקייט נאָך איידער
איך וועל מיט דיר זיך לייגן צו מיין שלאָף.

מיר דאַרפן זיך דאָך אָפּרעדן נאָך פריער
אויף יענע שטערבלעכע יסורים, יענע פּיין,
ווען ס'וועט באַשערט זיין אונדז אַמאָל אין אין־סוף
פאַרוואַנדלט זיין אין אַש און חומר זיין.

אויף טראַטוועס אפשר, איבער בלויע כוואַליעס
פון גאָרער ווייט וועסט צושווימען צו מיר,
און כ'וועל זיך שעמען וואָס איך האָב, מיין שכן,
אַזש ביז צום טויט זיך נישט באַקענט מיט דיר.

און אפשר וואַקסטו פאַר מיין הויז, בשכנות,
מען גריסט זיך יעדן טאָג, כאָטש אומבאַקאַנט,
און ס׳האָט דיר אפשר עמעץ אין דיין קאָרע
ליבע־אותיות אויסגעשניטן מיט דער האַנט.

איך וואָלט גערעדט מיט דיר גאָר לאַנג און האַרציק,
אין טרויער דיך פאַרהילט, גערירט דיך מיט מיין ליד,
אַז דו זאָלסט אָט די שוואַרצע ערד צעשפּאַרן,
צום חידוש פונעם גרוב זאָלסט ווידער זיין צעבליט.

אַז דו זאָלסט מיך אין דיר אויפסניי פאַרפלאַנצן,
אַרויסרייסן פון דר׳ערד, וואָס מיך פאַרדעקט,
עס וועט אַן אָדער זיך מיט דעם געצווייג פאַרקניפּן
און מירן זיך פאַרביימערן, פון קבר אויסגעשטרעקט.

ס׳וועט אפשר מיט אַ זיפץ פון טיפקייט אונדז פאַרהייבן
די ערד וואָס איז צום הימל הויך געשטרעקט,
די ערד די איינציקע, די ערד פון מיין געבוירן,
מיט אָט דעם גרוב וואָס ווי אַ וווּנד אין האַרצן שטעקט.

מעלאַנכאָליע פון שטייענדיקע ביי ווענט

די שטאָט האָט אויך איר אומעט, פאַרקלערט, אין זיך געוועוועדט:
מען טרעפט דאָרט מאָדנע מענטשן וואָס שטייען ביי די ווענט.

זיי שטייען אָנגעבויגן, פאַרקוקטע אין איין זייט,
קען זיין, זיי טרוימען אפשר פון אַ וווּנדער־צייט.

זיי שטייען אומבאַוועגלעך, פאַרטראַכטע שעהען־לאַנג,
און גרוי, ווי די מרחקים פון גאַסן, גרוי און באַנג.

ווי מענטשן אָן זכרון זיי קוקן טעמפּ און סתם...
נאָר וועקט זיי נישט, זיי זענען הייליקע מסתם.

יאָ, הייליקע, כאָטש דרימלען ביי דעם פּלויט פון הויז,
זיי ווייסן פון דעם גאָרנישט, נאָר איך, איך ווייס דאָס בלויז.

אַלטיטשקע

מיר קוקן צו דער גאַס און טראַכטן
דורך דעם לאָדן האַלב־פאַרמאַכטן.

מיר קושן פרעמדע קינדער־קעפּלעך
און מיר באַגיסן בלומען־טעפּלעך.

מען לעבט, ווי גאָט באַשערט אויף שפּעטער,
מען רייסט פון קאַלענדאַרן בלעטער.

די מוטער

1

אויפן יידישן לאָדזשער בית־עולם
איז דאָ, צווישן דערנער און שטאַמען,
דער פּוילישער קבר מיין מוטערס,
דאָס איז פון מיין יידישער מאַמען.

דער קבר מיין מוטערס פון פּוילן
און איידעלער יידישער טאָכטער,
פון ווייסל געבראַכט צו דער לודקאַ —
צום טייכל פון שטאָט מיין פאַררויכטער.

ס'דריקט־צו אַ מצבה־שטיין ס'קבר,
און איבערן שטיין, צווישן גרעזער,
די לאָרבער — אַ ביסעלע בלעטער,
געפאַלן איז פון אַ בערעזע.

און ווען דאָרט אַ ווינטל אַ זוניקס
שפּילט גאָלדיק מיט זיי זיך, אין אותיות:
פּאָלאָניאַ און קאָמאַנדאָריאַ*
די בלעטער אַליין לייגן אויס זיך.

2

עס האָט אַ פאַשיסט זי דערשאָסן
ווען זי האָט געטראַכט וועגן מיר,
עס האָט אַ פאַשיסט זי דערשאָסן
ווען זי האָט פאַרבענקט זיך נאָך מיר.

---

* פּוילישע מלוכה־אָרדנס.

געצילט — און דערהרגעט די בענקשאַפט,
און ווידער געצילט דאָס געווער,
אַז נאָכדעם... — נאָר נאָכדעם צו טויטן
איז גאָרנישט געווען שוין מער.

די מאַמישע וועלט דורכגעשאָסן:
צוויי טראָפּן פון צערטלעכסטן רוף,
צום הייליקן ברוק דעם אַטוואָצקער
פון פענצטער געשליידערט דעם גוף.

געדענק־זשע, מיין טעכטערל איינציקס!
איר אייניקלעך שפּעטע, דערהערט!
דאָס וואָרט איז מקוים געוואָרן:
„דערגרייכט אידעאַל האָט די ערד...״ *

פון רום־פעלד איך האָב זי גענומען,
דער מוטער־ערד כ׳האָב זי געשענקט...
דער מת אָבער, דער פון מיין נאָמען,
עד־היום נאָך ליגט דאָרט און בענקט.

---

* די ווערטער זענען פון פוילישן פּאָעט ציפּריאַן נאָרוויד.

אַ ייִדיש ייִנגל

עס זינגט דאָרט אויפֿן הייפּל, אין שמאַטעס איינגעטוליעט,
אַן אָרעם ייִדיש ייִנגל, צעטראָגן, טאַנצט און הוליעט.

צעמישט האָט גאָט זײַן שׂכל, פֿאַריאָגט אים האָבן לײַטן,
צעדרייט זײַן לשון האָבן דער וואָגל און די צײַטן.

קלאָגט ער, מאַכט העוויות, מאַכט פֿריילעך אויף זײַן אופֿן,
און וויינט וואָס ער אין עלנט מוז בעטלען אין די הויפֿן.

אַ מאַן פֿון ערשטן גאָרן זעט אים אין זײַן צערודער:
זע, אָרעמער, מײַן ברודער, דײַן אומעטיקן ברודער.

ווו האָט מען זיך פֿאַרלוירן? פֿון וואַנען אונדז פֿאַרטראָגן
אין גרויסער וועלט אין פֿרעמדער, פֿול ביטערניש און פּלאָגן?

דער מאַן פֿון ערשטן גאָרן, דײַן ברודער דער צעדולטער,
ער טאַנצט מיט קאָפּ צעגליטן, זײַן טאַנץ די וועלט פֿאַרפּולט ער.

דער מאַן איז אויסגעוואַקסן אַ דיכטער הײַנט בײַ לײַטן:
דאָס האַרץ זײַנס, ווי אַ גראָשן, פֿאַרוויקלט אין אַ צײַטונג

און וואַרפֿט עס דורכן פֿענצטער, עס זאָל צעבראָכן ווערן,
אַז דו זאָלסט עס צעטרעטן, מען זאָל עס מער נישט הערן!

נאָכדעם וועט זיך יעדער גיין זײַן וועג באַזונדער
אין אומעטיקן וואַנדער, אויף הפֿקר און בייז־וווּנדער.

מיר וועלן שוין נישט וויסן פֿון אָפּשטעל און פֿון פֿרידן,
מיר זינגענדיקע ייִדן, מטורפֿדיקע ייִדן.

וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

זאָרג און געזאַנג

וואָס איז נאָך אין דעם לעבן פאַראַנען?
נאָך אַ יאָר און נאָך צוויי און נאָך איקס...
די מחשבות ווי שוואַרצע שוואַנען
שווימען אָפּ מיט דער וויסל צום סטיקס.

כ׳האָב געוווסט וואָס דעם האַרצן קען גריזשען,
קעגן קלעפּ מיט דער ברוסט גיין פאָרויס,
נישט מיט חשבון און נישט סילאָגיזם
כ׳בוי דאָס ליד און דאָס לעבן מיר אויס.

אָבער ס׳פרעסן ווי זשאַווער די זאָרגן
פון מיין ליד וואָס אין האַרצן דערוואַכט,
בלויז געשריי וואָס אין האַלדז ווערט דערוואָרגן
שניידט די טויבקייט אַדורך פון דער נאַכט.

נאָר כ׳בלייב יונג אין געשריי, אין מיין שטרעבן,
אויב אַ דונער — אין מיר זאָל אַריין!
אַט דער וועלט כ׳וועל זיך נישט אונטערגעבן,
אַט דער וועלט וועל איך אויסרופן: ניין!

און ווען איך וועל שטאַרבן...

און ווען איך וועל אַמאָל שטאַרבן,
ווייבאַלד אַזוי מוז עס זיין,
דו זיי נישט דערביי, גיב נישט עצות,
איך וועל שוין באַווייזן אַליין.

כ׳וויל האָבן די אויגן אָפן
און דעם קאָפּ אַרויפצו געווענדט,
כ׳וויל שטאַרבן אַזוי — האַלב שפּאַסיק,
ס׳געווער זאָל מיר זיין אין די הענט.

דער ווינט זאָל מיר ברענגען פון בינען
דעם וויטן געזשום, שוין פאַרשטילט,
כ׳זאָל זען נאָך די ווייסל, די טאַטרען,
אַלץ וואָס כ׳האָב געליבט און געפילט.

גענוג ס׳זאָל מיך עמעץ באַערן
מיט לויטערער טרער איבער מיר,
אַרויפלייגן זאָלן חברים
אויף מיר דעם סאָלדאַטסקן מונדיר,

אין ערד אין דער פרישער מיך לייגן
ווען כ׳פאַל ערגעץ־ווו אויף דער וועלט,
דערמאָנען מיין זעלנערשע גבורה
און ס׳פרייע געזאַנג פון אַ העלד,

דערנאָך אויפן פעלד גיין פאַרגיסן
דאָס בלוט, פונעם האַרץ אויסגעשעפּט.
דאָס איז געווען מיין ווילן,
געזונגען דערפאַר און געלעבט.

די לבנה פון דער פּאַווע-גאַס

די שיינע לבנה פון דער פּאַווע,
ווי אַן אייער־חלה, לייכט כסדר,
ווי זאָל זי וויסן, אין וואַרשע, טשיקאַווע,
פון איזאַק גוטקינד, אַ קליינעם שניידער?

ווי אין אַלע שטעט לבנות, אין וואַרשע
זי שיינט ביינאַכט, באַגין גייט אונטער,
דעמאָלט עפנט דער טאַטע דעם וואַרשטאַט,
טראַמווייען אויף מוראַנאָוו קלינגען מונטער.

דאָס גרויע הייפל האָט איציקן דערצויגן,
דריי־גאָרנדיקער דלות, קעלטן, היצן:
אין טומל, האַנדל, שמוץ איז אַלץ פאַרפלויגן,
אומגעריכט איז אויפגעוואַקסן איציק.

ס'שווערע לעבן: הערינג, ברויט, בלויז טרוקן,
וואָכן־לאַנג אַזוי כמעט, כּך־הווה.
אומעטיק פון הימל פלעגט זיך קוקן
די שיינע לבנה פון דער פּאַווע.

גיך געוואַקסן איז דער קליינער איציק —
אַ קינד זיין נישט דערלויבט איז יעדן, לײדער —
עלף יאָר קוים אַלט געוואָרן מיט אַ שמיציק,
אַ לערנייִנגל ווערט ער שוין ביים שניידער.

ווי צונייען דעם קנאָפּ פון גאָלד באַווייזן —
די לבנה? — האַלט ער אין איין טראַכטן —
און דערווייל ווערט אָפּגעקילט דאָס אייזן,
דער טאַטע שרייט: — די אַרבעט היט, גיב אַכטונג! —

אַזוי זענען אַדורך זעקס יאָר צי זיבן,
געוואַקסן טעג — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
דעם שווערן עול געשלעפּט, פון פּיין צעריבן,
ביים וואַרשטאַט פלוצים שטאַרבט דער טאַטע.

אַזויפיל אומעט איז אין מענטש געפלאָגטן,
לאַנג־לאַנג באַדאַרף מען לערנען ס׳לעבן.
איזאַק גוטקינד וואָס האָט ער פאַרמאָגט דען
חוץ זיין שניידעריי, זיין נייען, ס׳שטעפּן?

נאָר געקנעלט אין ביכער האָט ער שווערע,
אין קאָפּ הייבט אָן צו לייכטן אים, צו העלן,
ס׳האָבן אים אויף מוראַנאָוו געלערנט
אין פאַראיין די עלטערע געזעלן.

אָבער מער נאָך האָט די נויט פון שניידער
אויף דער פּאַווע, נאַלעווקעס און גענשע,
פון קינדווייז אָן געלערנט אים כסדר
ווי מיטן אומגליק ראַנגלען זיך פון מענטשן.

שווערע ווערטער טרעפט ער אָן ביים לייענען,
נייגעריק ער פרעגט זיך וואָס באַדייטן:
„בורזשואַזיע״, „קאַפּיטאַל״, וואָס מיינען
„פּראָלעטאַריער״, „קלאַסן־קאַמף״ און „שטרייטן״? —

אים פלעגן שניידערס עלטערע דערקלערן
פּאַרוואָס ווערט בלוט פון אַרבעטסמאַן פאַרגאָסן,
וועגן מאַרקסן פלעגט ער פון זיי הערן,
פון לענינען, פון ליבקנעכטן און ראָזען...

ס׳האָט דעמאָלט דער פאַראיין באַשטימט אַן אַקציע,
נישט ווערן זאָל דער לוין אין פאַך געשניטן,
געוועזן זענען שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס,
און אויפן באַנק־פּלאַץ אויך אַ גרויסער מיטינג.

ס׳שטייט איציק מיטן טראַנספּאַרענט ביים טויער
וועז פּאָליציי באַפאַלט די שטרייקערס ראַפּטעם,
מען נעמט אים צו מיט אַ צעשניטן אויער,
פון גאַס אַראָפּ אין תפיסה גלייך געכאַפּט אים.

ס׳פערטע יאָר שוין ווי אין פּאַוויאַק זיצט ער,
איציקן אַ שווערער אורטייל מאַטערט.
די שיינע לבנה פון דער פּאַווע איצטער
אויף דער פריי קומט לייכטן פאַר די קראַטעס.

זי קוקט אין פענצטער און דערנאָך נעמט איילן
צו לייכטן אויף דער דזשיקע, קאַרמעליצקע...
פון איציקן וואָס ווייסט זי צו דערציילן,
צי ווייסט ווער וואָס מיט איציקן איז איצטער?

אין פּאַוויאַק ווערן שניידערס פיל געמוטשעט,
אומעט איז אין לעבן דאָ נישט ווינציק.
נאָך אַ יאָר... און מיט אַ שטרייק אין מורדזשעל*
וועט אָנפירן אויפסניי דער חבר איציק!

---

* ראשי־תיבות פון „מוראַנאָווסקאַ דזשעלניצאַ״ — מוראַנאָווער ראַיאָן פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין וואַרשע.

פּאָסט־סקריפּטום:

(איציק שרייבט צו מיר און ער פאַרגעסט נישט
לידעד וואָס ער בעט ביי מיר און מאָנט זיך:
„שרייבט־אָן עפּעס, חבר בראָניעווסקי,
וועגן דער צעלע איין און צוואָנציק...")

די רויז פון שרון*

שוין ליכטיק און שיין איבער ירושלים,
מיט כאַמסין און רעגן איז אויס,
נאָר ס'טרערענען זילבערדיק לויטערע טראָפּנס
אויף פּעטלעך פון רויזן אַרויס.

דאָ איבער דער ערד, איגעם עבר פאַרתּפילהט,
מיט ביבלישע פּסוקים פאַרהיט.
וואָס מיינט עס די רויז פון שרון און פון וועלכן
טרוים אַרויס האָט זי געבליט?

קען זיין, אין געקלאָג פון העברעאישע לידער,
אויף שטעט אין רואינען דער טאָן,
צי האָט זי אַנטדעקט אַ כאַלדייאישער זאָדיאַק
אין שטערן־שיין פון באַבילאָן?

און אפשר איז זי פון אַ ברוין־אויגיק מיידל
מיט טויזנטער יאָרן צוריק
געפאַלן צום דנאָ פון אַ ברונעם אַ טיפן,
די בלום די געהיימע — איר גליק?

---

* דאָס דאָזיקע ליד און דאָס וויטערדיקע שטאַמען פון דעם פּעריאָד ווען דער דיכטער איז געווען אין מיטעלן מזרח מיט דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט אויף דער זייט פון די אַליאירטע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און האָט זיך צעווײַנט ווען דעם ליימקרוג מיט וואַסער
זי האָט אויפן קאָפּ זיך געשטעלט,
געגאַנגען דורך וועלדלעך פון פּאַלמעס דורך קילע,
דורך גאָלדענעם ווייצענעם פעלד.

געגאַנגען איז זי און געוויגט מיט די היפטן,
אין אויג בלויז אַ פייכטקייט ווי טוי.
פון ווייט זיך געזען האָבן די פּיראַמידן,
פון ניל האָט געפינקלט דער בלוי.

געזוכט האָב איך רויזן אַזעלכע אין סיני
און אויך אין לבנון פאַר דיר!
כ׳האָב אויפגעהערט זוכן. איך הייב אָן צו זוכן.
ס׳איז אפשר צו שפּעט שוין פאַר מיר?

און אפשר איז זי פון וואַזאָן גאָר, פון דײַנעם,
וואָס האָסט הײַנט געשענקט מיר, די רויז?
די רויז פון שרון אפשר דו אַליין ביסטו,
צי חלומסט זיך אפשר מיר בלויז?

כותל - מערבי

בלויז עטלעכע אַלטע שטיינער
און געוויין — דורך יאָרן און צייטן...
ווען כ׳וואָלט אויף נייוועלט, וויעזשבאָווע
געקענט זיי איצטער פאַרבייטן.

פון איפּס כ׳וואָלט אַוועק צו זשעמיאַנסקע
און טרערן פאַרגאָסן ווי אַן אָבל,
נאָר אין מיר איז דער אַפּאָקאַליפּס היינט
וואָס איך זע ביי די טייכן פון בבל.

עס וואָלט זיך געשלוכצט און געיאָמערט
מיט אַן אַלט ירמיהוס אַ קלאָגליד.
דאָס האַרץ נאָך סעפּטעמבער מיינט כאַאָס,
מיינט וואַרשע אין עלנט, אין וואָגלען.

אָט די שורות די גאַליקע זידן,
ס׳קענען ווערטער מער ווערטיק נישט זיין:
כ׳בין געקומען דאָ וויינען, יידן,
ביי דער מויער פון געוויין.

באָלעסלאַוו לעשמיאַן

אַ ראָמאַנס

כ׳זינג אַ ראָמאַנס, ווייל איך זינג! כ׳בין אַ זינגער געוואָרן.
זי איז אַ בעטלערין געווען און ער אַ בעטלער זינט יאָרן.

אויף אַ ראָג פלוצטהאַלבן האָבן זיי זיך ליב באַקומען,
מ׳האָט קוים ס׳געהיימניש ס׳אָרעמסטע אין שטאָט באַנומען.

ס׳קומט־אָן אַ שטערנדיקע מאַי־נאַכט מיט איר פרילינג־ניגון,
זיצן זיי — אַן אָרעם אין אַן אָרעם — אויף די קלויסטער־שטיגן.

זי גיט אים אונטער מיט באַדאַכטן ליבע־אויסדרוק הייסן
דאָ ס׳מויל צום צערטלען, דאָ — דאָס ברויט צום בייסן.

און פאַרטרוימט אַדורכגעביסן אונטער פרילינג־הימל
ס׳ברויט — מיט צאַרטקייט און די צאַרטקייט — מיטן ברויט מיט קימל.

און אונטער מאַי־השגחה האָבן זיי געזעטיקט
דעם בעטלער־הונגער, און דעם ליבע־הונגער, כאָטש פאַרשפּעטיקט.

דער דיכטער, וואָס האָט זיי געזען, דאָס לעבן ווי געפעלט אים?
צוויי הונגערס האָט ער, בלויז דאָס ברויט און ס׳מיידל פעלט אים.

מענטשן

געשלײכט האָבן פּראָסטע און אָרעמע לײט, —
מענטשן אָן צוקונפט און אָן אַ באַדײט.
איך האָב זײ געזען, איך האָב זײ געהערט!...

געגאַנגען אָן זינען, נישט בויטיק, אַהער, —
װער ס'זעט זײ — דער װעט זײ געדענקען נישט מער.
איך האָב זײ געזען, איך האָב זײ געהערט!...

געגאַנגען בײם ראַנד פונעם שאָטן, אין גראָ, —
געזאָגט האָט נישט קײנער אַז זײ זענען דאָ.
איך האָב זײ געזען, איך האָב זײ געהערט!...

זײ האָבן געזונגען אַ טענה אין פּײן, —
געשטאָרבן אַזױ צװישן יאָ און אַ נײן.
איך האָב זײ געזען, איך האָב זײ געהערט!...

איך הער זײ שוין מער נישט, איך זע זײ נישט מער, —
כ'האָב גערן די שטילקײט נאָך זײ װאָס איך הער.
איך האָב זי געזען, איך האָב זי געהערט!...

לעאָפּאָלד סטאַף

אין אַלטן גאָרטן

אין אַלטן גאָרטן, גראָזן,ביימער.
דאָ ווי נאָכן טויער פון גן־עדן
האָט אַמאָל געוווינט מיין יוגנט,
האָט געוווינט דאָס גליק אין פריידן.

כ׳הער זיך איין אין דער אַליינקייט
צו די שאָרכנדיקע ביימער,
גאָרנישט בלייבט פון יענע יאָרן,
איך בלויז בין געבליבן, איינער.

ס׳האָט פאַרוויאַנעט בלויז איין לעבן,
שאָטנס צו דעם ראַנד אַנטרינענ.
ס׳האָט אַזויפיל זיך געביטן,
נאָר די וועלט האָט נישט קיין שינוי.

די נשמה קוקט אַרום זיך
שטוינענדיק, אין אומעט־קלעמען,
ווי די נאַכט וואָלט די לבנה
היינט פאַרגעסן צוצונעמען.

אָפּט מאָל...

אָפּט מאָל, פֿאַרטרייבנדיק די שאָטנס די געדיכטע,
אויפֿסניי געקומען צו די ייִנגסטע יאָרן ביסטו,
ווען ס׳האָט די וועלט דערוואַכט אַ העלע־אומגעריכטע,
און ס׳זענען עפּל זויערע געווען די סאַמע זיסטע;

ווען מ׳האָט געחלומט פֿון פּאַסירונגען און גרויסע זאַכן:
אַרויסציִען אַ טרינקענדיקן פֿונעם טייך דעם קאַלטן,
צי בראַוו זיך איינשטעלן, פֿאַרטיידיקן אַ שוואַכן,
צי ווילדע פֿערד צעלאָזטע אין גאַלאָפּ פֿאַרהאַלטן.

עס פֿלעגט די הוילקייט פֿון דער ווערבע רופֿן מונטער,
אין פּלויט געלאָקט האָט יעדער שפּאַלט דער דינער, קליינער,
נאָר אין דער נאַכט באַפֿאַלט אַ שרעק, די וועלט גייט אונטער,
און ס׳וועלן קינדער פֿון די וויגן גנבענען ציגיינער.

די עזות־פּנימער די קליינע פֿלעגן זײַנד פֿאַרמאָגן,
נאָר ס׳פֿלעגט זיך נאָך די בלאָטע־שפּור צו זיי נישט קלעבן,
און אויף די פֿינגער האָבן זיי בלויז טינטפֿלעקן געטראָגן,
דאָס איז געווען דער שמוץ דער איינציקער פֿון לעבן.

קאַזשימיעזש וויעזשינסקי

צו מיינע פאַרשטאָרבענע

פאַרשטאָרבענע מיינע, פאַרלאָזט מיך נישט!
בלויז נעבן אייער טויט כ׳בין שטענדיק נאָענט צום לעבן,
בלויז אייער זכר קען מיין וועלט נישט מאַכן קלענער,
בלויז איר בלייבט גאַנץ און אומבאַפלעקט אין מיינע טרוים־געוועבן,
בלויז צווישן אייך מיין פאָטער, מוטער, ברודער כ׳וועל דערקענען,
בלויז אייער זיין איז מיר אַ תנאי פאַר אַלע צייטן,
בלויז גיין נאָך אייך און גיין אויף אַלע אייביקייטן.

פאַרשטאָרבענע מיינע, פאַרבלייבט מיט מיר!
בלויז דורך אייך וואָס איז געווען אַמאָל גייט נישט פאַרלאָרן,
בלויז דורך אייך דער שראָם פון עבר ווערט פאַרהיילט, פאַרבונדן,
בלויז דורך אייך באַנעם איך טיף מיין עתיד דעם נישט־קלאָרן,
בלויז דורך אייך נישט טויט און לעבן בלוטיקן ווי וווּנדן,
בלויז אויף אייך זיך אייניקן, נישטאָ אין אייך קיין שטרייטן,
בלויז גיין נאָך אייך און גיין אויף אַלע אייביקייטן.

פאַרשטאָרבענע מיינע, העלפּט מיר!
בלויז דורך אייך פון חלום וועקט זיך אויף מיין גלויבן,
בלויז דורך אייך נאָך שטאַרקער פיל איך אים און גנעדיק,
בלויז דורך אייך פון מיין נסיון כ׳וועל אַרויס דערהויבן,
בלויז דורך אייך וועל איך אים אפשר דורכגיין נישט־באַשעדיקט,
בלויז דאָס ליכט פון אייך מיך הערט נישט אויף באַגלייטן,
בלויז גיין נאָך אייך און גיין אויף אַלע אייביקייטן.

פֿאַרשטאָרבענע מיינע, הערט מיך!
בלויז מיט אָט דעם מענטשלעך לשון זאָגן כ׳וועל אייך קאָנען,
בלויז אַדורכגיין אָט די ערד, וואָס זי האָט אייך באַשאַפֿן,
בלויז דעם הימל און די פֿעלדער און די וועגן צו דערמאָנען,
בלויז די שטאָט אין חורבות, ווו געוועזן זענט איר דאָרט שקלאַפֿן,
בלויז נאָך אייך, וואָס איר זענט יענע שרפֿות דורך אין קייטן,
בלויז גיין נאָך אייך און גיין אויף אַלע אייביקייטן.
אָמען.

יוזעף וויטלין

צו די יידן אין פוילן

בלוט פון אייער אַלטן בלוט אוןביין פון אייערע שוין שוואַכעביינער,
אַ ברידער אין די געטאָס, ווערטער פעלן מיר פאַר ליידן מיינע.
אויף פוילנס ברוקן ווערט פאַרקילט שוין אייער בלוט וואָס איז פאַרפייניקט,
צו טראָגן אייער בלוט ס׳פאַרפייניקטס האָט מיין ליד שוין כוחות ווייניק.
אייער ביין צעשפּאָלטענער אויף פוילנס פעלדער ליגט אַ בלייכער,
אַ קללה אָטעמט פון די ביינער, הינט פאַרהונגערטע זיי ווייכן.
דער הונגער די געדערעם ציט אייך, בלויז די קויל פון קאַט אים שטילט אייך,
בחינם וואַרט איר אויף אַ נס, דער טויט בלויז מיט פּאַפּיר פאַרהילט אייך.
ס׳פּאַפּיר: די פליגל פון דעם נייעם מלאך־המוות, די נישט־ריינע,
שאַרכט אין מיין צעוויייטיקט ליד אין נעכט אין שלאָפלאָזע אין מיינע.

ווו ביסטו מן פון הימל אינעם מדבר פון דער וועלט, דעם נייעם?
ווו ביסטו משהס שטעקן וואָס באַוויזן מופתים האָט ער אין מצרים?
ווו ביסטו קוואַל פון גנאָד וואָס פון בן־אָדם וואַשסטו אָפּ חטאים?
ווו ביסטו, אויפגאַנג־שיין וואָס דו פאַריאָגסט די חשכות טונקל־גראָע?

עס שפּריצט אַ מילך־פאָנטאַן פון נאָוואָליפּיעס הויקערדיקע שטיינער,
פון מויערן פון דער פאַרשקלאָפונג שיט זיך מעל אַ זויבער־ריינע.
מיט וויינשטאָקן באַוואַקסן ווערט די לעשנע ווי אויף כרמלס הייכן,
דיין ציכטיקע נשמה, פריינט, פאַרשיכורסט מיט אַ טרוים אַ רייכן.
בעטסט הילף אַמעריקעס, ווי אויף משיחן אַמאָל, פלעגסט תפילות זאָגן,
אומזיסט דיין רופא יידישער מגפה־שטן פרוווט פאַריאָגן.
ס׳איז מיט קאַרטאָפל אין געהיים דער ברודער־קריסט צו דיר געקומען,
דיין געטאָ־בירגערמייסטער טשערניאַקאָוו האָט סם־המוות איינגענומען,
אין ראַטהויז פון דער אייביקייט סטאַזשינסקי קומט אים גריסן.*
— דערלאַנג די האַנט מיר, ברודער! — זאָגט ער און מער וויל ער גאַרנישט וויסן.

* סטאַזשינסקי — שטאָט־פּרעזידענט פון וואַרשע בעת דעם אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פוילן. דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

בלוט פון אייער בלוט און ביין פון ביינער אייערע צעשפרייטע,
איך שיק צו אייך דאָס אומעטיקע ליד פון פרייהייט פון דער ווייטער.
דער הונגער די געדערעם ציט אייך, בלויז די קויל פון קאַט אים שטילט אייך,
בחינם וואַרט איר אויף אַ נס, דער טויט בלויז מיט פּאַפּיר פאַרהילט אייך.
ס׳פּאַפּיר: די פליגל פון דעם נייעם מלאך־המוות, די נישט־ריינע,
שאַרכט אין מיין צעוויטיקט ליד אין נעכט אין שלאָפלאָזע אין מיינע.

ניו־יאָרק, 30־טער סעפּטעמבער 1942

סטאַניסלאַוו באַלינסקי

די לעצטע מעלאָדיע 1940

פול דער טאָג מיט גישט־נויטיקע רויזן,
ס׳לעשט מיט זיי זיך פּאַריז, אָן אַ צאָל,
כ׳לויף אַהין צום געוועלבל אַנטקעגן
זיך געזעגענען ס׳לעצטע שוין מאָל

מיטן יונגן פראַנצויזישן מיידל
וואָס איר פּנים איז פריש ווי דער מאַי,
וואָס געגלויבט האָט זי, איינס און דאָס זעלבע
איז פראַנקרייך, איר לאַנד, און די פריי.

נאָר פאַרמאַכט איז געוואָרן ס׳געוועלבל,
פאַרקלאַפּט מיט אַ פלאָקן אין מיט,
ס׳איז פינצטער אין שויב און פון וויטן
שוין הערט מען די דייטשישע טריט.

אַנטלויפנדיק, עמעץ רייסט אָפּ נאָך
אַ בלעטל פון וואַנט־קאַלענדאַר,
שרייבט־אָן מיט אַ האַנט פול מיט ציטער:
« Fermé — jusqu'à la victoire. » *

אָט דאָס בלעטל, די אָרעמע ווערטער,
וואָס צוגעקלאַפּט איז אויף דער טיר,
זיי יאָגן מיך נאָך אונטערוועגנס,
זייער ניגון צו חלום קומט מיר.

אַ קראָם איז פאַריז פאַר די אויגן
מיט זעאונגען טריבע פון צער,
ווו עמעצער האָט אָנגעשריבן:
« Fermé — jusqu'à la victoire. »

---

* פראַנצויזיש אין טעקסט. „פערמע — זשיסק׳אַ לאַ וויקטואַר" — פאַרמאַכט ביז צום נצחון.

דער פּאַספּאָרט

ווען די זיכערקייט־אַגענטן וועלן קומען אים פאַרנעמען,
ווייל זינט ערשטן זון־אויפגאַנג, זינט זיינע יינגסטע יאָרן,
האָט ער זיי פאַראַכטעט אין זיין ביטערניש און צאָרן,
ווען זיי וועלן נישטערן אין זיינע בריוו, פּאַפּירן, נעמען,
און זיי וועלן שטרענג זיך פרעגן אויפן פּאַספּאָרט זיינעם,
וועלן זיי אין אים אַזעלכע פּערסאָנאַליען לייענען:

וווקס: **איינס אַכציק.** דער געבוי: **נאָרמאַלער.**
אויגן: **בלויע.** נאָז: **אַ לענגלעכע.** געזיכט: **אָוואַלער.**
נאַציאָנאַליטעט: **אַ נע־ונדניק.** גלויבן: **קינסטלער.**
פּראָפעסיע: **שאָטנס־וועגווייזער.** אַדרעס: **די שטערן־נאַכט, די פינצטער.**
באַזונדערע סימנים: **נישט־פאַרהיילטע ווונד אין האַרצן...**

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

**
*

ס׳טוט אַלץ מיר וועגן דיר דערמאַנען:
אין אָפן פענצטער ס׳בלוי פון הימל,
די גראָזן וואָס אין ווינט פאַרוויאַנען,
דער פייכטער בוים, פאַרוויגט אין דרימל.

ס׳טוט אַלץ מיר וועגן דיר דערמאַנען:
דער גרויער נעפל פאַר די אויגן,
דאָס ווייטע פייפן פון די באַנען,
דער קוסט ביי וועגן קרום־געבויגן.

ס׳טוט אַלץ מיר וועגן דיר דערמאַנען:
ווען ס׳האָרכט גאַנץ פרי דאָס האַרץ דער דאָקטער,
אין טויט־געשאָרך וואָס איז פאַראַנען
און אין סעפּטעמבער־נעכט מיך פּלאָגט ער.

ס׳טוט אַלץ מיר וועגן דיר דערמאַנען:
ביינאַכט — פון סקאָרפּיאָן די אכזריות,
בייטאָג — אַ קוימען, כ׳זע פון דאַנען
ווי ס׳ציט אַ רויך פון קרעמאַטאָריעס.

אַ מיידעלע מיט אַ ליאַלקע

ווען איך וואָלט צוטוליען געקענט דיך ווי דיין ליאַלקע,
ווען אין דער קאָלדרע וואָלט איך דיך געקענט פאַרהילן ווי דיין ליאַלקע,
וואָלט איך געמוזט אַריינקוקן אין קינדער־אויגן פון דער גאַנצער וועלט,
בכדי צו קענען דיך דערזען,
און דאָס וועל איך נישט קענען מיט די אויגן מיינע פול מיט טרערן.

וועגן זיך

איך גיי אַלץ מער אַרום אין אומעט מיינעם,
אין דעם בית־עולם וואָס אַמאָל אַלץ לענגער.
אין מיינע ווייטן דופטן גרינע פליינען
און מיענטע־ריחות מיר די ווינטן ברענגען.

פאַרסמטע, ווילדע שמעקן די געוויקסן,
וואָס כ׳קען נישט מער די נעמען זיך דערמאַנען,
כ׳גיי — טויטערהייט — דורך דראָטן און דורך ביקסן,
ווו אויף די טורעמס שומרים וואַכן, שפאַנען.

נאָר כ׳וואָלט אַוועק, אויף מערב זיך געלאָזן —
געבויגן ווי אַ בוים אין ווינט, צו תפילה,
און צווישן דופט פון בלעטער, צווישן גראָזן,
איך וואָלט געגאַנגען שטילער אַלץ און שטילער.

אוישוויץ, 1943

2. פון דער פראַנצויזישער פּאָעזיע

וויקטאָר הוגאָ

פרילינג

אָט זענען טעג שוין פון התפעלות, ליבע און פון ליכט!
אָט איז שוין פרילינג! מערץ, אַפּריל מיט שמייכלענדיק געזיכט,
צעבליטער מאַי און הייסער יוני, שיינע גוטע פריינט;
טאָפּאָליעס ביי די טייכן שטייען איינגעדרימלט היינט,
און בייגן זיך ווי גרויסע פּאַלמעס, הויך און שלאַנק;
אין שלווהדיקן וואַלד דער פויגל טרילעט לאַנג;
עס דוכט ווי אַלצדינג לאַכט, דיביימער פול מיט פרייד
פאַר זיין צוזאַמען, שירה שעפּטשען זיי זיך שטילערהייט.
דער טאָג שיינט־אויף מיט פרישן ליכטיקן קאַיאָר;
דער אָוונט פול מיט ליבע און ווי הערן וואָלט מען גאָר
ווי ס׳נעמט דער הימל מיט אַ ברכה אַלץ און אַלעמען צונויף,
און ווי עס וואָלט אַ גליק אַ גרויס געזונגען אין אין־סוף.

אַן אַלט ליד פון דער יונגער צייט

איך האָב נישט געחלומט פון ראָזען;
אָט גייט זי מיט מיר דאָ צום גראָז;
מיר האָבן גערעדט וועגן עפּעס,
נאָר כ׳ווייס שוין נישט מער וועגן וואָס.

געווען בין איך קאַלט גאָר ווי מאַרמאָר,
מבולבל מיין גאַנג איז געווען,
איך רעד וועגן בלומען און ביימער,
איר בליק, דוכט זיך, זאָגט מיר: נאָך דעם?

דער טוי האָט געשענקט זיינע פּערל,
זיין שירעם — דער קוסט ביי דער ערד,
און גייענדיק הער איך די שפּערלען
און ראָזע דעם נאַכטיגאַל הערט.

כ׳בין זעכצן יאָר אַלט און פאַראומערט,
זי צוואָנציק; אַ פרייד לייכט פון איר.
דער נאַכטיגאַל זינגט וועגן ראָזען
און ס׳פּייפן די שפּערלען צו מיר.

און ראָזע, צעוויגט אויף די היפטן,
איר אָרעם דעם שיינעם שטרעקט אויס
צו רייסן אַ יאַגדע פון צווייגל;
איך זע אים פון דאָרט נישט אַרויס.

דאָרט צווישן דעם גראָז איז געפלאָסן
אַ וואַסער אַ טיפער און קאַלט,
די גאַנצע נאַטור אַ פאַרליבטע
געדרימלט, געטרוימט האָט אין וואַלד.

אַ שוך האָט זיך אויסגעטאָן ראָזע
און תמימותדיק באַלד שטרעקט זי אויס
אַ פוס צו דעם לויטערן וואַסער;
איך זע אים פון דאָרט נישט אַרויס.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס איר זאָגן
און נאָכגעשפּאַנט כ׳האָב איר אין וואַלד,
אָט האָב איך געזען זי דאָ שמייכלען
און טרויעריק זיפצן דאָ באַלד.

איך זע בלויז אַז זי איז אַ שיינע,
פאַרלאָזנדיק ס׳וועלדל וואָס שלאָפט.
— שויין, טראַכט נישט מער וועגן מיר, זאָגט זי.
זינט דעמאָלט איך טראַכט פון איר אָפט.

זעענדיק אַרומשווימען אויף דער סען פּרייסישע בר-מינגס

יאָ, איר זענט געקומען און אָט ליגט איר אויסגעצויגן
און אָט ווערט איר געקושט, געגלעט, געטראָגן, צוגעבויגן,
אויפֿן ווייכן קישן פֿון די כוואַליעס, אין די תּהומען;
אָט זענט איר אין די ליילעכער פֿון קאַלטע וואַסער-שטראָמען;
דאָס ליגט איר טאַקע אויפֿן שטראָם, איר זין פֿון צפֿון!
און איר פֿאַרמאַכט די בלויע אויגן צו דעם ליבן שלאָפֿן.
איר האָט געזאָגט: „— קומט, לאָמיר גיין צו איר, דער זונה.
צו קושן יעדן דאָרף זיך באַבילאָן נישט צוגעווינען.
דאָרט איז זי; ס'איז געלעכטער און געזאַנג ביי איר פֿאַראַנען;
ס'וועט זיין פֿאַר אונדז דאָרט פֿאַרגעניגן; אָ גערמאַנען,
אָ זאַקסאַנען, לאָמיר ווענדן אונדזער בליק צום דרום,
גיך! קיין פֿראַנקרייך! קיין פּאַריז, זי שטרעקט אונדז אויס די אָרעמס,
זי, וואָס פֿאַר פֿרעמדע שמינקט זי זיך און מאַכט זיך שענער,
די הענט פֿאַר אונדז וועט שפּרייטן..." — און איר בעט די סענע.

אַלפֿאָנס דע לאַמאַרטין

די מושלעס ביים ברעג ים

וועןדיינע שיינע פּיס, אַ מיידל, וואַנדלען איבער
דעם זאַמד, וואָס מיט זיין גאָלד דעם ים באַצירט,
צו אָט דער בלאָנדער מושלע בייג זיך אָן, מיין ליבע,
וואָס וועגוס ביי די שטראָמען שלייפֿט זי און פּאָלירט.

אין צירונג־שאַכטל פֿונעם אָקעאַן געוועזן בלויז איינע;
צו איר די רויזן פֿון דיין באַק זיך גלייכן קענען קוים;
ווען ס׳אויער לייגט מען צו צו איר געדריי געטאָקטן, שיינעם,
דערהערט מען פּלוצים טויזנט שטימען דאָרטן פֿונעם תהום.

אָט דאָ דעם שטורעם הערסטו מיט די כוואַליעס זיינע שווערע,
וואָס קומען, ברומענדיק, צעקלאַפּן זיך ביי דיינע פּיס,
באַלד קען מען דעם געררויש פֿון ווייטע טיפֿע וועלדער הערן
און באַלד גאָר הערן שטימען שעפּטשען שטיל און זיס.

וואָלסט נישט געזאָגט, פֿון דעם געמורמל, יעדן טאָן באַזונדער,
וואָס פּאָר די פּורפּור־ליפּן דיינע דיר די מושלע שענקט,
הילכט אָפּ דער גאַנצער אין־סוף דאָרטן פֿול מיט וווּנדער
און דיר אין דלאָניע אַלע זיינע קלאַנגען ברענגט.

מיין מלאך, נעם זי מיט מיט דיר, און ווען דו וועסט זיך שפּילן
מיט איר אין לאַנגווייל דיינעם און אין בענקשאַפֿט־פּיין,
דיין באַק לייג־צו צום צירונג פֿונעם ים, וועסטו זי שטילן,
און, שליסנדיק די שיינע אויגן, אַלע קלאַנגען זאַמל איין.

אויב פון דער שאָל אַרויס, פון אַלע רוישנדיקע טענער
דערהערסטו איינעם מער פון יעדן טאָן און קלאַנג
און פון די מושלע־ראַנדן שטייגט ער העכער אַלץ און שענער,
ווי ס׳רייסט אַ ליבע־אַנזאָג זיך פון האַרץ אַרויס שוין לאַנג;

אויב שרעקט ער גאָר זיך פאַר דיין תמימות און פאַר דיינע חנען,
אויב קומט ער אויף, אַנטרינענדיק, כמעט אַן אייביקייט,
אויב ס׳דוכט, פון טיפן האַרצן קומט ער פול מיט ווײ און פיינען,
אויב איז ער האָפענונג און יאוש־זיפץ אין גלייכער צייט...

נישט קימער זיך אַז די געהיימניש זאָל דיר ווערן קלאָרער!
ווייל אָט דער צאַרטער הויך, מיין מלאך, דאָס בין איך!
ווי קען דען נאָך אַ קלאַנג זיין ליבער אויף דער ערד דער גאָרער,
ווי ס׳איז אַן עכאָ פון מיין האַרץ וואָס וויל דערמאָנען דיך?

אַלפּרעד דע מיסע

דער פאָרהאַנג פון מײַן שכנה

אימיטירט פון געטע

דער דינער פאָרהאַנג פון מײַן שכנה
באַוועגט זיך לײַכט און הייבט זיך אויף,
דאָס גייט זי אפשר צו, מײַן שיינע,
צו שעפּן פרישע לופט פון הויף.

דאָס פענצטער עפנט מען פאַמעלעך,
און ס׳גיט אין האַרצן מיר אַ טיאָך,
קען זײַן אַז וויסן וויל זי גריילעך
צי כ׳קוק איר פון מײַן פענצטער נאָך.

נאָר ווײ, אַ טרוים געווען, כ׳מוז גלויבן,
מײַן שכנה ליבט גאָר אַ פאַרשוין.
דעם פאָרהאַנג האָט אַ ווינט פאַרהויבן
און אים אַראָפּגעלאָזן שוין.

צום באַרג יונגפראַו

יונגפראַו, ווען דער וואַנדערער וועט זיך פאַרהאַלטן אויף דיין הייך
און זיינע פיס וועט שטעלן אויף דיין קאָפּ — אויף זיין דערגרייך,
וועט זיין זיין האַרץ דערהויבן שיין, צו דיר אַרויף געווענדט.
ווען זיין נשמה, אויף דיין ראַנד, מיט שניי מיט אייביקן באַדעקט,
ווי אַ יונגער אָדלער, וואָס פליט דורך, זיין פליגל שטרעקט,
וואָלט זי געגליטשט זיך און אַנטרונען אינעם קלאָרן פירמאַמענט.

יונגפראַו, ס׳האַרץ, ווי דו, באַהאַלט זיך אין דיין ווייסן ים,
אין הלבשה אָנגעטאָן ווי דו אַליין אָן מינדסטן פגם,
ס׳איז נעענטער צו גאָט, ווי דו אין הימל דריינגסט אַריין.
זאָל דיך נישט חידושן, אָ לויטערער, דערהויבנסטער פון בערג!
וואָס ביים ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב דיין העכסטע הייך באַמערקט,
כ׳האָב געגלויבט, באַשאַפן פון אַ שטערבלעכן קענסטו נישט זיין.

גיִאָם אַפּאָלינער

דער אָפּגעפּונענער לאָק

ער האָט היינט אָפּגעפּונען אין געדאַנק
דעם שיינעם לאָק פון אירע האָר שאַטינע
פון אונדזער גורל שוין פאַרגאַנגען לאַנג
דערמאָנט ער דיר צי קומט ער אויפן זינען

געדענקסטו נאָך דעם בולוואַר לאַ שאַפּעל
אָטוי און דעם מאָנמאַרט דעם שיינעם
כ׳דערמאָן זיך מורמלט זי ווען ביסט די שוועל
אַריבער פון מיין צימערל דעם קליינעם

אַראָפּגעפּאַלן איז ער האַרבסטיק טריב
דער לאָק נישט פון געדאַנק פאַרשוווּנדן
און אונדזער גורל וואָס איז דיר נאָך ליב
האָט ער אויפסניי מיט לעצטן טאָג פאַרבונדן

האַרבסט

אינעם נעפּל גייען זיך אַוועק אַ פּויער קרום־געבויגן
מיט זיין אָקס פּאַמעלעך אין דעם האַרבסט־נעפּל דעם גרויען
וואָס דערפלעך אָרעמע באַהאַלט ער אויס פון מענטשן־אויגן
און גייענדיק אַוועק זינגט־אונטער זיך דער פּויער
אַ ליד פון אומגעטריישאַפט און פון ליבע־קומער
פון אַ האַרץ און רינגל וואָס צעבראָכן זענען און צעשמעטערט
אָ! דער האַרבסט דער האַרבסט דאָס האָט ער אומגעבראַכט דעם זומער
אין נעפּל גייען זיך אַוועק צוויי גרויע סילועטן

די מיראַבאָ - בריק

די סען פליסט אונטער דער מיראַבאָ־בריק
די ליבעס אויך
דאַרף עס דערמאָנען מיר דאָס גליק
די פרייד נאָכן ווייטיק פלעגט קומען צוריק

זאָל קומען די נאַכט זאָל שלאָגן די שעה
די טעג פאַרגייען איך בין דאָ

פנים אל פנים די הענט ווי פאַרשמידט
ווען אונטער דער בריק
פון אונדזערע אָרעמס אונטן ציט
דער אייביקער בליק דורכן שטראָם אַזוי מיד

זאָל קומען די נאַכט זאָל שלאָגן די שעה
די טעג פאַרגייען איך בין דאָ

די ליבע פאַרגייט ווי ס׳וואַסער אין גאַנג
די ליבע פאַרגייט
ווי ס׳לעבן גייט פּאַמעלעך לאַנג
ווי גרויזאַם די האָפענונג איז אין אַ צוואַנג

זאָל קומען די נאַכט זאָל שלאָגן די שעה
די טעג פאַרגייען איך בין דאָ

די טעג גייען־דורך און די וואָכן אָן גליק
נישט צייט קערט זיך אום
נישט אונדזערע ליבעס קומען צוריק
די סען פליסט אונטער דער מיראַבאָ־בריק

זאָל קומען די נאַכט זאָל שלאָגן די שעה
די טעג פאַרגייען איך בין דאָ

די צוויי מוילאייזלען

צוויי מוילאייזלען ציען, ס׳איז איינער מיט האָבער באַלאָדן שווער,
דער צווייטער טראָגט פֿון צינדז פֿאַר זאַלץ דאָס געלט.
אָט דער וואָס האַלט זיך מיט דער משא שטאָלץ און קוועלט,
ווייל נישט בשום־אופן ס׳זאָל אים גרינגער מאַכן ווער.
ער האַלט דעם טראָט פֿאַרהויבן גדלותדיק און קוקט אַהין־אַהער
און לאָזט דאָס גלעקל קלינגען הויך און שטאַרק:
ווען ס׳באַפֿאַלן אים גזלנים, יעדער אים דעם וועג פֿאַרשטעלט,
ווענדיק אים די ממתקים צונעמען, דאָס געלט,
וואַרפֿט זיך אויפֿן מוילאייזל אַרויף אַ חברה ווי אַ באַרג
און מ׳איז מכבד אים מיט שטעקנס גאָרנישט קאַרג.
דער מוילאייזל, וואָס האָט אַקעגן זיך געשטעלט,
האָט אַ צעממיטטער געקרעכצט, פֿון קלעפּ געטראָפֿן.
איז דאָס דער שכר, פֿרעגט ער, וואָס צוגעזאָגט מ׳האָט מיר?
דער מוילאייזל, מיין שותּף, ער איז פֿון געפֿאַר אַנטלאָפֿן,
און איך, מיט ביינער אָנגעבראָכענע, איך פֿאַל, קראַפּיר!
מיין פֿריינט, מאַכט יענער, הער וואָס כ׳וועל דיר זאָגן,
נישט אַלע מאָל איז גוט צו האָבן גאָר אַ הויכן פּאָסטן.
וואָלסטו געדינט אַ מילנער, פּונקט ווי איך, אַ פּראָסטן,
וואָלסטו נישט היינט געווען אַזוי צעממיטט און צעשלאָגן.

זשאַק פּרעווער

די קאַץ און דער פויגל

ס׳הערט אַ דערפּעלע אומעטיק און באַנג
פון אַ פויגל אַ פאַרוווּנדעטן ס׳געזאַנג
ס׳איז דער איינציקער פויגל פון דערפּל
און די איינציקע קאַץ פון דערפּל
וואָס אויף האַלב האָט זי אויפגעגעסן אים
צום זינגען האָט נישט מער דער פויגל זיין שטים
די קאַץ הערט אויף צו מיאַוקען ווי אַ צנועה
און צום לעקן איר פּיסקל שטעלט זי אָפּ יעדע תנועה
און דאָס דערפּל האָט דעם פויגל געמאַכט
אַ שיינע לוויה ממש אַ פּראַכט
און די קאַץ וואָס איז פאַרבעטן ווי יעדער
גייט הינטערן אָרונדל פון שטרוי און פעדער
ווו אַ טויטער ליגט דער פויגל אויסגעצויגן
געטראָגן דורך אַ מיידעלע מיט פאַרוויינטע אויגן
וואָס הערט נישט אויף דעם פויגל צו באַקלאָגן
ווען כ׳וואָלט געוווּסט דאָס קען פאַרשאַפן דיר אַזויפיל פּלאָגן
זאָגט צו איר די קאַץ
וואָלט איך אים אויפגעגעסן גאַנצערהייט און פאַרטיק
און אַ מעשה שהיה כ׳וואָלט דערציילט דיר שיין גרויסאַרטיק
אַז כ׳האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן
ווי ס׳איז דער פויגל ביז עק וועלט אַוועקגעפלויגן
אַהין ווו ס׳איז שוין אַזוי ווייט
אַז קיינמאָל קומט מען נישט פון דאָרט צוריק
וואָלסט צרות ווייניקער געהאַט און לייד
אַ ביסל בלויז באַדויער וואָס דאָס פייגעלע האָט דיך פאַרלאָזן

מען דאַרף נישט קיינמאָל קיין שום זאַך אין האַלבער אַרבעט לאָזן.

3. פון דער דייטשער פּאָעזיע

היינריך היינע

צו מיין מוטער

כ'האָב דיך אַמאָל פֿאַרלאָזט אין הפקר, אין פֿאַרגעסן.
איך האָב געוואָלט עק וועלט זיך לאָזן אָן קיין רו
און זען צי כ'וועל געפֿינען ליבע ערגעץ־ווו,
בכדי אַרומצונעמען זי, צום האַרצן פּרעסן.

איך האָב געזוכט די ליבע איבער אַלע גאַסן,
כ'האָב אויסגעשטרעקט צו יעדער טיר די האַנט,
איך האָב געבעטלט ווי נדבות זי, אָן שאַנד, —
נאָר מ'האָט באַגעגנט מיך מיט שפּאָט און האַסן.

און כ'האָב געוואַנדלט אַלץ נאָך ליבע, אָן אַ זינען,
נאָר נישט געקענט האָב איך אין ערגעץ זי געפֿינען
און כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים פֿאַרצאָגט און קראַנק.

און דאָ ביסט דו אַקעגן מיר געקומען
און כ'האָב דערזען: אין אויג דיינס איז געשווומען
די ליבע, וואָס איך האָב געזוכט שוין לאַנג.

פֿון ציקל: לירישער אינטערמעצאָ

פֿאַרסמט זענען מיינע לידער —
ווי קען עס דען אַנדערש זיין?
דו האָסט דאָך דעם סם געגאָסן
אין מיין בליענדיק לעבן אַריין.

פֿאַרסמט זענען מיינע לידער —
ווי קען עס דען אַנדערש זיין?
איך טראָג אין מיין האַרצן פֿיל שלאַנגען
און דיך אויך, געליבטע מיין.

די וועבער

ניטאָ מער קיין טרער אין די פינצטערע אויגן,
זיי קריצן די ציין ביי דער וועבשטול געבויגן:
„דייטשלאַנד, מיר וועבן אַ סויווע פאַר דיר
און וועבן אַ דרייפּאַכע קללה אין איר —
מיר וועבן, מיר וועבן!

אַ קללה דעם גאָט, וואָס מיר האָבן געבעטן
אין ווינטערקעלט, נויט און פון הונגער צעטרעטן;
מיר האָבן בחינם געהאָפט און געוואַרט,
נאָר ער האָט געחוזקט פון אונדז און גענאַרט —
מיר וועבן, מיר וועבן!

אַ קללה דעם קעניג פון זאַטע און רייכע,
וואָס ס'קען אונדזער עלנט נישט מאַכן אים ווייכער,
וואָס רייסט פון אונדז שטיקער אַ פּאַס נאָך אַ פּאַס,
און לאָזט אונדז דערשיסן ווי הינט אויף דער גאַס.
מיר וועבן, מיר וועבן!

אַ קללה דעם פאָטערלאַנד פאַלשן, געמיינעם,
ווו ס'וואַקסן די פּיין מיט דער חרפּה אינאיינעם,
ווו פּריצייטיק שטאַרבט יעדע בלום אויף דער ערד,
ווו ס'פעלט נישט קיין קויט, וואָס דעם וואָרעם דערנערט. —
מיר וועבן, מיר וועבן!

דאָס שיפעלע טראָגט זיך, די וועבשטול זי קראַכט,
מיר וועבן מיט חשק בייטאָג און ביינאַכט, —
אַלט־דייטשלאַנד, מיר וועבן אַ סויווע פאַר דיר
און וועבן די דרייפּאַכע קללה אין איר.
מיר וועבן, מיר וועבן!"

אין דער פרי

אויפן פּאָבור סען־מאַרסאָ
איז אַ נעפּל היינט געלעגן,
שפּעטהאַרבסט־נעפּל, שווער, געדיכט,
צו אַ ווייסער נאַכט געגליכן.

בלאָנקענדיק אין ווייסער נאַכט
כ׳האָב געזען, פאַרבייגעגאַנגען
איז פאַר מיר אַ פרוי־געשטאַלט,
צו לבנה־שיין געגליכן.

יאָ, ווי די לבנה־שיין
שוועבט זי לייכט, אַ צאַרט־באַחנטע,
אַזאַ שלאַנקן קערפּער־בוי
האָב איך נישט געזען אין פראַנקרייך.

איז זי אפשר לונאַ גופא
וואָס זי האָט היינט ביי אַ שיינעם
צערטלעכן ענדימיִאָן
אין קאַרטיע לאַטען פאַרשפּעטיקט?

וואַנדער!

ווען דיך אַ פּרוי פּאַראַטן האָט,
פּאַרליב זיך תּיכּף אין אַ צווייטער;
נאָך בעסער, גיך פּאַרלאָז די שטאָט —
און וואַנדער אין דער וועלט דער ברייטער!

צום בלויען ים, צו רחבות גיי,
ווו טרויער־ווערבעס בייגט דער שטורעם;
דאָ וויינסטו אויס דיין קליינעם וויי
און שטילסט דעם צער און די יסורים.

און ווען צום הויכן באַרג שטייגסט אויף,
דאָ נעמסטו זיפצן מיד־פּאַרמאַטערט;
דאָך ווען צום פעלדז־שפּיץ קומסט אַרויף,
באַלד הערסטו ווי דער אָדלער פלאַטערט.

דו ווערסט כמעט אַן אָדלער אויך,
דאָרט ביסטו פריי, ווי ניי־געבוירן,
דו פילסט אַז אונטן, פון דער הויך,
דאָרט האָסטו צופיל נישט פּאַרלוירן.

לאָז אָפּ!

דער טאָג איז אין דער נאַכט פֿאַרליבט,
דער פֿרילינג אין דעם ווינטער,
דאָס לעבן איז פֿאַרליבט אין טויט —
און דו, דו ליבסט נאָר מיך!

דו האָסט מיך ליב — שוין נעמען דיך
אַרום די גרויע שאָטנס,
עס וויאַנעט שוין דיין גאַנצער צוויט
און דיין נשמה בלוטיקט.

דו לאָז מיך אָפּ און האָב נאָר ליב
די לייכטע שמעטערלינגען,
וואָס פֿלאַטערן אין זונען־שיין —
און מיך לאָז אָפּ און ס׳אומגליק.

ריינער מאַריאַ רילקע

פון ציקל: טרוימען

אין פרילינג אָדער אין חלום
איך האָב דיך באַגעגנט אַמאָל,
און איצטער גייען מיר אין האַרבסט־טאָג
און דו דריקסט מיך און וויינסט אויפן קול.

צי וויינסטו מחמת די יאָגנדיקע וואָלקנס?
צי מחמת די בלוט־רויטע בלעטער? כ׳גלויב עס קוים.
איך פיל: ביסט געווען אין מאָל גליקלעך
אין פרילינג אָדער אין טרוים.

די מיידלעך זינגען:

אַלע מיידלעך דערוואַרטן ווען
ווען דיביימער אין בליטן שטייען;
און מיר מוזן שטענדיק נאָר נייען און נייען
ביז די אויגן פון מידקייט אונדז ברענען.
אונדזער זינגען איז שטענדיק אָן פרייד,
אונדז שרעקט אַזוי די פרילינג־צייט:
אויב טרעפט אונדז דער פרילינג ערגעץ ווייט,
וועט ער אונדז נישט מער דערקענען.

האַרבסט - טאָג

פּריינט: ס׳איז צייט. דער זומער האָט געדויערט לאַנג.
לייג דיין שאָטן אויף די זונען־זייגערס,
און אויף די פעלדער לאָז די ווינטן בלאָזן באַנג.

הייס די פּירות זאָלן פול און רייפע זיין;
גיב זיי דרומדיקע טעג נאָך צוויי,
צו שלמות שטויס זיי און יאָג־אונטער זיי,
די לעצטע זיסקייט אין דעם שווערן ווייַן.

ווער ס׳האָט נישט איצט קיין היים, דער בויט קיין היים נישט מער.
און ווער ס׳איז איצט אַליין, וועט לאַנג אַזוי שוין בלייבן,
וועט אויפזיין, לייענען, בריוו גאָר לאַנגע שרייבן
און וועט אין די אַלייען שלייכן זיך אַהין־אַהער
מיט אומרו ווען עס וועט דער ווינט די בלעטער טרייבן.

הערמאַן העסע

די אכסניה פון די וואָגלערס

ווי פרעמד און אויסטערליש דאָס איז,
אַזוי כסדר יעדע נאַכט
דער סודותפולער ברונעם פליסט
פון קליאָנעץ־שאָטנס קיל באַוואַכט.

און שטענדיק נידערט ווי אַ דופט
ס׳לבנה־ליכט אויף דעכער קרום
און דורך דער קילער טונקלער לופט
עס שוועבט אַ וואָלקן־מחנה שטום.

דאָס אַלץ דאָרט פון קדמונים שטייט,
מיר אָבער רוען בלויז איין נאַכט
און ווייטער גייען מיר זענען גרייט,
פון קיינעם נישט געזען, באַטראַכט.

און שפּעטער, נאָך פינף יאָר צי צען
טויכט־אויף אַ ברונעם אין געדאַנק
און טויער, דאַך־שפּיץ, ווי געווען,
ווי איצט און ווי ס׳וועט זיין נאָך לאַנג.

ווי היימלאַנד־בענקשאַפט ס׳שיינט אַהער,
כאָטש אונדזער קורצע רו פאַרבלאַסט,
אַ פרעמדער דאַך דעם פרעמדן גאַסט,
די שטאָט דערמאָנט ער זיך נישט מער.

ווי פרעמד און אויסטערליש דאָס איז,
אַזוי כסדר יעדע נאַכט
דער סודותפולער ברונעם פליסט
פון קליאָנעץ־שאָטנס קיל באַוואַכט.

בערטאָלט ברעכט

די קוליעס

זיבן יאָר ווי כ׳בין נישט גלייך געגאַנגען.
ווען איך בין געקומען צום דאָקטער אַהיים
פרעגט ער מיך: צו וואָס די קוליעס־שטאַנגען?
זאָג איך אים: ווייל איך בין געליימט.

דאָס איז נישט קיין ווונדער, צו מיר זאָגט ער,
זיי אַזוי גוט, פּרוביר וואָס כ׳הייס דיך גיכער!
די שמאָנצעס ליימען דיך, ווייזט־אָן דער דאָקטער,
גיי, פאַל, און זיי אויף אַלע פיר אַ קריכער!

און לאַכנדיק אַזוי ווי אַן אומגעהייער
נעמט ער פון מיר אַוועק די קוליעס די שיינע
און ברעכט זיי איבער אויף מיינע ביינער
און וואַרפט זיי לאַכנדיק אַריין אין פייער.

איצט בין איך אויסגעהיילט, אַ גלייכער גיי איך.
כ׳בין דורך אַ געלעכטער געוואָרן גענעזן.
נאָר ווען פון צייט־צו־צייט העלצער דערזע איך
ווערט מיר שעהען־לאַנג ערגער, ווי געוועזן.

פּאַול צעלאַן

איך האָב געהערט זאָגן

איך האָב געהערט זאָגן, ס׳איז פֿאַראַן
אין וואַסער אַ שטיין און אַ קרייז
און איבער דעם וואַסער אַ וואָרט
וואָס לייגט־אויס דעם קרייז אַרום דעם שטיין.

איך האָב געזען מיין טאָפּאָליע אַראָפּנידערן צום וואַסער,
איך האָב געזען ווי איר אָרעם לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיפֿעניש,
איך האָב געזען אירע וואָרצלען ווי זיי בעטן ביים הימל
אַז ער זאָל צו זיי גענענען די נאַכט.

איך האָב נישט נאָכגעאיילט נאָך איר,
איך האָב צונויפֿגעקליבן אויף דר׳ערד יענע ברעקלעך
וואָס האָבן דאָס געשטאַלט פֿון דיינע אויגן און דיין איידלקייט,
איך האָב אַראָפּגענומען די ווערטער־קייט פֿון דיין האַלדז
און מיט איר אַרומגעזוימט דעם טיש, ווו דאָס ברעקל איז געלעגן.

און כ׳האָב מער נישט געזען מיין טאָפּאָליע.

די קרוגן

ביי דעם לאַנגן טיש פֿון דער צייט
זויפֿן מיר פֿון גאָטס קרוגן.
זיי טרינקען אויס די אויגן פֿון די זעעוודיקע און די בלינדע,
די הערצער פֿון דעם שאָטן וואָס באַוועלטיקט
די הוילע באַקן פֿון דעם אָוונט.
איר זענט די געוואַלטיקסטע זויפֿער:
איר פֿירט דאָס פּוסטע צום מויל ווי דאָס פֿולע
און שוימען נישט איבער ווי דו אָדער איך.

קרישטאָל

נישט אין מיינע ליפּן זוך דיין מויל,
נישט פֿאַרן טויער דעם פֿרעמדן,
נישט אין די אויגן די טרערן.

זיבן נעכט העכער וואַנדערט רויט צו רויט,
זיבן הערצער טיפֿער קלאַפּט די האַנט אין טויער,
זיבן רויזן שפּעטער רוישט דער ברונעם.

שלאָף און שפּייז

דער הויך פֿון דער נאַכט איז דיין ליילעך, די פֿינצטערניש לייגט זיך צו דיר,
זי רירט דיר אָן דיין קנעכל און שלייף, זי וועקט דיך צו לעבן און שלאָף,
זי שפּירט דיך אין וואָרט, אין באַגער, אין מחשבות,
זי שלאָפֿט ביי יעדן פֿון איך, זי רופֿט דיך דו זאָלסט זיך אַנטפּלעקן.
זי קעמט דיר אויס דאָס זאַלץ פֿון די וויִעס און דערלאַנגט עס דיר צום טיש,
זי הערט זיך אונטער צו דיינע שעהען און איז דיך מיט זייער זאַמד מכבד.
און דאָס וואָס זי איז געווען ווי אַ רויז, ווי אַ שאָטן און וואַסער,
שענקט זי דיר אָוועק.

נעלי זאַקס

כאָר פון די ניצול-געוואָרענע

מיר די ניצול-געוואָרענע,
פון וועמענס פּלאַכן געביין דער טויט האָט שוין אויסגעשניטן זיינע פלייטן,
פון וועמענס אָדערן דער טויט האָט שוין אויסגעשניצט זיינע בויגנס —
אונדזערע גופים יאָמערן נאָך
מיט זייער פאַרשטומטער מוזיק.
מיר די ניצול-געוואָרענע,
שטענדיק נאָך הענגען-נאָך די תליה-שטריק פון אונדזערע העלדזער
פאַר אונדז אין דער בלויער לופט —
שטענדיק נאָך פילן זיך אָן די שעהען מיט אונדזער טראָפּנדיקן בלוט.
מיר די ניצול-געוואָרענע,
שטענדיק נאָך עסן אונדז די ווערעם פון דער אימה.
אונדזערע שטערנס זענען פאַרגראָבן אין שטויב.
מיר די ניצול-געוואָרענע
בעטן אייך:
ווייזט אונדז פּאַמעלעך אייער זון.
פירט אונדז פון שטערן צו שטערן טריט ביי טריט.
לאָזט אונדז ווידער לערנען געלאָסן צו לעבן.
אַנדערש וואָלט דאָך געקענט דאָס ליד פון אַ פויגל,
צי ס'אָנשעפּן עמערס אין ברונעם
אויפּוועקן אויפסניי אונדזער שוואַך-פאַרהיילטן ווייטיק
און אונדז אָוועקשוימען —
מיר בעטן אייך:
ווייזט אונדז נישט קיין בייזן בייסנדיקן הונט —
עס קען זיין, עס קען זיין
אַז מיר זאָלן צעפאַלן אין שטויב —
פאַר אייערע אויגן צעפאַלן אין שטויב.

וואָס האַלט דען אונדזערע געוועבן צוזאַמען?
מיר אָטעמלאָז־געוואָרענע
וועמענס נשמה איז צו גאָט פון חצות אַרויסגעפלויגן
לאַנג נאָך איידער מ׳האָט אָפּגעראַטעוועט אונדזער גוף
אין דער תיבה פון דעם אויגנבליק.
מיר די ניצול־געוואָרענע,
מיר דריקן אייערע הענט,
מיר דערקענען אייערע אויגן —
אָבער צוזאַמען האַלט אונדז נאָך בלויז דער אָפּשייד,
דער אָפּשייד אין שטויב
האַלט אונדז מיט אייך צוזאַמען.

עלזע לאַסקער־שילער

מיין טאַנץ-ליד

עס ברויזט פון מיר אַ טאַנץ־מוזיק אַ פינצטערע אַרויס,
אויף טויזנט שטיקער מיין נשמה ווערט צעפּרעסן;
דער טייוול זוכט מיין אומגליק וואָס איז גרויס
בכדי עס צו זיין בראַנדיק האַרצן פרעסן.

די רויזן פליען מיר אַרויס פון מיינע האָר,
ס׳צעשפּרינגט מיין לעבן זיך אין אַלע זייטן,
און כ׳טאַנץ שוין אָט אַזוי זינט טויזנט יאָר,
זינט מיינע סאַמע ערשטע אייביקייטן.

נאָר דיך

דער הימל טראָגט אין וואָלקן־גאַרטל
די אויסגעבויגענע לבנה.

אונטער אָט דעם סערפּן־בילד
כ׳וויל אין דיינע אָרעמס רוען.

כ׳מוז שטענדיק נאָכגיין ווו דער שטורעם וויל,
איך בין אַ ים אָן ברעגן.

אָבער זינט דו זוכסט דאָרט מיינע מושלען,
לייכט אַזוי מיין האַרץ.

דאָס ליגט אויף מיינע דנאָען
פאַרכישופט.

אפשר איז מיין האַרץ די וועלט,
וואָס קלאַפּט —

און זוכט נאָר דיך אַרום —
ווי אַזוי זאָל איך דיך רופן?

ירושלים

גאָט האָט אויסגעבויט זיין חוט־השדרה: ארץ־ישראל
פון איין איינציקן קנאָכן: ירושלים.

איך וואַנדל ווי דורך מאַוזאָלייען —
פאַרשטיינערט איז אונדזער עיר־הקודש.
עס רוען שטיינער אין געלעגערס פון זייערע טויטע ימען,
שטאָט וואַסער וואָס פאַליעט ווי זייד, זיי שפּילן: קומען און פאַרגייען.

עס קוקן די גרונטן דעם וואַנדערער אָן אין זיין גיין
און ער פאַרזינקט אין זייערע פאַרגליווערטע נעכט.
איך האָב מורא אַז איך וועל זיי נישט קענען גובר זיין.

ווען דו וואָלסט דאָ אַהער געקומען...
אין העלן אַלפּן־מאַנטל איינגעהילט —
אין בין־השמשות וואָלט מיין אָרעם דיך אַרומגענומען —
וואָלט ער דיך איינגעראַמט ווי אַ ישועהדיק און הייליק בילד.

ווי אַמאָל אין טונקלעניש געליטן האָט מיין האַרץ —
פלעגן אָנקוקן מיך דיינע אויגן: בלויע וואָלקנס.
זיי האָבן מיך אַרויסגענומען פון מיין טריבשאָפט טיפע, שוואַרץ.

ווען דו וואָלסט דאָך געקומען
אין לאַנד פון אונדזערע אָבות צו גיין
וואָלסטו געוויזן מיר ווי אַ קינד גאָר קליין:
ירושלים — זיך דערלעבט מיט דיר צו פרייען!

עס גריסן אונדז און פאָכען
גאָטס לעבעדיקע פאָנען, העלע, ציכטיק־ריין,
גרינענדיקע הענט וואָס לעבנס־אָטעמס זייען.

אינהאַלט:

פון זיך צו זיך

* (מיין ליד) 9
צווישן ביכער 10
האַרץ מיינס 12
און אפשר... 13
באַהיט מיך, גאָט... 14
יידישע ביכער 15
איך זינג... 16
צום בוים אין האַרבסט 18
ווען ס׳פאַלט אַ בוים אין וואַלד... 19
מיין מאַמע ביי דער באַליע וועש 20
מיין מאַמע באַקט ברויט 22
מען לופטערט ספרים 23
ל״ג־בעומר 24
שניימענטש 26
מיין פעטער מרדכי 28
אין דרויסן פאַר מיין פענצטער... 30
אַ פענצטער אין שטאָט 31
דו האָסט אַראָפּגעלאָזט די אויגן 32
קוק נישט אַריין אין מיין כתב־יד... 33
אָפּשייד 34
ווי גוט עס איז אין וועג אַריין זיך לאָזן... 35
אַזאַ בענקשאַפט... 36
דער אָרעם פון ליבשאַפט 38

צעשאָטענע קערנער

אַן אַקער זיצט אין ווינטערדיקן פעלד 43
דער טויט פון אַ קלאָון 44
פאַרוואַנדלונג 45
אַ חלום מיט אַ פערד 46
די טענה פון אַ הונט 48
מיין בקשה צום באַשעפער 50
וווּ נעמסטו רבונו דעלמא? 52
מ׳האָט געגראָבן די ערד... 53
דער פויער און דער מלאך־המוות 54
אַ מענטש מיט אַ זאַק 56
דער געטלעכער קוש 58

געזאַנג צווישן מויערן

ציגל 61
די בריקן אין פּאַריז 62
פּרויען אין קאַפעען 63
אַן אַלטע פּיאַנע שטייט פּאַרלאָזט אין דרויסן 64
אין צוג 66
מאַנעקען פּיס 68
אַ יום־טוב אויפן פּלאַץ 70
פּנימער 72
ביים קבר פון היינריך היינע 74
רי עמיל רישאַר 77
מיסיע גיאַטין 79

דער פאַרכישופטער באַראַק

וואָס איז מיטן בוים? 85
נישטאָ מער יענער דאַך... 86
אויף אַמאַליקע שטעגן 88
צו מיין ליד 89
דערמאָנונג נאָכן זען די תהילים־בילדער פון בען 90
דריי ברידער זענען זיי געווען... 92
כ׳פאָר ווידער קיין ירושלים... 97
פרייטיק פאַרנאַכט אין תל־אביב 99
דער אייז־ייד פון בני־ברק 102
שבת נאָך מיטאָג אין אשקלון 104
דער שיכפוצער פון דער תחנה מרכזית 106
אַ פייגנבוים אַן עקשן 107
די פוסטע ווינטמיל 110
דער פאַרכישופטער באַראַק 112

ניו־יאָרקער מאָטיוון

מאַנהעטן 117
אויף דער בריק פון ברוקלין 118
אַ באַגעגעניש 120
אין אַ קאַפעטעריע 122
אַ שוואַרצער מאַן מיט ווייסע האָר 124
ניו־יאָרק פון דער ווייטנס 126
אויף פינפטער עוועניו פאַרנאַכט 127
לזכר צוויי נעמען 128
קאַפע ראָיאַל 130
אין דער איסט־סאַיד 132
נאָך מיטאָג אין וואַשינגטאָן־סקווער 134
אין ברוקלין אויפן ברוק 136
קריסמעס־בוים און חנוכה־לאָמפּ אין בראָנקס 138
שמחת־תורה תשל"ו אין ברוקלין 140
אין סי געיט 142
זונטיק נאָך מיטאָג אין בראַיטאָן ביטש 144
ביים פאַרלאָזן ניו־יאָרק 146

אַ הויז ביים ים

פון פענצטער זע איך וואַסער בלויז... 151
כוואַליעס 152
אַ לבנה אין ים 154
אין שפּעטן אָוונט 155
אַ כוואַליע איז אַנטלאָפן... 156
ביינאַכט ווען אַלץ און אַלע רוען 157
שיפלעך, שיפלעך... 160
אַן איינזאַמער מאַן מיט אַ ווענטקע אין האַנט 161
אַ דערטרונקענער אין ים 162
Pointe du Raz 163
איך גיי לענגאויס דעם ברעג... 164
קינדער אויף דער פּלאַזשע 165
אין אַ קאַפעהויז אין בעג־מעיל 166
אַלטע פרויען ביי דער פּלאַזשע 168
אין אַ שטורעם־נאַכט 170
אינדזלעך צעוואָרפן... 172
שטערן אין ים 174
שטימען פון מעוועס 176
מעוועס און טויבן 178
רעקס 179
דער פיש־וואָקזאַל 180
ברעטאָנערינס 182

ערשטע שאַפונגען

פון דער לידער־זאַמלונג „ברויט און בליי"

דער טאַטע שטרייקט 187
אַ פרימאָרגן אין דער היים 189
אַרבעטסלאָזע אין האַרבסט 190
אַ בייער קאַלענדאַר 193
ווי ליב ס'האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי... 194
מיר זענען ביידע דאָ געגאַנגען... 196
ביי דער ווייסל 198
הינטער קראַטעס
.1 200
.2 201
.3 202
.4 203

בלוט אויף דער ערד

דאָס לעצטע ברויט 204
„וועלף..." 205
געזשום פון טעלעגראַפן־שטאַנגען 207
שלעסער, שלעסער... 208
אין טאַטנס ראַק 210

פון דער לידער־זאַמלונג „דאָס פייפל אין די בערג"

אין וועג 215
אין דער הייך 216
אָווידיוש 217
עס גייט די טשערעדע... 218
דער טשערעמאַש 219
הוצולן־קינדער 221
אַ באָרוועסער בעטלער־הוצול 222

גיט אַפּ די זון! 223
באַרג־אַרויף 226
אָוונט 227
עס כאַפּט זיך אויף דער וואַלד 229
נאַכט אין די בערג 230
צום באַרג אָווידיוש 232

באַריסלאַוו

פּרעליוד 234
ביי אַ נאַפּטברונעם 235
אויף הפקר־פעלד 236
אַז עס גיט די ערד אַ שפּריץ... 237
נאַפּט... 239

איבערזעצונגען

1. פון דער פּוילישער פּאָעזיע

יוליאַן טווים

דערמאָנונג 245
אויפן באַלקאָן 246
בלינדע 247
נישטאָ קיין לאַנד... 248
אַ ווילע 249
עמעץ 249
דער אומבאַקאַנטער בוים 250
מעלאַנכאָליע פון שטייענדיקע ביי ווענט 252
אַלטיטשקע 252
די מוטער 253
אַ יידיש יינגל 255

וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

זאָרג און געזאַנג 256
און ווען איך וועל שטאַרבן... 257
די לבנה פון דער פּאַווע־גאַס 258
די רויז פון שרון 261
כותל־מערבי 263

באָלעסלאַוו לעשמיאַן

אַ ראָמאַנס 264
מענטשן 265

לעאָפּאָלד סטאַף

אין אַלטן גאָרטן 266
אָפּט מאָל... 267

קאַזשימיעזש וויעזשינסקי

צו מיינע פאַרשטאָרבענע 268

יוזעף וויטלין

צו די יידן אין פּוילן 270

סטאַניסלאַוו באַלינסקי

די לעצטע מעלאָדיע 1940 272
דער פּאַספּאָרט 273

סטאַניסלאַוו ווינגאַרזקי

* (ס'טוט אַלץ מיר וועגן דיר דערמאָנען) 274
אַ מיידעלע מיט אַ ליאַלקע 275
וועגן זיך 275

2. פון דער פראַנצויזישער פּאָעזיע

וויקטאָר הוגאָ

פרילינג 279
אַן אַלט ליד פון דער יונגער צייט 279
זעענדיק אַרומשווימען אויף דער סען פּרייסישע בר־מינַנס 281

אַלפאָנס דע לאַמאַרטין

די מושלעס ביים ברעג ים 282

אַלפרעד דע מיסע

דער פאַרהאַנג פון מיין שכנה 284
צום באַרג יונגפראַו 285

גיאָם אַפּאָלינער

דער אָפּגעפּונענער לאָק 286
הארבסט 286
די מיראַבאָ־בריק 287

זשאַן דע לאַ פֿאָנטען

די צוויי מױלאײזלען 288

זשאַק פּרעווער

די קאַץ און דער פֿױגל 289

3. פֿון דער דײַטשער פּאָעזיע

הײנריך הײנע

צו מײַן מוטער 293
פֿון ציקל: לירישער אינטערמעצאָ 293
די וועבער 294
אין דער פֿרי 295
וואַנדער! 296
לאָז אָפּ! 297

רײנער מאַריאַ רילקע

פֿון ציקל: טרוימען 298
די מײדלעך זינגען 298
האַרבסט־טאָג 299

הערמאַן העסע

די אכסניה פֿון די וואָגלערס 300

בערטאָלט ברעכט

די קוליעס 301

פּאָול צעלאַן

איך האָב געהערט זאָגן 302
די קרוגן 302
קרישטאָל 303
שלאָף און שפּײַז 303

נעלי זאַקס

כאָר פֿון די ניצול־געוואָרענע 304

עלזע לאַסקער־שילער

מײַן טאַנץ־ליד 306
נאָר דיך 306
ירושלים 307

פאַרענדיקט דעם דרוק אין
חודש אויגוסט 1977, אין
דער דרוקעריי „אימ. פּאַ.“
פּ אַ ר י ז